Hebr. Ej. 881
Speqtor

פרייז 75 קאפ׳

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר׳ יצחק פונק בווילנא.

# קאליקעס

ערצעהלונג

פון

מ. ספעקטאר.

ווילנא
בדפוס י. פיראָזשניקאָוו
תרס״ג

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר׳ יצחק פונק בווילנא.

# קאַליקעס

ערצעהלונג

פון

מ. ספעקטאר.

ווילנא, תרס״ג. בדפוס י. פיראָזשניקאָוו.

# КАЛѢКИ

РАЗСКАЗЪ

М. СПЕКТОРА.

*Изданіе книзнаго магаз. Исаака Функа. Вильна.*

Вильна, Типографія И. I. Пирожникова, Завальная ул. д. № 1147.

1902.

Дозволено Цензурою Варшава 22-го Декабря 1901 г.

I.

## אידא פאקעוועט זיך.

— וואָס וועסט דו פֿאָהרען און וואָס האָסט דו צו פֿאָהרען? שוין דריי יאָהר אַז דו האָסט זיך איינגערעדט פאָהרען און פֿאָהרען און עס איז דיך ניט אָפּצורעדען, ווער לאָזט דיך דען דאָ ניט לערנען, און ווי פיעל איז דער שיעור פֿאַר אַ מיידיל זיך צו לערנען? איך האָב אַלץ גערעכענט, איך האָב געמיינט, מילא וואָס אַ קינד רעדט זיך איין, און איצט פאַקעוועסט דו דיך שוין, סיידען האָסט אויף מיר קיין רחמנות ניט, סיידען אַז איך האָב ביי דיר קיין ווערט ניט, אַרט דיך ניט וואָס איך וועל קראַנק ווערען פֿון דיין אַוועקפֿאָהרען. וויפֿיעל האָסטו מיר געזונד געקאָסט ביז איך האָב דיך אויסגעהאָדעוועט. ניט איצט געדאַכט ווען דו האָסט געמאָזעלט, געפאָקט, שקאַרלאַטינע, שקרופֿעל, מאַנדלען אין העלזיל, איך קען זיך דען אָנדענקען? נאָר יעדעס מאָל האָב איך דיך מיט מיינע טרערען אויסגעבעטען ביי דעם וואָס לעבט אייביג, וויפֿיעל נעכט האָב איך ניט געשלאָפען און איצט דאַנקסט דו מיר אַזוי אָפּ.

די מוטער האָט מיט טרערען אין די אויגען ניט אויפֿגעהערט צו בעטען איהר טאָכטער אידאַ, נאָר זי האָט אַלע מאָל אַריינגעלעגט אין וועג־קאַסטען אַ קליידיל, אַ קאַפּטעלע, ביכער און פֿערשיעדענע שמאָכטעס, ווי אַ קעסטעלע פֿון קאָנפעקטען וואָס הירשעל האָט איהר פֿאַר יאָהרען געקויפֿט צו איהר געבורסט־טאָג. און איצט ליגט אין דעם שענעם קעסטעלע פֿאָדעם, באַוועליך, קנעפליך א. ד. ג.

מיט יעדע זאַך וואָס אידאַ האָט אַריינגעלעגט אין וועג־קאַסטען האָט זיך ביי דער מוטער אָפּגעריסען דאָס האַרץ.

די קליידער שאַפֿע איז אָפֿען, די שיפֿלעדען פֿון קאַמאָד זענען אַרויסגערוקט, אידאַ זוכט אין זיי איהרע נייטהיגע זאַכען וואָס זי ברויכט מיטנעמען. אין שטוב איז אַ אונאָרדנונג, איהר פאָטער געהט אַרום צוטראָגען, איהר עלטערע שוועסטער זיצט טרויריג, די איבריגע קינדער פלאָנטען זיך אונטער די פֿיס און פֿרעהען זיך מיט דער אונאָרדנונג. הירשעל איז אויך דאָ, ער זעהט קיינעם ניט, ער הערט און בעמערקט גאָר ניט, ער זעהט נור אידאַן און מיט די אויגען בעגלייט ער איהר יעדעס ריהרען זיך. אָט בייגט זי זיך איין אין קאַסטען, איהרע בלאָנדע האָר

פֿאַלען איהר איבער די אויגען, אָט הויבט זי זיך אויף און די האָר לעגען זיך צוריק אויפ'ן קאָפּ און אויף די פּלייצעס. ער בעמערקט ווי זי פֿרייט זיך וואָס זי פֿאָהרט שוין, און אָט ווערט זי טרויריג ווען די מוטער וויינט. און אפשר איז זי טרויריג וואָס ער, הירשעל בלייבט דאָ, וואָס זי פֿאָהרט אַוועק פֿון איהם, אפשר איז איהר אויך שווער שיידען זיך מיט איהם, אָ ווען ער ווייסט עס, ווען זי זאָגט עס איהם, אפשר וועט זי איהם נאָך זאָגען, ער האָט נאָך אַזוי פֿיעל מיט איהר צו רעדען... זי וויל שוין מאָרגען פֿאָהרען, נאָר ער וועט זי בעטען זי זאָל האָטש נאָך אויף איין טאָג בלייבען. און הירשעל האָט ווייטער איהר נאָכגעקוקט ווי זי זוכט אין דער שאַפֿע אין די שיפֿלעדען און ווי זי פּאַקעוועט זיך. די הויזלייט ווילען העלפֿען פּאַקעווען, נאָר אידאַ לאַזט קיינעם ניט. „אַז איך וועל אַלעס אַליין אַנידערלעגען וועל איך קענען נאָכהער אַלעס געפֿינען" — זאָגט זי און הערט ניט אויף צו פּאַקעווען.

— דו, דו נחמן, ביזט אין אַלעם שולדיג, האָט זיך פּעסיע אָנגערופֿען צו איהר מאַן, ווען דו, אַ טאַטע, זאָלסט איהר זאָגען וואָלט זי ניט געפֿאָהרען.

— איך? איך זאָל איהר זאָגען, זי וועט מיך דען פֿאָלגען? זי איז שוין ב"ה ניט קיין ברעקעלע קינד, — האָט ער זיך פֿאַר זיין פֿרוי פֿאַרענטפֿערט.

— אַ טאַטע האָט שוין גאָר ניט צו שאַפֿען איבער זיינע קינדער?

— מאַמע! — האָט זיך אַריינגעמישט אידאַ און אַוועקגעוואָרפֿען דאָס פּאַקעווען — איהר האָט ביידע איבער מיר צו שאַפֿען. הייסט מיר ניט פֿאָהרען, בלייב איך צו הויז.

— פֿאַר וואָס זאָלסט דו טאַקע ניט בלייבען צו הויז? קיין עין־הרע, אַזאַ שען מיידיל ווי דו, קענסט דאָ קומען צום שענסטען שידוך, שדכנים ב"ה געהען ניט אַרויס פֿון אונזער שטוב, אַנדערע מוטערס, אָהן מיין שאָדען, וואָלטען זיך געוואונשען צו זעהן ביי זיך אין שטוב אַזוי פֿיעל שדכנים און דו פֿאָהרסט גאָר אַוועק אין אַ פֿרעמדער שטאָדט, ווי פּעטערבורג. וואָס פֿאַר אַ תּכלית קען זיין פֿון דיר? ווילסט נאָך לערנען, קענסט דו דאָ לערנען, דו האָסט שוין גענוג געלערענט.

— וואָס ווילסט דו, מאַמע, איך זאָל זיך אומגליקליך מאַכען ווי די שוועסטער? זי איז נאָך שענער געוועזן פֿון מיר און זעה ווי זי זעהט נעביך איצט אויס.

איהר עלטערע שוועסטער פעריל, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען טרויריג און האָט געשוויגען, האָט אַרומגעהאַפּט אידאַ'ן, זי אָנגעהויבען קושען און זיך צעוויינט.

— וואָס בין איך שולדיג, האָט זיך די מוטער אָנגערופֿען, זי איז נעביך געבוירען געוואָרען אין אַ ביטער מַזָל.

— האָסט קיין צייט ניט געהאַט און האָסט איהר חֲתוּנָה געמאַכט מיט אַ קאַליקע.

— צו וואָס רופֿסט דו איהם אַזוי אָן, ? ער איז דאָך מיין מאַן, אַ פֿאָטער פֿון מיינע קינדער, און איך האָב איהם ליעב, וואָס איז ער נעביך שולדיג ? — האָט זיך די שוועסטער אָנגערופֿען.

— וואָס הייסט, היים איז דען אַ קאַליקע ? הַלְוַאי וואָלט ער נור געהאַט מַזָל, האָט די מוטער זיך אַריינגעמישט. אַזאַ יאָהר זאָל איך האָבען וואָס פֿאַר אַ וואוילער יונגערמאַן ער איז.

— ער איז זעהר אַוואוילער יונגערמאַן, און איז אַוַדְאי ניט שולדיג. נאָר וואָס קומט אַרויס ? מיין שוועסטער מיט איהרע קינדער זענען נעביך אומגליקליך, אַזוינע ווי היים האָבען ניט געטאָרט חֲתוּנָה האָבען. איך וויל לערנען, איך זאָל קענען זיין אַ מענש פֿאַר זיך, ניט זיין אָפּהענגיג פֿון יענעם. וועט מיר באַשערט זיין וועל איך אַ מאָל חֲתוּנָה האָבען פֿאַר אַ מענשען און ווען ניט זאָל איך ניט מוזען אַוועקגעבען מיין גאַנץ לעבען אַ קאַליקע:

— דאָס איז מיין טאָכטער! איך דערקען מיין טאָכטער! האָט איהר פֿאָטער אויסגעשריגען און געקלאַפּט מיט די הענד פֿון גרויס פֿרייד, געראָטען אין מיר, פונקט ווי איך, הַלְוַאי וואָלט איך אין דיינע יאָהרען אויך קיינעם ניט געפֿאָלגט און אַוועקגעפֿאָהרען זיך לערנען גלייך מיט מיינע אַמאָליגע חֲבֵרִים, וואָלט איך אויך ניט געבליבען קיין אייביגע קאַליקע.

— נו, פֿאָטער, איך רעד ניט וועגען דיר, האָט זיך אידאַ אָנגערופֿען. עס איז ניט דאָ קיין בעסערער און שענערער מענש ווי דו ביזט אין מיינע אויגען. איך בין שטאָלץ וואָס דו ביזט מיין פֿאָטער.

— וואָס רעדסט דו, מיין קינד, איז דען נאָך דאָ אַזאַ קאַליקע ווי איך ? וואָס וואָלט פֿון מיר געווען ווען איך פֿאָלג ניט מיינע עלטערן, מיין יחסונידיגע מִשְׁפָּחָה און פֿאָהר דאַן אַוועק; וואָס איז געוואָרען פֿון מיינע חֲבֵרִים וואָס האָבען אַ סך ווינציגער פֿעהיגקייטען געהאַט צום לער־

נען ווי איך? דער איז איצט אַ בעוואוסטער דאָקטאָר, דער בויט בריקען און באַהנען, דער איז בעריהמטער אַדוואָקאַט און אפֿילו די וואָס האָבען נעחאַט אַזוינע שווערע קעפּ וואָס זענען נים געווען אין שטאַנד ווייטער צו לערנען און זענען געוואָרען בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת, זענען אויך געוואָרען מענ־שען, און איך וואָס בין? אַ נֶאֱמָן ביי קלמן לאַוויצער, אַ שטאָדט לעה־רער אויף זיבעציג שפּראַך, אַ פּראָשענע שרייבער, אַ בריוועל שרייבער, אַ גאָר ניט, אַ קאַליקע בין איך! און ביי מיינע אַלע פֿערדיענסטען, בין איך ניט אין שטאַנד, מיין פֿרוי און קינדער אויסצוהאַלטען בְּכָבוֹד, זיי ערציהען ווי איך וואָלט געוואָלט, ווער שמועסט נאָך העלפֿען אַ קינד אין איין אומגליק. אַליין בין איך קראַנק, אַלט, גרוי פֿאַר דער צייט פֿון פֿיעל אַרבייט, אַ קאַליקע בין איך! פֿאָהר, מיין טאָכטער, פֿאָהר מיט גליק, הַלְוַאי וואָלט איך דאַן קיינעם ניט געפֿאָלגט און אַוועקגעפֿאָהרען— הַלְוַאי... הַלְוַאי...

נחמן האָט זיך פֿאַרהוסט און ניט געקענט רעדען, נאר געמאַכט מיט די הענד אין דער זייט ווי די בריק געפֿינט זיך, דורך וועלכע צוריק מיט אַ יאָהר דרייסיג זענען זיינע חֲבֵרִים אַנטלאָפֿען פֿון שטעדטיל אין דער וועלט אַריין זיך לערנען.

— הער שוין אויף, אַלטער נאַר, צו פּלאַפּלען, האָט זיך פּעסי אָנגערופֿען, וואָס הַלְוַאי, ווער הַלְוַאי? וואוהין וואָלסט דו געפֿאָהרען, ווי וואָלסט דו געקענט זיין אַ מינוט אין דער פֿרעמד אָהן מיר? ווי וואָלסט דו אויפּגעשטאַנען, איך זאָל דיר די שטעקשיך ניט דערלאַנגען און וואָס וואָלסט דו געגעסען ווען ניט איך? דו ביזט אַזוי אויך אַ נענוגער קאָפּ־ריזניק, נאָך אַוועקפֿאָהרען אין דער פֿרעמד, זיין אָהן מיר, פֿעהלט דיר, אַ שענער לייט וואָלט פֿון דיר געוואָרען אָהן מיר.

— אַ שענער לייט זאָגסט דו? טאַקי אַ לייט! — אַ דאָקטאָר, אַ אינזשעניער, איין אַדוואָקאַט וואָלט איך געווען, אַ אוניווערזיטעט וואָלט איך געענדיגט, אַ דיפּלאָם וואָלט איך געהאַט, דו הערסט פּעסיל אַ די־פּלאָם!..

— דיפּלאָם! דיפּלאָם! איך האָב שוין גענוג זיך אָנגעהערט פֿון דיר „דיפּלאָם", און אַזוי וואָס פֿעהלט דיר? ב"ה ניט צו פֿערזינדיגען, מען לעבט ווי אַלע יודען ביי אונז אין לאַווראָווע.

— מען לעבט און מען מוטשעט זיך ב"ה ווי אַלע לאַווראָווער יודישע קאַליקעס, — האָט נחמן געענדיגט.

אין דער צייט וואָס מאַן און ווייב האָבען זיך איבערגערעדט האָט אידאַ ניט אויפֿגעהערט צו פּאַקעווען און הירשעל האָט זיך געבעטען ביי איהר, זי זאָל ערשט פֿאָהרען איבערמאָרגען, ער האָט נאָך מיט איהר פֿיעל צו רעדען.

— שוין צוויי יאָהר אַז איך קלויב זיך פֿאָהרען, אין די צוויי יאָהר האָבען מיר, דאַכט זיך, שוין פֿון אַלעם אָפּגערעדט,— האָט זי דערויף געענפֿערט.

— וועט זיין צוויי יאָהר מיט איין טאָג,— האָט הירשעל ניט אָפּגעטרעטען.

— דעם גאַנצען אָבענד ווילען מיר קענען נאָך רעדען, מאָרגען מוז איך פֿאָהרען, איך וועל מעהר ניט אָפּלעגען, גענוג.

— נו מאָרגען ווערסט דו ניט פֿאָהרען, האָט זיך די מוטער אָנגערופֿען, איך האָב נאָך גאָר ניט צוגעגרייט דיר אין וועג אַריין, און דיינע נייע שיך האָט בעריל דער שוסטער אויך נאָך ניט פֿערטיג געמאַכט.

— בעריל האָט געזאָגט אַז מאָרגען פֿריה ברענגט ער זיי, און וואָס האָסט דו נאָך אָנצוגרייטען, איך האָב זיך שוין אין גאַנצען איינגעפּאַקעוועט.

— וואָס הייסט וואָס? איך וועל ערשט מאָרגען באַקען קיכליך און פּוטער־בולקעס דיר אין וועג אַריין, אָנבראָטען אַ פּאָר הינדליך. היינט אַ טעפּיל איינגעמאַכטס, איך ווייס? איך קען דען אַלעס אויסרעכענען? דו דאַרפֿסט פֿאָהרען אפשר צוויי טעג, איך ברויך נאָך פֿיעל זאַכען צו קויפֿען, איך וועל מאָרגען ניט פֿאַרטיג ווערען.

— נאר ניט קיין טעפּליך, מאַמע!...

— אָט באַלד וועל איך דיך טאַקי פֿרעגען, אָט טאַקי אַלעס מיינסט דו ווערסט דו טהון ווי דיר פֿאַרגלוסט זיך, ווי דיין טייערער טאַטע וועט דיך אויסלערנען און איך בין שוין גאָר איבריג, איך האָב שוין גאָר ניט איבער דיר צו שאַפֿען, איך וויל ניט אַז דו זאָלסט מאָרגען פֿאָהרען און שוין!

די מוטער האָט טאַקי אויסגעפֿידערט, עס איז געבליבען אַז אידאַ פֿאָהרט ערשט איבערמאָרגען, און דער געפּאַקעוועטער וועג־קאַסטען איז דערווייל געבליבען שטעהן אָפֿען, ניט פֿערבונדען.

*

ווען הירשעל איז אַרויסגעגאַנגען פֿון נחמן ליפּשעצעס הויז, איז שוין אין אַלע פֿענסטער אויף דער גאַס געווען פֿינסטער נאָר אויף דעם האַרצען איז איהם געווען ליכטיג און פֿרעהליך.

זי פֿאָהרט ערשט איבערמאָרגען, האָט ער גערעדט צו זיך, און מאָרגען מוז איך איהר ענדליך אַלעס אַרויסזאָגען און זי וועט שוין ניט פֿאָהרען...

מיינע עלטערען וועלען שרייען, נאָר עס וועט זיי ניט העלפֿען... זייער געלד אַליין קען מיך ניט גליקליך מאַכען... און די שדוכים וואָס מען רעדט מיר מיט אַ סך טויזענדער, קענען מיך אַוַדאַי ניט גליקליך מאַכען... גליקליך קען איך נאָך זיין מיט אידאַן... נור מיט אידאַן...

טראַכטענדיג וועגען מאָרגענדיגען טאָג, ווי ער וועט זיך שוין קיין מאָל ניט צושיידען מיט אידאַן, האָט ער זיך געפֿיהלט פֿאַר דעם גליקליכסטען אין דער וועלט, ער האָט ניט געהערט זיינע טריט און ניט בעמערקט ווי ער איז שוין נעבין זיינע עלטערענס הויז, און עס זענען איהם אויפֿגעקומען ווידער טרויריגע געדאַנקען. וואָס פֿאַר אַ רַעַש, פֿאַר אַ געפֿילדער וועט פֿאָרקומען ביי זיינע עלטערען, די גאַנצע שטאָדט וועט קאָכען מיט דעם נייעס, וואָס איינער פֿון דעם גְבִיר׳ס זוהן ווערט אַ חָתָן פֿאַר זיין לעהרערס טאָכטער... פֿאַר זיין פֿאָטערס נֶאֱמָן׳ס טאָכטער...

— אידאַ וועט שוין ניט אַוועקפֿאָהרען, — האָט הירשעל ניט אויפֿגעהערט צו טראַכטען און האָט מיט דעם שליסעל געעפֿענט די טהיר פֿון זיין צימער.

*

פֿינסטער און שטיל איז אין לאַוראָווע, מען הערט מעהר ניט די טריט פֿון די נאַכט וועכטער און צייטענווייז הערט מען זעהר קלאַפּען מיט שטעקענס.

אין איינעם פֿון די הינטער געסליך, אין אַ נידריג שטיבּיל לייכט זיך נאָך, דאָרטען זיצט ביי זיין שוסטער־ביינקעלע דער אַלטער בעריל און ענדיגט אַ פּאָר נייע שיך פֿאַר אידאַן, וועלכע ער האָט צוגעזאָגט מאָרגען פֿריה אָבצוברינגען, זיין אַרבייטס יונגיל דרימעלדיג העלפֿט איהם ענדיגען, ער נייט שוין די „אויערען", און דער אַלטער קלאַפּט מיט פּליים די פֿלעקליך, מען ברויכט נאָך די פּאָדעשוועס אָבלאַקירען מיט אַ פּאָר קוליערען קליי און פֿערטיג. זיין ווייב מיט די קינדער שלאָפֿען אין זעל־

בען צימער און זייער שווער אָטמען אונ חראָפּען פֿערמישט זיך מיט בערילס קלאַפּען.

— נאָך אַרבייסט דו ? האָט זיך בערילס ווייב אָנגערופען פֿון בעט מיט פֿערמאַכטע אויגען.

— יאָ, וואס איז דען ?

— וואָס געדויערען אַזוי ביי דיר די שיך, וועסט פֿון זיי ניט גליק־ליך ווערען, געה שוין שלאָפען.

— באַלד, איך ברויך נאָך אָבלאַקירען די פּאָדעשוועס.

— דאָס וועט קענען טהון דאָס יונגיל.

— ניין, די שיך האָב איך אַליין געאַרבייט, און מוז זיי אַליין ענדיגען, איך קען זיך מיט זיי אויף קיינעם ניט פֿערלאָזען.

בערילס ווייב האָט געעפֿענט די אויגען פֿון גרויס וואונדער.

— איך פֿערשטעה ניט, וויפֿיעל נעמסט דו דען פֿאַר די שיך, וואָס די לעגסט זיך אַזוי אַוועק ?

— איך נעם ווי פֿאַר יעדער פּאָר שיך. נאַר איך קוק דאָ ניט אויף קיין פֿערדיענסט.

בערילס ווייב האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דעם בעט און געפֿרעגט:

— וואָס הייסט „ניט קיין פֿערדיענסט” ? די דאַרפֿסט שוין גאַר ניט פֿאַרדיענען? — וואָס איז ? האָסט שוין ניט, ביז הונדערט און צוואַנ־ציג יאָהר, אַ ווייב און קינדער, וואָס דו דאַרפֿסט זיי מְפַרְנֵס זיין ? איך פֿערשטעה ניט.

— עס איז ניט פֿאַר'ן ווייבערשען מֹח, די זאָלסט פֿערשטעהן. לעג זיך צוריק און שלאָף, עס איז ניט דיין געשעפֿט.

— דו ביסט שוין גאָר משוגע געוואָרען אויף דער עלטער, בעריל !

— נו, אַז אויב יאָ אַזוי, וועל איך דיר שוין דערצעהלען. — זאָג מיר נור, דו ווייסט ווי פּייטערבאַרג איז ?

— נו, קיין פּייטערבאַרג איז ווייט, דאַכט זיך נעבען בערדיטשוב, וואָס איז דען ? וואָס קעהר זיך אָן מיט דיר פּייטערבאַרג ? האָט זי גע־פֿרעגט פֿערוואונדערט און ווי דערשראָקען.

— עס קעהר זיך שטאַרק אָן. פּייטערבאַרג איז די גרעסטע שטאָדט אין דער גאַנצער וועלט, אַזוי ווי פּאַריז, אַמעריקאַ און לאָנדאָן. דאָרטען געפֿינען זיך די גרעסטע שוסטערס פֿון דער וועלט. נו, און אָט די שיך וואָס איך אַרבייט, געהען גלייך קיין פּייטערבאַרג. זאָלען זיי דאָרט זעהן

מיין אַרבייט, זאָלען זיי וויסען ווער בעריל שוסטער איז. זאָלען זיי וויסען ווי איך מיט מיין אַרבייט ווער פֿאַרפֿאַלען דאָ אין דעם וויסטען לאַווראָווע... אַי ווען איך בין אַ יונגער מאַן... ווען איך בין ניט אַזוי אַלט... וואו וואָלט איך אָנגעשפּאַרט מיט מיין אַרבייט! דאָ ווייס מען מעהר ניט ווי דריי רובל אַפּאָר שיך, נאָר ווי צו שעצען די אַרבייט ווייס מען דאָ ניט. היע איז אַלעס איינס, איך אָדער יאָקעל, אַזאַ קאַליקע איז דאָ אויך אַ שוסטער. איצט פֿערשטעהסט די שוין פֿאַר וואָס איך קוק דאָ ניט אויף קיין פֿערדיענסט.

זיין ווייב האָט איהם פֿערשטאַנען. זי איז אַליין געווען שטאָלץ מיט איהר מאַן, וואָס ער רעכענט זיך און לאַווראָווע פֿאַר דעם בעסטען שוסטער. צופֿריעדען האָט זי זיך צוריק געלעגט אין בעט און ווידער אָנשלאָפֿען געוואָרען.

בעריל האָט ווייטער פֿרעהליך און מיט שטאָלץ געקלאַפּט די פֿלעקליך, נאָכהער האָט ער אין מיטען פּאָדעשווע אָנגעהויבען אויסצופֿאַרבען אַ פייגעלע, נאר עס איז אַרויסגעקומען, געגען זיין ווילען, אַ קאַטשקע. אונטער דער קאַטשקע האָט ער אויסגעפֿאַרבט אויף רוסיש זיין פֿירמאַ מיט זיין שטאָדט. „בערקע וואַרענעק. לאַווראָווע“. זיין פֿירמאַ פֿלעגט ער נור שטעלען פֿאַר פֿרעמדע, אָבער ניט פֿאַר לאַווראָווער איינוואָהנער.

ווען ער האָט געענדיגט אין גאַנצען די אַרבייט, האָט ער די פּאָר שיכליך אָנגענומען ביי די אויערען, זיי געהאַלטען עטליכע מינוט אין דער לופֿטען, זיי בעטראַכט און געקוואָלען פֿין זיין אַרבייט, זיי זענען איהם געפֿעלען, ער האָט אַ שמייכעל געטהוּ און געזאָגט צו זיך אַליין:

— דאָס איז ניט קיין שיכליך נאר אַ פּאָר שפּיגעליך, זאָלען זיי דאָרט זעהן און זאָלען זיי דאָרט זיך פּריווען מאַכען אַזאַ פּאָר שיכליך.

ער האָט די שיכליך אַוועקגעשטעלט אויף דער פּאָליצע און צופֿרידען זיך געלעגט שלאָפֿען.

# II.

## הירשעל.

איבערמאָרגען זענען אַלע געווען אויף דעם וואַגזאַל בעגלייטען אידאַן. איהר מוטער און די שוועסטער האָבען געוויינט. איהר פֿאָטער איז אַרומגעגאַנגען צוטראָגען, זיין פֿרעהליכקייט און צופֿרידענהייט וואָס זיין טאָכטער פֿאָהרט לערנען, איז אַוועק, ווען עס איז געקומען די צייט זיך שיידען מיט זיין ליעבסט קינד. חיים, איהר שוועסטערס מאַן, האָט שפּאַצירט הין און צוריק צוזאַמען מיט הירשלען וואַרטענדיג ווען דער צוג וועט אָנקומען. אידאַ האָט פֿרעהליך גערעדט מיט איהרע חֲבֵר'טעס וועלכע האָבען זי אויך בעגלייט און מְקַנֵא געווען וואָס זי פֿאָהרט אין דער גרויסער שטאָדט פעטערסבורג.

הירשעל איז געווען זעהר טרויריג. איהם האָט זיך ביז יעצט נאָך אַלץ ניט געגלויבט אידאַ זאָל אַוועק פֿאָהרען, און איצטער פֿאָהרט זי טאַקי. ער האָט ניט גערעכענט, ער זאָל אַזאַ ענטפֿער פֿון אידאַן בעקומען. ער איז אַזוי זיכער געוועזען, אַז זי ברויכט נור הערען פֿון איהם איין וואָרט, פֿאָהרט זי ניט, און וועט זיך שעצען פֿאַר גליקליך, וואָס ער, הירשעל, דעם גְבִיר'ס זוהן, פֿרעגט זי ניט אויף קיין נְדַן און וויל מיט איהר חֲתוּנָה האָבען. ער איז גרייט מִלְחָמָה צו האַלטען מיט זיינע עלטערען, מיט דער גאַנצער שטאָדט צוליעב איהר, זי זאָל זיין פֿרוי זיין, און צום סוֹף האָט זי אַלעס אויסגעהערט און איהם גאָר ניט געענטפֿערט. זי האָט יאָ געענטפֿערט, נאר ער פערשטעהט ניט וואָס זי פֿערלאַנגט פֿון איהם. זי האָט זאָגאַר גערעדט, געווען אַזוי גוט און פֿריינדליך מיט איהם, נאָר דער קאָפּ האָט זיך איהם געדרעהט, פֿאַר די אויגען האָט ער מעהר ניט געזעהן ווי אַ טומאַן, און האָט ניט געהערט, ניט פֿערשטאַנען איהרע ווערטער.

צום הונדערטסטען מאָל האָט ער זיך איצט אָנגעהויבען דערמאַנען דעם גאַנצען געשפּרעך וואָס ער האָט נעכטען געהאַט מיט איהר, זיך געסטאַרעט דערמאַנען יעדעס וואָרט און אַלעס פֿערשטעהן, אַלעס פֿערטייטשען, אַלעס זיך ערקלערען.

— איך פֿאָהר, איך מוז פֿאָהרען, ניט דו קענסט מיך דערפֿון אָפּהאַלטען, — האָט זי געענטפֿערט.

— ווער זשע דען קען דיך דערפֿון אָפּהאַלטען, — האָט הירשעל דערויף געפֿרעגט — ווער דען אַז ניט איך? איך ווייס אַז פֿון קינדווייז אָן האַבען מיר זיך ליעב, און איצט האָטש מיין פֿאָטער איז אַ גְבִיר, האָטש איך קען קומען צו דעם גרעסטען שִׁדוּךְ, בין איך גרייט זיך ראַנ־גלען מיט מיינע עלטערען, מיט מיין גאַנצער פֿאַמיליע צוליעב דיר, אַז מיר זאָלען זיך קיין מאָל ניט ברויכען צו שיידען. וואָס זשע נאָך קענסט דו פֿון מיר פֿערלאַנגען? איך גיב דיר אַוועק מיין גאַנץ לעבען, און וועל זיך שעצען פֿאַר דעם גליקליכסטען אַז דו וועסט מיין לעבען צונעהמען.

— וואָס זשע, פֿרעג איך דיך, קען איך טהון מיט דיין לעבען?

— האָט אידאַ געזאָגט.

— וואָס הייסט? מיר וועלען גליקליך לעבען, ווי אַלע מאַן און ווייב לעבען.

— ווי אַלע קאַליקעס, ווילסט דו זאָגען, ווי מיין שוואָגער לעבט מיט מיין שוועסטער. זיי האָבען זיך אויך ליעב, נאָר ווי זענען זיי אומ־גליקליך.

— חיים איז אָרום, ער איז ניט אין שטאַנד זיין פֿרוי און קינדער מפרנס צו זיין, און דו ווייסט אַז איך בין רייך און האָב רייכע עלטערען, און מיר קענען אין אַלעמען זעהר גליקליך זיין.

— ווען חיים האָט חֲתוּנָה געהאַט מיט מיין שוועסטער, האָבען זיי אויך געהאַט געלד און ער איז אויך זיכער געווען, אַז ער מעג חֲתוּנָה האבען און ועט אין שטאַנד זיין אויסצוהאַלטען זיין הויז. דאָס רוב וואָס האָבען חֲתוּנָה מיינען אַזוי און דו מיינסט אויך אַזוי.

— אַ שען פֿערגלייכעניש! חיים צוזאַמען מיט דיין שוועסטערס נַדן האָט פֿערמאָגט פֿופֿצעהן הונדערט אָדער אפשר צוויי טויזענד רובל, און מיין פֿאָטער גיט מיר צעהן טויזענד, אפשר פֿופֿצעהן טויזענד. און דערצו בין איך איין־איינציגער זוהן... אַ שען פֿערגלייכעניש, חיים אָדער איך?...

— דאָס איז אמת, דו האָסט אַ סך מעהר געלד, ווי חיים האָט געהאַט, נאָר דאָס איז קיין גרויסער אונטערשיעד. יעדער איבער זיין פּער־קיל, הייסט בַּעַל־בַּיִת, יעדער מיט זיין געלד איז ביי זיך אַ גְבִיר. עס איז אויך אֱמֶת, אַז געלד איז זעהר אַ גוטע און נייטהיגע זאַך אין לעבען. אַלעס וואָס מען האָט, וואָס מען פֿערמאָגט קומט צו ניטץ אין לעבען. געלד, הייזער, זילבער, גאָלד, צירינג, אַלעס וואָס דו אָדער דיין פֿאָטער

פֿערמאָגט, איז זעהר גוט. אָבער איך פֿרעג דיך, וואָס קען אַזוינער ווי דו טהון, ווען עס ווערט חו"ש דאָס אַלעס פֿערלאָרען? דאָס לעבען איז לאַנג, אין לעבען קומט אַלץ פֿאָר, ווער שמועסט נאָך אין אונזער יודישען לעבען, געלד איז קיילִיכיג. איצט פֿרעג איך דיך, וואָס קענסט דו דאַן טהון. איך וויל דיך פֿרעגען, וואָס ביזט דו הירשעל אַליין אָהן דעם געלד?...

— איך?.. איך?.. — האָט ער קוים געקענט אויסרעדען, און דער קאָפּ האָט זיך איהם פֿערדרעהט. ער האָט שוין מעהר ניט געהערט וואָס זי האָט נאָך גערעדט. דערווייל זענען אָנגעקומען די הויזלייט און האָבען זייער געשפּרעך געשטערט. אַזוי איז אַוועקגעפֿלויגען די צייט, און אידאַ איז שוין איצט אויף דעם וואָגזאַל. זי האָט שוין אַ בילעט גלייך קיין פּעטערסבורג. איהר באַגאַזש איז שוין אָפּגעגעבען, און אין נאָך צעהן מינוט קומט שוין אָן דער צוג.

אידאַ איז שטאַרק פֿערנומען מיט איהרע חַבֵר'טעס. זיי לאַכען, זיי רעדען אַלע צוזאַמען, און מען קושט זיך. חיים שפּאַצירט מיט הירשלען איבער דער פּלאַטפֿאָרמע הין און צוריק. ער רעדט עפּיס צו איהם, ער דערצעהלט איהם. הירשעל קוקט איהם אין די אויגען, זאָגט איהם יעדע מינוט „נו, ווייטער, דערצעהל" ווי גלייך ער הערט איהם מיט אינטערעס. נאָר ער הערט קיין וואָרט ניט און טראַכט וועגען נעכטיגען געשפּרעך מיט אידאַן.

— „וואָס ביזט דו הירשעל, אָהן דעם געלד?" פֿרעגט זי מיך. צי זי איז מיינע שׂוֹנְאִים אַראָפּ פֿון זינען צי וואָס? וואָס הייסט וואָס איך בין? געלויבט גאָט, נישט צו פֿערזינדיגען, פֿיעל יונגע לייט וואָלטען זיך געוואונשען זיין אויף מיין אָרט, אין מיין שטאַנד, און זיין אַזוי ווי איך. וויפֿיעל מאָל האָט זי מיר אַליין געזאָגט, אַז איך בין דער לייטישסטער יונגער מאַן וועלכען זי קען. און איצט פּלוצים פֿרעגט זי מיך „וואָס בין איך אָהן דעם געלד".

און בֶּאֱמֶת האָט זיך הירשעל אין לאַוראָווע גערעכענט פֿאַר איינעם פֿון די לייטישסטע יונגע לייט. קינדווייז האָט ער געלערענט אין חֵדֶר. שפּעטער האָט ער גענומען שטונדען ביי דעם בעסטען לעהרער, ביי אידאַס פֿאָטער נחמן ליפשיץ. אַ דאַנק איהם קען ער אָנשרייבען אַ שענעם העברעאישען בריעף, אַ רוסישען בריעף, אַביסעל דייטש אויך. ער האָט ביכער און צייטונגען, און לייענט ווען ער האָט צייט, עס איז אויך

אַריינגעקומען צו איהם אַ כְּלֵי־זֶמֶר ביי וועלכען ער פֿלעגט נעמען שטונדען אויף פֿיעדעל שפּיעלען, און ער שפּיעלט ווען ער האָט צייט, אָדער שַׁבָּת צו נאַכטס ווען זיינע עלטערען ווילען האָבען נַחַת און בעטען איהם שפּיעלען. מיט איין וואָרט ער קען אַלעס, וואָס עס פּאַסט נור פֿאַר אַ היינטוועלטיגען גְבִיר׳שען יונגען מאַן.

דערצו זאָגען אַלע אין לאַוועראָווע אַז הירשעל איז אַ שענער יונגער מאַן אויך. אַ ווייס געזיכט, אַ שוואַרץ בערדיל, אַ שענעם קאָפּ, שוואַרצע קוטשעראווע האָר, שוואַרצע גלאַנצענדע אויגען, אַגלייכע נאָז, ווייסע ציין, רויטע בעקליך, ער רעדט געלאַסען; ער געהט שען געקליידעט און געפּוצט: דאָס שענסטע שטעקעלע, דעם פּיינסטען זיידענעם פּאַראַסאָל, אַ וואַרשאַווער הוט פֿון דעם לעצטען פֿאַסאָן. אין חאַראַקטער האַלט מען איהם אויך פֿאַר אַ גוטען, פֿון אַ נְדָבָה זאָגט ער זיך קיין מאָל ניט אָפּ, ער רעדט מיט יעדען פֿריינדליך.

פֿיעל מיידליך אין לאַוואָרווע זענען אין איהם פֿערליעבט, און פֿיעל ווייבליך געפֿעלט ער. אַלע מיידליך ווינשען זיך אַזוינע חֲתַנִים האָטש מיט ווינציגער געלד, און אַלע ווייבליך מעסטען זייערע מענער מיט הירשעלס מאָס.

די גאַנצע שטאָדט קען איהם, אפילו אין די הינטער־געסליך. דאָרט קען מען אָפֿט הערען ווי די שניידער־מיידליך זינגען אַ ליעד ביי דער אַרבייט וועגען הירשלען:

די לְבָנָה שיינט אין מיטען דער נאַכט
און הירשעלע שטעהט ביי דער טהיר,
איך זיפֿץ און קרעכץ, איך בין פֿערטראַכט
אוי אַ ווייטאָג איז מיר.
דיינע האָר וואָלט איך אויף מיין האַלז געטראָגען
אַזוי ווי דו דיין גאָלדענע קייט,
אין זינען וואָלט איך דיך געהאַלטען
אפילו פֿערשלאָפֿענער הייט.
איך לעג אַוועק דאָס נעדעלע,
איך עפֿען אויף דאָס לעדעלע
און זעה אַ שענע נאַכט,
ווייסטו הירשעלע וואָס איך טראַכט?
אוי ער זעהט ניט,

אוי ער הערט ניט,
אומזיסט מיין טראַכטען,
אומזיסט מיין ליידען א. ז. וו.

און ווער האָט גאָר געקענט טראַכטען וועגען איהם, אַז די שַדְכָנים האָבען איהם שוין לאַנג אָפּגעשאַצט אין פּופּצען טויזענד רובל נְדָן? אין לאַוורעָווע און אַרום לאַווראָווע האָבען זיך אַלע יודען געוואונשען אַזאַ איידעמיל, אַזאַ „פּעפּעריל", ווי די שַדְכָנים פּלעגען איהם אָנרופען. און איצט האָט אידאַ, איין אָרימען לעהרערס אַ מיידיל, זיך ענטזאַגט פון איהם און פון זיין רייכטום.

אין אָנהויב איז איהם אָנגעקומען אַ כַּעַס אויף אידאַן, אויף איהר פאָטער, אויף זייער גאַנץ הויז. זי איז משוגע און איהר פאָטער איז משוגע, ער האָט זי אַזוי שען אויסגעלערענט. נאָר ווען הירשעל האָט זיך בערוהיגט, האָט ער זיך אַליין פּאָרווירפע געמאַכט, ווי האָט ער גאָר גע־קענט אַזוי טראַכטען וועגען זיין לעהרער וועלכען ער און יעדער שעצט אַזוי, און נאָך מעהר ווי האָט ער געקענט אַזוי טראַכטען וועגען די קלוגע שענע געראָטענע אידאַ'ן, וועגען זיין אידאַ'ן.

זי האָט מיר צוגעזאָגט שרייבען. זי האָט מיך געבעטען שרייבען. אפשר וועט זי ניך קומען צוריק אַ היים, האָט זיך הירשעל געטרייסט. אַז איך בין ניט משוגע געוואָרען פון נעכטען אָן טראַכטענדיג, בין איך שטאַרקער פון אייזען. „ווער בין איך?" פרעגט זי מיך. צוזאַמען אין איין שטאָדט געוואַקסען. שוין אַזוי פיעל יאָהרען אַז מיר זענען זיך ערגעבענע פריינד און איצט פרעגט זי מיך פּלוצים „ווער איך בין".

נאָר אַזוי טראַכטענדיג איז ער מיט חיים'ן פאַרבייגעגאַנגען נעבין אידאַ'ן ווי איהרע פיעל חַבֵר'טעס האָבען זי אַרומגערינגעלט. זיי האָבען זיך אויך נעבין זיי אָבגעשטעלט, הירשעל האָט זיי אַלע בעטראַכט און זיך געווענדעט צו חיים'ן.

— אידאַ איז שענער פון אַלע איהרע חַבֵר'טעס.

— אַ נייעס! אַמעריקאַ האָסט דו געעפענט! האָט זיך חיים אונגערופען, שוין זשע האָסט דו עס ערשט איצט בעמערקט? מיר דאַכט זיך אַז דו ווייסט שוין לאַנג, אַז מיין שוועסטערין איז די שענסטע ביי אונז אין שטאָדט.

— נור איך, זאָגסט דו, ווייס עס?

— אַז אידאַ איז אַ שענע און מיט פֿיעל מַעֲלות ווייסען אַלע, און יעדער ווער עס זעהט זי נאָר, ווער עס רעדט מיט איהר.

— איהרע עלטערען קענען זיך פֿיהלען גליקליך וואָס זיי האָבען אַזאַ קינד.

— ניט מיט אַלעמען. די שווינער איז ניט צופֿרידען וואָס זי פֿאָהרט לער־נען און דער שווער איז ניט צופֿרידען וואָס אידאַ איז גע־בוירען אַ מיידיל. אַ יונגיל וואָלט אידאַ בעדאַרפֿט געבוירען ווערען, זאָגט ער שטענדיג.

— איהרע עלטערען זענען דען ניט גערעכט וואָס זיי ווילען ניט אַז זי זאָל אַוועקפֿאָהרען.

— אַ'ע זענען גערעכט, נאָר איך פֿרעג דיך, וואָס קען טהון אַזאַ מיידיל ביי אונז אין לאַווראָווע, זיצען פֿאַרלענט די הענד ווי דאָס מעהר יודישע מיידליך, און וואַרטען אויף אַ חָתָן, דאָס קען אידאַ ניט, זי האָט אין זיך צופֿיעל לעבען, זי איז צופֿיעל קלוג זי זאָל ניט פֿערשטעהן וואָס קען זי אויסזיצען ביי איהר אָרומען פֿאָטער, קיין נְדָן קען ער איהר ניט געבען.

— אַזאַ שענע גראָטענע ווי אידאַ איז, וואָלט זיך געפֿינען אַ חָתָן וואָס וואָלט זי גענומען אָהן נְדָן. אַזוינע מיידליך ווי אידא פֿאַרזיי־צען ניט.

— קיין יודישע טאָכטער פֿאַרזיצט ניט. דאָס גליק וועט זי שפּע־טער אויך ניט אָנווערען.

— זי קען יאָ אָנווערען, האָט הירשעל געזאָגט. און עס איז איהם אויפֿגעקומען אויף דעם געדאַנק, ער זאָל אַלעס דערצעהלען חיים'ן, און עפֿענען פֿאַר איהם זיין האַרץ. עס האָט איהם אָנגעהויבען באַנג טהון פֿאַר וואָס ער האָט נעכטען איהם ניט דערצעהלט, פֿאַר וואָס האָט ער ניט גערעדט מיט איהרע עלטערען, אפשר וואָלטען זיי דאן ניט געלאָזט אידאַ'ן פֿאָהרען, אפשר וואָלט זי נאָכהער אַליין פֿערשטאַנען אַז ער, הירשעל, איז פֿאַר איהר אַ גליק.

דערווייל איז אָנגעקומען דער צוג, מען האָט אָנגעהויבען אַריינ־טראָגען אידאַ'ס פעקליך אין וואַגאָן, מען האָט זיך אָנגעהויבען געזעגענען. הירשעל האָט אַלץ ערוואַרטעט אַז אידאַ וועט איהם עפּיס נאָך זאָגען, נאָר זי איז נאָך אַלץ געווען פֿערנומען מיט איהרע חַבֵר'טעס, מיט וועל־כע זי האָט זיך שוין אָנגעהויבען געזעגענען. נאָכהער האָט זי זיך אַרויפֿ־

געוואָרפֿען אויף די עלטערען, אויף דער שוועסטער, זיך צוקושט מיט זיי און געוויינט. מען האָט שוין געהערט דעם צווייטען קלונג. די חבֿר׳טעס האָבען אָנגעהויבען איילען, זי זאָל זיך שוין אין וואַגאָן זעצען. אויף גיך האָט זי זיך געזעגענט מיט דעם שוואָגער, מיט הירשלען און מעהר ניט געזאָגט ווי „זייט געזונד!"

פֿערוויינט מיט פֿולע אויגען טרערען, נאָר לאַכענדיג און פֿרעהליך, האָט זי אַרויסגעקוקט פֿון איין אָפֿען וואַגאָן פֿענסטער, און זיך איבער־גערעדט מיט די בעגלייטער.

הירשעל האָט דורך דעם פֿענסטער בעמערקט נעבין אידאַ׳ן זעהר אַ שענעם יונגען מאַן וואָס האָט אַלץ עפּיס פֿריינדליך ניט אויפֿגעהערט צו רעדען מיט אידאַן. זי האָט אַלע מאָל איהם געענטפֿערט מיט אַ שמייכעל. הירשעל האָט געוואָלט אַריין אין וואַגאָן, און זאָגען עפּיס אידאַן אַזוינס, וואָס ער ווייסט אליין ניט, ווי אַזוי אַרויס צו זאָגען. זיין גאַנץ ביטער האַרץ האָט ער געוואָלט איהר אויסגיסען. זאָל זי חאָטש וויסען, ווי ער ליידט, ווי ער מוטשעט זיך, און ווי איהר אַרט דאָס ניט. זאָל זי וויסען ווי שלעכט זי איז, זי האָט קיין האַרץ ניט. ער וואָלט איהר געזאָגט, אַז ער האָט ניט פֿערדיענט, אַז זי זאָל זיך מיט איהם אַזוי בעגעהן. ער וואָלט איהר געזאָגט, אַז זי האָט איהם אָבגענאַרט, זי איז געוועזען פֿאַלש מיט איהם. אַט וואָלט ער געשריענען אויף איהר, זי געזידעלט, אָט וואָלט ער געבעטען, געוויינט, זי זאָל אויף איהם רחמנות האָבען, ער וואָלט... נאָר אָט הערט זיך דער דריטער קלונג און דער צוג ריהרט זיך און ריהרט זיך... הירשעל האָט ווידער געזעהן ווי דער שענער יונגער מאַן ביים פֿענסטער רעדט און שמייכעלט אַזוי פֿרעהליך מיט אידאַן, און ווייטער האָט הירשעל גאָר ניט געזעהן.

געהענדיג פֿון וואגזאל האָט ער זיך פּלוצים דערמאַנט אין אַלע אידאַ׳ס פֿעהלער, קיין איינציגע מעלה האָט ער אין איהר ניט געפֿונען. זי איז גאָר ניט אַזוי שען, זי איז גאר ניט אַזוי קלוג, זי איז אַ שלעכטע, זי איז ניט דאַנקבאַר; ער, הירשעל, איז שטענדיג בלינד געוועזען. און זי האָט נור געלאַכט פֿון איהם. זי זיצט איצטער אין וואַגאָן מיט דעם יונגען מאַן, און מען לאַכט און מען פֿערברייגנט פֿרעהליך. זיין האַרץ האָט איהם געזאָטען פֿון כעס, ער האָט עפּיס געזוכט נקמה האָבען אין איהר.

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער אידאַן געזעהן שוין אין איין אַנדער געשטאַלט. איהרע גוטע בלויע אויגען קוקען אויף איהם אַזוי

פֿריינדליך און ערגעבען. זי רעדט אַזוי קלוג, אַזוי זיס, און ער געפֿינט אין איהר נור גוטע מַעֲלות, קיין איינציגען פֿעהלער. ער זוכט צווישען אַלע איהרע בעקאַנטע חבר'טעס חאָטש איינע וואָס זאָל זיין עהנליך צו איהר, נאָר ער געפֿינט ניט.

— אידא איז נור איינע, איינע. עס איז קיין גלייכען צו איהר ניט דאָ. איך האָב זי פֿערשפּיעלט. איך האָב צו שפּעט זיך אַרומגעקוקט, צו שפּעט מיט איהר גערעדט, אַבגעלייגט אויף דעם לעצטען טאָג. איך האָב זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלען אידא זאָל מיר אַזוי אנטפֿערען...

ווען הירשעל איז געקומען אַהיים האָט איהם די דיענסט דער־לאַנגט אַ בריעף.

— דעם נאָמן'ס אַ קינד האָט דעם בריעף געבראַכט, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט אין דעם אַדרעס באַלד דערקענט אידאס האַנדשריפֿט.

## .III

## אין וועג.

דער צוג האָט אויסגעפּעהלט אַלע וואַגאָנס וואָס זענען געשטאַנען פֿון ביידע זייטען נעבען לאַוראַווער וואַגזאַל, אויך דעם הויכען באַרג און דעם וואַלד וועלכע זענען אידאַן אַזוי גוט בעקאַנט פֿון קינדווייז אָן. ניט איין מאָל האָט זי זיך אויף דעם וועג געדראַפּעט, און אין דעם וואַלד געשפּאַציערט מיט איהרע עלטערן, מיט איהרע חברת׳עס און מיט הירשלען, איהר חבֵר פֿון די קינדעריאָהרען. גוטע פֿרעהליכע קינדערשע מינוטען האָט זי דאָ פֿערבראַכט; זי האָט זיך דאַן ניט פֿאָרגעשטעלט קיין שענערען גן עדן ווי דער וואַלד מיט דעם פֿערוואַקסענעם באַרג. זי האָט געגלויבט אַז דאָ ענדיגט זיך שוין די וועלט, און פֿון יענער זייט וואַלד איז שוין פּוסט און וויסט, מעהר ניט ווי מִדְבָּרְיוֹת מיטווילדע חַיוֹת.

אין וואַלד פֿלעגט דער פֿאָטער איהר אָפּט דערצעהלען שענע מַעֲשִׂיוֹת וואָס ער האָט געלעזען אין ביכער. ער האָט איהר דערצעהלט וועגען דער זון און וועגען דער לבנה מיט די שטערען, פֿאַר וואָס איז טאָג און פֿאַר וואָס איז נאַכט. ער האָט איהר דערצעהלט ווי אַזוי מענשען האָבען געלעבט צוריק מיט הונדערטער און מיט טויזענדער יאָהרען און קיינער, קיינער, ניט איהרע שוועסטער, ניט הירשעל, פֿלעגען אַזוי ניט ליעב האָבען הערען דעם טאַטען דערצעהלענדיג ווי זי, אידאַ, און דערפֿאַר האָט ער מעהר ליעב געהאַט איהר צו דערצעהלען ווי אַנדערען. נאָכהער ווען זי איז עלטער געוואָרען, פֿלעגט ער זיך שוין מיט איהר בענעהן ניט ווי אַ פֿאָטער, נאָר וואו אַ חַבֵר. ער פֿלעגט איהר דערצעהלען וועגען זיך, ווי ער פֿלעגט אין זיינע יונגעלשע יאָהרען צוזאַמען מיט זיינע חֲבֵרִים זומער צייט אין וואַלד פֿיעל טעג פֿערברענגען מיט לעזען און לערנען אַזוינע ביכער וואָס צו הויז האָבען טאַטע־מאַמע ניט געלאָזט. ווי דאָ אין וואַלד האָבען זיי זיך דערוואוסט אַז אויסער דעם שטעדטיל לאַוראַווע איז נאָך דאָ אַגרויסע וועלט וואו עס איז אַזוי ליכטיג, וואו מען לערענט אַסך, מען ווייסט אַסך און מען אַרבייט אַ סך, און דאָ אין לאַוראַווע איז פֿינסטער, מען שלאָפֿט, מען קריכט, מען ריהרט קוים מיט איין אֵבֶר און מען מיינט אַז מען לעבט אויך.

איהר פּאָטער האָט איהר דאָ אין וואַלד דערצעהלט, ווי ער מיט אַ צוואַנציג זיינע חברים האָבען זיך אָבגערעדט מען זאָל אַנטלויפען פון דעם פינסטערניש אין דער ליכטיגער וועלט אַריין לערנען, אַרבייטען ווערען מענשען, מען זאָל אויפהערען קריכען, שלאָפען און בלאָנדזען. צווישען די חברים האָבען שוין אייניגע געהאַט פרויען מיט קינדער. אויסער זיינע חֲבֵרִים האָבען זיך אויך געפינען אַפּאָר מיידליך וועלכע האָבען אויך געוואָלט פאָהרען לערנען. איינע פון זיי איז געוועזען איהר פּאָטערס שוועסטער, די מומע גיטעל. אייניגע זענען טאַקע אַוועקגעפאָהרען, און אייניגע האָט מען געחאַפּט און זיי ניט געלאָזט פאָהרען. איהר פּאָטער מיט זיין שוועסטער גיטעל האָט מען באַלד חֲתוּנָה געמאַכט. בערל׳ען דעם יעצטיגען שוסטער וואָס איז דאַן געוועזען אויך אַ בית־המדרש יונגעל און אויך געוואָלט אַנטלויפען לערנען, האָט מען אויך געהאַפּט און חֲתוּנָה געמאַכט. „זאָל מען זיי אויפהענגען אַ קייט אויף דעם האַלז, האָבען די עלטערן דאַן געזאָגט, וועלען זיי ניט אין זינען האָבען קיין פוסטע זאַכען", און מען האָט די איבערגעבליבענע חברה חתונה געמאַכט.

פון דער צייט אָן, זייט איהר פּאָטער האָט איהר דערצעהלט פון דער חברה, האָט זי אָנגעהויבען ציהען הינטער יענער זייט וואַלד, עט ווייט, ווייט, וואו עס איז אַזוי ליכטיג און גוט; אַהין, אַהין וואו איהר פּאָטער האָט געוואָלט לויפען, אין די גרויסע וועלט אַריין, וואוהין עס ציהט איהם נאָך עַד הַיּוֹם, חאָטש עס איז שוין אַוועק דרייסיג יאָהר. ער איז אָבער צוגעקאָוועט צו זיין ווייב און קינדער, ער איז שוין אַלט און האַלב קראַנק און קען שוין ניט לויפען. זי איז נאָך יונג, געזונד, פול מיט לעבען, עס איז איהר ענג, זי האָט אין לאַווראַווע פאַר זיך ווינציג לופט. שוין צוויי יאָהר אַז זי רייסט זיך אַהין, און ענדליך האָט זי זיך אַרויסגעריסען. עס איז איהר געוועזען שווער צו שיידען מיט די עלטערן, מיט הירשלען... נאר יעצט ווען דער צוג האָט אויס געפעהלט די בעקאַנטע ערטער און דעם וואַלד מיט דעם באַרג און ווען זי זעהט שוין פאַר זיך נייע פעלדער, נייע וועלדער — אַ נייע וועלט, איז איהר געוואָרען גרינגער און פרעהליכער אויף דעם האַרצען, און זי פיהלט אין זיך אַסך ענערגיע. עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען אַז זי קען איצטער די גאַנצע וועלט איבערקערען, אַזוי שטאַרק און געזונד פיהלט זי זיך איצט. ווי קליין, ווי ברעקעלדיג איז איצט ביי איהר אויסגעקומען דאָס גאַנצע שטעדטיל

לאווראווע מיט איהר שלאָפֿענדיג קריכענדיג לעבען. מיט אַ רַחֲמָנוּת האָט זי נעטראַכט וועגען איהרע חַבֵרְתֶ'עס, וועלכע וואָלטען אויך געוואָלט לויפֿען אַהין וואוהין זי לויפֿט, און וועלכע האָבען ניט קיין מוטה, קיין ענערגיע זיך אַרויסצורייסען. איהרע חַבֵרְתֶ'עס — טראַכט זי — האָבען מוֹרָא און זיצען און וואַרטען ביז מען וועט זיי אָנטהון די קייטען, די אייביגע קייטען — ביז זיי וועלען חתונה האָבען מיט די אַלע פוסטע יונגע לייטליך מיט די שטעקליך אין די הענד וואָס טויגען ניט צו קיין זאַך, וועלכע האָבען זיך צו קיין זאַך אין לעבען נישט צוגעגרייט. אַלעס קענען זיי צו ביסליך ווי אַ קאַטשקע וואָס שווימט אַביסל, פֿליהט אַביסל, געהט און לויפֿט אַביסל, און קענען קיין זאַך .ניט ווי עס דאַרף צו זיין. אַז פֿליהען, דאַרף מען פֿליהען ווי אַ אָדלער, אַז לויפֿען, דאַרף מען לויפֿען ווי אַ הירש, דאָס פֿאָדערט דאָס לעבען פֿון יעדען. און אָט די יונגע לייטליך אויף וועלכע מיינע חברת'עס זיצען און וואַרטען, הייסען זיך פֿאַר זייערע קאַטשקע־מַעֲלוֹת נאָך צוצאָהלען — נְדַן זיי נאָך געבען, דערפֿאַר וואָס זיי קענען נור אומגליקליך מאַכען יודישע טעכטער.

און עס איז איהר ווידער אויפֿגעקומען אויף דעם געדאַנק איהר אומגליקליכע שוועסטער און נאָך פֿיעל אַזוינע יונגע ווייבליך, וואָס מען האָט זיי פֿערשלייערט מיט אַזוינע פֿיינע יונגע לייט ווי איהר שוואָגער חיים.

ניין זי, אידאַ, וועט ניט דערלאָזען, זי וועט מאַכען איין איבערקעהרעניש, זי וועט איבער־אַנדערשען דאָס יודישע לעבען, ווייל ניט חיים מיט הירשלען און נאָך אַ סך אַנדערע יונגע לייטליך זענען שולדיג אין זייער פוסטקייט, קליינקייט, ברעקעלקייט, ניט זיי, נאר דאָס קאַליעטשעטע יודישע לעבען. אידאַ האָט געקוקט אויף דעם יעצטיגען יודישען לעבען מיט איהר פֿאָטערס אויגען.

נחמן ליפשיץ, ווי דאָס מעהר אויפֿגעקלערטע קליין־שטעדטילשע יודען, האָבען ליעב געהאַט צו רעדען מיט מְלִיצוֹת און מיט מְשָׁלִים, ער האָט ניט איין מאָל זיין טאָכטער אידאַן געזאָגט:

— דאָס יעצטיגע יודישע לעבען איז אַ לאַנג יאָהריגער פֿערלאָזטער גאָרטען אויף וועלכען קיינער גיט ניט אַכטונג, קיינעם אַרט ניט, קיינעם אינטערעסירט ניט ווי דער גאָרטען וואַקסט ווילד. עס האָבען זיך אין דעם אונגליקליכען גאָרטען אָנגעפלאָדעט טויזענדער שעדליכע ווערעמליך, זשוקליך, פֿליעגעליך וואָס טאָטשען און טאָטשען די בלעטער מיט די

צווייגען, די וואָרצלען דאַרען דערפֿון. און ווען איך קוק זיך צו צו דעם
פערלאָזטען גאָרטען רייסט און וויינט אין מיר מיין האַרץ. דער גאָרטען
פֿיהרט אפילו אויך פֿאַר זיך אַ לעבען: דער ווינטער בעדעקט איהם אויך
מיט שניי, זומער געהט אויך אויף איהם רעגען. ער זשומעט און רַעשט
מיט זיינע בלעטער אַז פֿון דערווייטענס ווייזט זיך אויס, עס איז אויך
אַ גאָרטען, ער לעבט אויך. נאר קוקט זיך צו נעהנטער, גייט אַריין אינ־
וויינ׳ג און בעטראַכט אלעס, האַפט אָן אַ שרעק ווי דער גאָרטען וואַקסט
שלעכט. קרומע צווייגען, פֿוילע בלעטער, אויסגעגעסענע בוימער, זיי
טשעפּען זיך און פלאַנטען זיך איינס אין אַנדערען און שטערען איינער
דעם אַנדערען גלייך וואַקסען. אָט, דאַכט זיך, הויבט אָן וואַקסען אַ יונג
בוימעלע גלייך, נאר עס געהט אַוועק אַ קליינע צייט, דאָס יונגע בוימעלע
האָט זיך שוין פֿערטשעפעט מיט אַלע אַנדערע קאַליע בוימעליך און
פֿוילט שוין און וואַקסט קרום ווי די אַנדערע, צום גליק געפֿינען זיך נאָך
אין דעם גאָרטען גענוג אַלטע שטאַרקע דעמבעס מיט זעהר טיעפֿע וואָר־
צלען, נאר זיי ווערען אויך ווינציגער, ווייל די ווערעמליך, זשוקליך און
אַנדערע שרצים פלאָדען זיך וואָס אַמאָל מעהר אין גאָרטען.

— מען ברויכט אין דעם גאַנצען יודישען לעבען אַ גרויסע אָפּע־
ראַציע צו מאַכען, פֿלעגט איהר פֿאָטער זאָגען, מען ברויכט האָבען וואָס
מעהר גערטנער, וואָס זאָלען פֿערשטעהן ווי דאָס שלעכטעס אויסצושניי־
דען, דאָס גוטע איינצופֿלאַנצען און אַכטונג געבען, זיך אינטערעסירען ווי
אַזוי דער יודישער גאָרטען וואַקסט, דאַן וועלען אַלע ווערים און אַנדע־
רע שְׁרָצִים בְּמֵילָא וואָס אַמאָל ווינציגער ווערען.

און אידאַ האָט אויף זיך גענומען אַז זי זאָל אין איהר לעבען
אויך זיין איינע פֿון די סודאַוואניקעס. זי וועט טהון פֿאַר איהרע שוועס־
טער דאָס, וואָס איהר פֿאָטער האָט מען צוריק מיט דרייסיג יאָהר ניט
געלאָזט טהון פֿאַר זיינע ברידער. זי פֿיהלט זיך געזונדער, שטאַרקער
פֿעהיגער ווי איהר פֿאָטער אין איהרע יאָהרען. זי פֿאָהרט איצטער פֿריי־
הער אַליין פֿון זיך מאַכען אַ מענשען און נאָכהער, נאָכהער וועט זי פֿיעל,
פֿיעל טהון פֿאַר איהרע שוועסטער, פֿאַר איהר אָרום אומגליקליך פֿאָלק,
יודישע טעכטער האָבען אין אַלע צייטען פֿיעל גוטס געטהון זייער פֿאָלק,
זי ווייסט דאָס, זי האָט פֿיעל געלעזען און פֿיעל האָט איהר דער פֿאָטער
דערצעהלט פֿון אַזוינע סְפָרִים, וועלכע זי קען ניט לעזען, וועגען בעריהמ־
טע יודישע טעכטער.

טויזענדער געדאַנקען זענען איהר געפֿלויגען אין קאָפּ ווי די חוואַליעס אין יַם און האָבען זיך געיאָגט נאָך טויזענדער אַנדערע געדאַנקען. זי האָט אַזוי פֿיעל צו טהון, צו אַרבייטען אין איהר לעבען, אַז זי האָט פֿון אַלעם יעצט ניט געקענט טראַכטען. טויזענדער נייע פּלענער זענען ביי איהר אין קאָפּ געלאָפֿען, געשפּרונגען, געשטופּט זיך איינער פֿאַר דעם אַנדערען, און זי האָט געפֿיהלט ווי זי איז גליקליך, און ווי זי לעבט איצט מיט אַלע איהרע אֵבְרִים.

— מיין אומגליק איז, האָט איהר דער פֿאָטער געזאָגט ערשט אַ טאָג פֿאַר דעם אַוועק פֿאָהרען, וואָס מיין גאַנצער „איך" געפֿינט זיך אין אַ קראַנקען קערפּער, נאַר איך שעץ זיך פֿאַר גליקליך וואָס מיין „איך" געפֿינט זיך איצט אין דיר — אין אַגעזונדען קערפּער.

נחמן ליפּשיץ האָט געמעגט זיך שעצען גליקליך מיט זיין טאָכטער אידאַ. קיינער פֿון זיינע קינדער און פֿון זיינע שילער האָט איהם ניט אַזוי פֿערשטאַנען ווי זי, דערום האָט ער זיך מיט איהר מעהר אָבגעגעבען ווי מיט אַלע. ער האָט מיט איהר מעהר געשפּראָכען, מעהר געלערנט און זי האָט ווי אַ דאָרשטיגע אַלעם איינגעשלונגען.

ניט שטענדיג זענען גלייך פֿעהיג ברידער און שוועסטער פֿון איין פֿאָטער און מוטער. אָפֿט זענען זיי אין אַלעמען איינס פֿון אַנדערן ווייט ווי פֿון מזרח ביז מערב. אידאַ איז מיט קיין זאַך ניט געוועזען עהנליך צו איהר עלטערער שוועסטער, אפילו אין שענקייט זענען זיי אויך געווען פֿערשיעדען. פּעריל האָט געהאַט שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגען און אידאַ בלאָנדע האָר און בלויע אויגען.

פּערלס אויגען האָבען בעמערקט אַזוינע, וועמען עס געפֿעלט נור שוואַרצע, אידאַס אויגען האָט אָבער יעדער געמוזט בעמערקען, און עס איז קיין וואונדער ניט וואָס די פּאַסאַזשיערען פֿון דעם וואַגאָן, אין וועלכען זי האָט זיך געפֿונען, האָבען ניט אויפֿגעהערט צו קוקען אויף איהר. אידאַ איז געוועזען פֿון די בעגאַבטע פּערזאָנען וואָס ציהען צו צו זיך יעדען: מענער, פֿרויען, יונגע, אַלטע און איבערהויפּט קליינע קינדער. אפילו שלעכטע בייזע מענשען וואָס קוקען אויף יעדע נייע פּערזאָן אין דער קרים, האָבען אויך ניט ווילענדיג געמוזט איבערבייטען זייערע בייזע בליקען אויף גוטע, ווען זיי האָבען נור אידאַן געזעהן.

ווען אַ מאָלער זאָל איינפֿאַלען אויסמאָלען אַ ריכטיג בילד „דאָס לעבען" אין געשטאַלט פֿון אַ פֿרוי, וואָלט ער געוויס געזוכט אַזאַ מאָדעל ווי אידאַ.

אידאַ איז געוועזען דאָס לעבען זעלבסט, נאָר ניט פֿון די פֿריילינגס וועלכע שפרינגען, לאַכען, אונ ווען זיי געהען אָדער רעדען וואַרפֿען זיי מיט די אויגען אונ מיט אַלע אֵבָרִים. איהר לאַכען, איהר רעדען, איהר יעדעס בעוועגען זיך איז געוועזען נאַטירליך. קיין זאַך איז אין איהר ניט געוועזען געקינסטעלט. איהרע בלאָנדע האָר פֿליִגען זיך אויסלעגען אויף דעם קאָפּ אין אַזוינע שענע פֿאָרמעס וואָס קיין פֿאַריקענמאַכער מיט זיינע „שציפּרעס" וואָלט דאָס ניט געקענט מאַכען. איהרע בלויע אויגען דורך וועלכע עס האָט אַרויסגעשפּיגעלט אַ גוטע נְשָׁמָה, אַ גוט האַרץ, האָבען געקוקט ווי גלייך זיי רעדען צו יעדען: „לעבט, לעבט, ווי שען און גוט איז דאָס לעבען!"

אין איהרע ניינצעהן יאָהר האָט זי פֿיעל מעהר געלעזען ווי אַנ־אַנדער מיידיל אין איהרע יאָהרען. איהר פֿאָטער איז ניט געוועזען רייך און האָט קיין פֿערמעגען געהאַט אויסער אַ רייכער ביבליאָטהעק, וועלכע ער האָט געקליבען אַ סַךְ יאָהרען נאָך פֿון יונגילוויז אָן. אידאַ פֿלעגט די ביכער פֿון זיין ביבליאָטהעק שלינגען איינס נאָך דעם אַנדערען, און אַלע אין לאַווראַווע פֿלעגען זיך וואונדערען וואָס אַזאַ שען מיידיל גיט זיך אָב מעהר מיט ביכער ווי מיט איהר שענקייט. די מוטער פֿלעגט שרייען אַז אַ מיידיל דאַרף ניט ליגען אַזוי פֿיעל איבער סְפָרִים, דאָס פּאַסט פֿאַר אַ יונגיל, נאָר איהר פֿאָטער פֿלעגט זי פֿערענפֿערען, אַזוי ווי ער האָט קיין זוהן ניט זאָלען האָטש זיינע טעכטער זיך בענוצען מיט זיין „רייכטום", ווי נחמן ליפּשיץ פֿלעגט אָנרופֿען זיין ביבליאָטהעק.

ביי איהר אָנגעלעזענקייט און שענקייט, האָט פֿון דעסטוועגען יעדער אין וואַגאָן געקענט בעמערקען אַז זי איז אַ קליינשטעדטילדיגע, וּבִפְרַט האָט זי זיך דערמיט געוואָרפֿען אין די אויגען, ווען זי פֿלעגט אָנהויבען רעדען, ווייל זי האָט זיך פֿון איהר פֿאָטער אויסגעלערענט רע־דען מיט מְלִיצוֹת ווי כִּמְעַט אַלע קליינשטעדטילדיגע געבילדעטע.

ביי איהר גאַנצער ענערגיע און פֿעסטען כאַראַקטער איז זי געווע־זען אַ שעמעדיגע. זי פֿלעגט גלייך רויט ווערען, ווען זי פֿלעגט הערען אַ פּראָסט וואָרט, אָדער ווען עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען אַז זי האָט זיך אין רעדען אַרויסגעכאַפּט מיט אַ נאַרישקייט.

בִּכְלָל איז אין איהר גרינג געוועזען צו בעמערקען אַז זי איז ווינציג געוועזען אין געזעלשאַפֿט, און דערפֿאַר פֿלעגט זי זיך צווישען פֿרעמדע ניט פֿיהלען היימיש און פֿלעגט ניט קענען רעדען אַזוי גרינג, ווי עס קענען

דאָס די גרויסשטעדטיגע, ניט נור דערוואַקסענע מענשען, נאָר אפילו צעהן יעהריגע קינדער.

ווען זי פֿלעגט זיך פֿאַרשעמען און איבער איהר געזיכט פֿלעגט זיך מינוטענווייז בעווייזען איהר יונגע רויזע־פֿאַרב פֿלעגט זי נאָך שענער ווערען און בעקומען דעם זיבעטען חֵן.

*

אויף דעם צווייטען טאָג האָט זיך אידאַ ניט געפֿיהלט גוט האָטש זי איז אויף דער באַנק די גאַנצע נאַכט געשמאַק געשלאָפֿען. זי האָט איהרע עלטערען געזעהן אין חָלוֹם זעהר טרויריג, איבערהויפט האָט אויף איהר געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק הירשעל, וועלכען זי האָט אויך געזעהן אין חָלוֹם. ער האָט געקוקט אויף איהר מיט אַ בלאַס קרענקליך געזיכט. ער האָט געוויינט פֿאַר איהר זי זאָל ניט אַוועקפֿאָהרען, זי זאָל איהם אויך מיטנעהמען, און זי האָט איהם אַרומגענומען ווי אַ קליין קינד און געטרייסט, אַז זיי וועלען זיך אין גיכסטען נאָך אַ מאָל זעהן און שוין זיין אויף שטענדיג צוזאַמען. נאָר פלוצים פֿיהלט זי ווי ער פֿאַלט אַרויס פֿון איהרע הענד און מיט אַ גרויסען קלאַפּ פֿאַלט ער אויף דער פּאָדלאָגע און ליגט אויסגעצויגען טויט. מען שרייט, מען געוואַלדעוועט, מען לויפֿט נאָך דאָקטורים, מען שרייט „גיכער, וואַסער, ראַטעוועט איהם", און אידאַ האַפּט זיך אויף... און זעהט ווי זי געפֿינט זיך אין וואַגאָן...

זי קוקט זיך אַרום און זעהט ווי איהר קאַרטאָנענע פודלע, אין וועלכער עס ליגט איהר היטעלע, איז אַראָבגעפֿאַלען פֿון פּאָליצע אויף דער פּאָדלאָגע, זי האָט באַלד די פודלע אַנידערגעלעגט אויף דעם פֿריהערדיגען אָרט. זי דערוויסט זיך אַז דער צוג שטעהט שוין פֿינף מי־נוטען נעבען דער גרויסער סטאַנציע דינאַבורג און הערט ווי איינער שרייט צום אַנדערען: „לויף גיכער און נעם פֿאַר זעקס גראָשען אַ טשאַיניק הייס וואַסער". דערצו האָט זי זיך דערמאַנט ווי פֿאַר דעם שלאָף האָט זי גע־לעזען עפּיס אַ ביכעל וואָס אַ פּאַסאַזשער האָט איהר געליהען און וואו דאָרטען האָט זיך איינער געשאָסען און צוויי זענען געשטאָרבען.

זי האָט זיך אפילו פֿון חָלוֹם באַלד בערוהיגט, נאָר וועגען הירשלען האָט זי דעם גאַנצען צווייטען טאָג אויפֿגעהערט טראַכטען, זי האָט איהם ליעב געהאַט פֿון קינדווייז אָן. קיינער פֿון איהרע בעקאַנטע יונגע לייט איז איהר ניט אַזוי געפֿעלען און מיט קיינעם פֿיהלט זי זיך אַזוי ניט גוט

ווי מיט הירשלען, נאָר דאָך איז דאָ מינוטען וואָס זי קען איהם ניט איבערטראָגען. דאָס קומט פֿאַר דאַן, ווען זי זעהט ווי הירשעל איז ביי זיך אַזוי רוהיג, זיכער און עס פֿעהלט איהם קיין זאַך אין דער וועלט ניט. ער איז צופֿרידען מיט דער וועלט ווי גלייך בְּאֶמֶת עס פֿיהרט זיך אַזוי אַלעס אין אָרדענונג און יעדען פֿון זיינע ברידער לעבט זיך אַזוי גרינג און גוט ווי איהם.

— איז דען הירשעל עהנליך צו די יונגע לייט, ווי איהר פֿאָטער מיט זיינע חֲבֵרִים זענען געווען? איז איהר איצט ווידער אויפֿגעקומען אויף די געדאַנקען.

— ווי אַזוי פֿלעגען אַ מאָליגע יונגע לייט פֿערברענגען זייער צייט און ווי אַזוי פֿערברענגען די היינטיגע יונגע לייט? — פֿלעגט אָפֿט איהר פֿאָטער זאָגען. דאָ האָט זי זיך אָנגעהויבען דערמאַנען, ווי איהר פֿאָטער פֿלעגט דערצעהלען פֿון די פֿריהערדיגע יאָהרען: מען האָט געלערענט אין די בָּתֵּי־מִדְרָשִׁים ווי די עלטערען האָבען פֿערלאַנגט, מען האָט געלערענט אייראָפּעאישע שפּראַכען און וויסענשאַפֿט אַז די עלטערען זאָלען ניט וויסען. אין די ווינטערדיגע נעכט, ווען אַלע זענען געשלאָפֿען און זומער הינטער דער שטאָדט אין וואַלד, צווישען די בערג, האָט מען ווידער געלעזען און געלערענט — מען האָט געוואָלט פֿון זיך מאַכען מענשען. נאָר דאָס אַלעס איז ווינציג געווען; מען האָט זיך געריסען אין די גרויסע שטעדט וואו מען קען פֿרייער און גרינגער לערנען. ניט איין מאָל האָט מען זיי געכאַפּט מיט די הַשְׂכָּלָה־ביכער, טאַטע מאַמע האָבען דערפֿאַר געשלאָגען, די שטאָדט האָט געזידעלט, געשאָלטען, געטייט אויף זיי מיט די פֿינגער, נאָר זיי, האָבען נאָך מיט מעהר פֿייער, מיט מעהר חֵשֶׁק געטהון זייער זאַך אום צו ווערען מענשען, אום זיך אַרויסצורייסען פֿון דער פֿינסטערניש. פֿלעגען זיי בעמערקען אין שטאָדט אַ פֿעהיגען יונגיל, פֿלעגען זיי איהם באַלד אַריינגעהמען אין חֶבְרָה. ווען אָרימע קינדער האָבען געוואָלט לערנען, האָט מען מיט זיי מיט ליבשאַפֿט געלערענט, און מיט די לעצטע גראָשענס זיי אויסגעהאַלטען, זיך געטהיילט מיט דעם לעצטען ביסען. צווישען די יונגע לייט זענען ניט געווען דאַן לעהרער און שילער, עלטערע און יונגערע, רייכע און אָרימע, עס זענען נור געווען חֲבֵרִים, גלייכע ברידער. אַזוי האָבען אַ מאָל פֿערבראַכט די צייט אַמאָליגע יונגע לייט אין די יונגע, בעסטע פֿרייע יאָהרען.

זיי האָבען געלעבט, געאַרבייט, און מִלְחָמָה געהאַלטען, פֿאַר קיין זאַך קיין מוֹרָא ניט געהאַט, אַבי נור זיך און אַנדערע פֿאַר מענשען צו מאַכען. יודישע יונגע לייט זענען געווען גרייט יעדע מינוט זיך מַקְרִיב זיין פֿאַר זייערע ברידער, פֿאַר זייער פֿאָלק. און וואָס טהוען און מיט וואָס פֿאַרנעהמען זיך איצטיגע יונגע לייט? די רייכערע זענען צופֿרידען מיט זיך און לעבען אַ גוטען טאָג, און די אָרימע טראַכטען ווי זיי זאָלען קומען צו אַ קאַפּיטאַל כְּדֵי אויך זיך קענען פֿערשאַפֿען אַלע פֿערגניגען פֿון דער וועלט. נאָר עפּיס טהון, אַרבייטען, אַז זיי זאָלען קומען צו אַ גוט רוהיג לעבען, דאָס טהון זיי גאָר ניט, זיי זיצען און וואַרטען, עס זאָלען זיי אַריינפֿליהען אין מויל געבראָטענע טויבען. זיי טהון ניט נור פֿאַר יענעם, נאָר אפילו ניט פֿאַר זיך אַליין, זיך פֿאָרצובערייטען צו אַ געזונדען און נוצליכען לעבען. איצטיגע צייט אַז עס געפֿינט זיך אַ יודיש יונגיל וואָס זאָגט „איך וויל לערנען אַ מְלָאכָה, איך וויל זיך בילדען, איך וויל ווערען אַ מענש, נאָר איך בין אָרים, איך וויל מען זאָל מיר אין דעם מיט עפּיס העלפֿען". — ווער ענפֿערט איהם? קיינער ניט. דאָס יונגיל מעג האָבען די בעסטע פֿעהיגקייטען אַרט קיינעם ניט און קיינער העלפֿט איהם ניט. „אין מיינע צייטען, פֿלעגט רער פֿאָטער זאָגען, פֿלעגט מען אַזאַ יונגיל אויסהאַפּען, פֿון אַלע זייטען פֿלעגט מען פֿאַר איהם זאָרגען און פֿיעל, פֿיעל זענען פֿון אַזוינע יונגליך נאָכהער געוואָרען געבילדעטע מענשען. איצט אָבער שלאָגען זיך די פֿעהיגע צו קיין זאַך ניט צו און פֿון די ניט־פֿעהיגע קומען יעדעס יאָהר צו ביי יודען נייע טויזענדער קאַליקעס וואָס טויגען צו קיין זאַך אין דער וועלט".

און אידאַ האָט זיך געפֿרעגט: וואָס טהוט הירשעל? און איבערהויפּט וואָס איז ער אַליין אָהן זיין טאַטענס געלד? — גאָר ניט. זי האָט געוואָלט ער זאָל זיין אַזאַ יונגער מאַן ווי איהר פֿאָטערס חֲבֵרים. איהר אַלטען אָרימען האַלב קראַנקען טאַטען טהוט נאָך איצט אויך וועה דאָס האַרץ פֿאַר יענעם, חאָטש ער איז איצט ניט אין שטאַנד צו העלפֿען. נאָר אַז ער צורעדט זיך וועגען דעם יודישען טרויריגען סקאַליעטשעטען לעבען צינדען זיך אָן זיינע אויגען ווי ביי אַ יונגען מאַן. זי געדענקט, ווען ער איז געווען געזונד און יונג, האָט זי קיין שענערען ניט געזעהן ווי איהר טאַטען.

— פֿאַר וואָס זאָל הירשעל אַזוי ניט זיין ווי איהר טאַטע? פֿלעגט זיך אידאַ אָפֿט פֿרעגען, — פֿאַר וואָס אַרט הירשלען קיין זאַך ניט? אין

לאוראָווע געפינען זיך אַזוי פיעל אָרימע לייט, זייערע קינדער וואַלגערען זיך אין גאַסען. פאַר וואָס קומט איהם קיין מאָל ניט אויף די פראַגע: וואָס זאָל אויסוואַקסען פון אַזוינע אומגליקליכע קינדער? פאַר וואָס זעהט ער ניט וואָס איך זעה? פאַר וואָס ריהרט איהם ניט אָן ביים האַרצען ווי מיך? שוין־זשע איז ער אַזוי בלינד אַז ער זעהט דאָס אַלעס ניט? נאָר אַ בלינדער קען דאָס אויך זעהן, די קרעכצען, די זיפצען פון דער יודישער נויט און צָרוֹת הערען זיך אין דער לופט. ניין, ניט אַזוינער קען זיין מיין מאַן. ניט מיט אַזוינעם קען איך מיין וועלט טהיילען.

און אידאַ האָט אויך ווי הירשעל געזאָגט צו זיך.

— ניט קיין טויזענטער קענען מיך גליקליך מאַכען... איך האָב הירשלען ליעב... איך בין געוואָהנט צו איהם... מיר איז אנגענעהם צו זיין אין זיין געזעלשאַפט... נו, איך האָב איהם ליעב... נאָר דאָס אַלעס וואָס מיין פאָטער האָט אין מיר פון קינדווייז אָן איינגעפלאַנצט איז מיר ליעבער און טייערער... איך האָב איהם אַלעס אין בריעף גע־שריעבען, און ווען ער וויל ווירקליך מיט מיר די וועלט טהיילען, זאָל ער פריהער פון זיך מאַכען דאָס וואָס מיר געפעלט. זאָל ער פריהער אַ מענש ווערען, ער איז יונג און געזונד. ביי די בעסטע יונגע יאָהרען קען יעדער פון זיך מאַכען וואָס ער וויל. מיר וועלען לעבען וועלען מיר זעהן, מיר זענען נאָך ביידע יונג און אַרבייט איז דאָ אַזוי פיעל...

מיט די געדאַנקען איז זי געוועזען פערנומען דעם גאַנצען טאָג. קיין פעטערסבורג איז געבליבען נאָך עטליכע שָעָה רייזע און אַלע איהרע געדאַנקען ווענען לאוראָווע זענען איצט אוועק, זי האָט איצט נור גע־טראַכט ווענען דער גרויסער שטאָדט פעטערסבורג און ווענען איהרע נייע בעקאַנטע מיט וועלכע זי וועט זיך איצט בעגעגענען.

דער צוג האָט שוין אויסגעפעהלט די סטאַנציע גאַטשינאַ. באַלד, באַלד וועט זי זעהן די גרויסע שטאָדט פון וועלכער זי האָט אַזוי לאַנג געטראַכט. זי האָט זיך געשטעלט ביים פענסטער, זי האָט געוואָלט זעהן די שטאָדט פון דער ווייטענס, נאָר ביז צום וואַרשאַווי־פעטערסבורגער וואָגזאַל האָט זי מעהר ניט געזעהן ווי גרויסע קוימענס פון פערשיעדענע פאַבריקען.

אויף דעם וואָגזאַל האָבען זי אויפגעוואַרט מאַדאַם קריינין מיט איהר עלטערער טאָכטער אַננאַ

— מיין פּאַפּאַ האָט מיר געזאָגט אַז איהר זענט אַזאַ שענע, איהר האָט אַזוינע זעלטענע בלאָנדע האָר מיט בלויע אויגען, אַז עס איז אייך גרינג צו דערקענען, און איך האָב אייך באַלד דערקענט ווי איהר זענט נור אַרויסגעגאַנגען פֿון וואַגאָן, האָטש איך האָב קיין מאָל אפילו אייער פֿאָטאָגראַפֿיע ניט געזעהן, האָט אננאַ געזאָגט אַרומהאַפּענדיג זיך מיט אידאַן קושען. אידאַ האָט זיך אַזוי פֿערשעמט, אַזוי רויטה געוואָרען אַז זיי האָבען זיך מיט זייערע קושען ניט געקענט גלייך טרעפֿען.

— איין אמת'ע פּראָווינציאַלקע. — האָט אננאַ זיך צולאַכט.

אַננאַ מיט איהר מוטער שׂרה ביילע, האָבען ביי אידאַן, וועלכע האָט זיך פֿון די לעצטע ווערטער נאָך מעהר פֿאַרשעמט און ניט גע־וואוסט וואָס צו טהון, צוגענומען די פּעקליך, אַרויס גענומען דעם באַ־גאַזש און זיך געזעצט אויף אַ דראָשקע. פֿאָהרענדיג האָבען זיי ביידע צו איהר גערעדט, נאָר זי האָט ניט געהערט קיין וואָרט, פֿון דעם קלאַפּען פֿון די פֿיעל דראָשקעס און קאַרעטען, און פֿון דעם גרויסען רַעַש פֿון די מענשען האָט זיך איהר פֿערדרעהט דער קאָפּ.

— שוין בעקאַנט, שוין בעפֿריינדעט, שוין געקושט זיך, און זי האָט דאָס אַזוי פֿיעל געטראַכט ווי אַזוי זי וועט זיך מיט זיי בעקאָנען און ווי אַזוי זי וועט מיט זיי רעדען.

דאָס אַלעס איז אידאַן דורכגעפֿלויגען אין די געדאַנקען פֿאָהרענ־דיג, נאָכהער האָט זי דערהערט עטליכע ווערטער וואָס די מאַדאַם קריינין האָט איהר דערצעהלט.

שוין עטליכע יאָהר אַז איך קלויב זיך אויף קֶבֶר אָבוֹת צו דער מאַמען, זי זאָל האָבען דעם ליכטיגען גַן עֵדֶן און זיין אַ גוטע בעטערין פֿאַר אונז. זי ליגט טאַקע ביי אייך אין לאַווראָווע, אַ טייער שטעדטיל לאַווראָווע, נאָר פֿון דעם וויסטען פּעטערסבורג קען מען זיך דען אַרויס־רייסען. הו, האַ! אַ געפּילדער, אַ רעש ווי אויף יענער וועלט.

— אָט דאָ וואָהנען מיר אין דער קאַזאַרמע, האָט מאַדאַם קריינין ווידער געזאָגט, ווען די דראָשקע האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען אַ פֿינף עטאַזשנעם הויז. צוועלף הונדערט רובל אַ יאָהר דירה געלד און צו מיט־טאָג דאַרף מען אָנצינדען די לאַמפּען. אַ פֿינסטערע עס־שטוב.

מען האָט אידאַן מיט איהרע פּעקליך אַרויפֿגעפֿיהרט אויף הונ־דערט דרייסיג טרעפּ, מען האָט אָנגעקלונגען און מען האָט באַלד ברייט געעפֿענט די טהיר.

און אידאַ וואָהנט יעצט אין פעטערסבורג ביי באָרים פעטראָוויטש קריינין אין הויז צוזאַמען מיט זיין פֿאַמיליע. —

---

## IV.

## צווישען נייע מענשען.

ווען אידאַ איז אַרויסגעפֿאָהרען קיין פעטערסבורג, האָט איהר דער פֿאָטער מיטגעגעבען בריעף צו זיינע צוויי אַמאָליגע חֲבֵרים פֿון דער יוגענד, וועלכע מען רופֿט היינט באָרים פעטראָוויטש קריינען און לעוו אַסיפּאָוויטש סאָלאָמאָנאָוו. צו דעם ערשטען האָט ער טעלעגראַפֿירט מען זאָל זיין טאָכטער בעגעגנען אויף דעם וואָגזאַל. אין דעם בריעף צו קריינען האָט ער געבעטען אַז די ערשטע צייט זאָל זי וואָהנען מיט זיין פֿאַמיליע, ער וואָלט וועגען דעם געשריעבען סאָלאָמאָנאָווען, נאָר געוויס וואָהנט ער יעצט אין זיין זומער־וואָהנונג אויסער דער שטאָדט.

קריינענס פֿאַמיליע האָט זיך געפֿרייט וואָס עס דאַרף קומען אַזאַ גאַסט, וויל ווען באָרים פעטראָוויטש איז פֿאַריגעס יאָהר דורכגעפֿאָהרענדיג לאַוראָווע, געוועזען ביי נחמן ליפשיץ אין הויז, האָט ער זיך מיט אידאַן בעקענט און ער האָט זי פֿאַר זיין פֿרוי און קינדער געלויבט. איבערהויפּט איז געוועזען צופֿריעדען פֿון דעם גאַסט די מאַדאַם קריינען, וויל זינט איהר מאַן האָט זי מיט די קינדערליך געבראַכט קיין פעטערסבורג, בײנקט זי אַלץ אַהיים — קיין לאַוראָווע, חאָטש זי האָט שוין דאָרט קיינעם ניט, כִּמְעַט אַלע איהרע קְרוֹבִים זענען אויסגעשטאָרבען. די צוואַנציג יאָהר וואָס זי וואָהנט דאָ האָבען זי ניט צו געבונדען צו דער גרויסער שטאָדט. וואָס פֿאַר אַ לעבען האָט זי דאָ אימשטיינס געזאָגט, וואָס קומט איהר אַרויס, וואָס איהרע צוויי זיהן זענען דאָקטוירים, וואָס איהר מאַן איז געוואָרען אַ גרויסער פּריץ, איהר טאָכטער און איהר שנור, דעם עלטערן זוהנ'ס פֿרוי, זענען פּריצעס, און וואָס וועט זיין פֿון איהרע איבריגע קינדער? וואָס קומט איהר אַרויס פֿון דעם אַלעמען, ווען זי איז שטענדיג אַרומגערינגעלט מיט פֿרעמדע און אייגענע גוֹיִם און גוֹיָה'ת, ניט דאָ קיין שַׁבָּת, קיין יום טוב, זי הערט ניט קיין יודיש וואָרט, יעדען פֿרייטאָג צו נאַכטס דאַרף זי זיך מיט איהרע בענשליכט בעהאַלטען ווי אַ גַנָב, די אייגענע קינדער זאָלען פֿון איהר ניט לאַכען. דער מאַן האַלט אפילו שטענדיג מיט איהר, נאָר ער איז „אַ לעמישקע", ער קען ניט אָנ־

שרייען אויף די קינדער ווי אַ טאַטע, ער זאָגט „אַז מיט היינטיגע קינדער טאָר מען זיך ניט קריעגען“. שׂרה ביילע פאָלגט איהר מאַן וואָס ער זאָגט און קריעגט זיך אויך ניט מיט איהרע קינדער, נאָר זי פיהרט זיך אַ בעזונדער בעהאַלטענעם לעבען מיט איהר דאַוונען, וואַשען און בענשען ביים עסען, און איהר מאַן מיט די קינדער פיהרען אויך איין בעזונדער לעבען. כָּל זְמַן איהרע צוויי דאָקטויירים מיט אַנען זענען געוועזען קליינע קינדער, ד. ה. אין איהר רְשׁוּת, האָט זי זיי געלערענט ווי זי האָט געוואָלט. נאָר ווי זיי האָבען אָנגעהויבען געהן אין די שקאָלעס, זיך בעקענט מיט חברים, האָבען זיי אויפגעהערט פאָלגען. אָט האָט זי נאָך דריי קינדער און זיי הויבען שוין אויך אָן ניט צו פאָלגען. וואָס קען זי טהון? מיט אַלעס פיהרט זיך איהר הויז ווי איהרע קינדער ווילען, נאָר איין זאַך האָט זי געשטעלט אויף איהרען — אין איהר שטיב איז קיין מאָל ניט אַריינגעקומען קיין טְרֵיפוֹת, עס פיהרט זיך אַ יודישע קיך און אַלע מוזען עסען כָּשֵׁר'ס. די הויזלייט האָבען זיך ניט איין מאָל געפריווט דאָס אויך ביי שׂרה ביילען צונעמען, נאָר זי האָט זיך געגען דעם געראַנגעלט דאָס גאַנצע לעבען מיט אַלע קרעפטען און האָט אין דעם גוֹבֵר געוועזען. זי היט שטענדיג איהר כָּשֵׁר'ה קיך ווי מען היט אַ פעסטונג פון די שׂוֹנְאִים, און קיינער וואַגט ניט מעהר אויף איהר אָנצופאַלען.

זי טראַכט שטענדיג וועגען דעם, ווי גוט וואָלט איהר געוועזען, ווען זי וואָלט געלעבט מיט איהר מאַן און קינדער אין לאַוורעוואָ צווישען איהריגע, צווישען יודען. עס ציהט זי שטענדיג אַהין. די גאַנצע צייט קלויבט זי זיך חאָטש פאָהרען אַהין אויף קֶבֶר אָבוֹת, און אַזוי געהט אַוועק אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר און זי קען זיך ניט אַרויסרייסען. אויף וועמען קען מען איבער לאָזען, קיין עַיִן הָרָע, אַזאַ שטוב?

מיט אידאָס קומען האָט זי זיך דערפרעהט, זי וועט האָבען חאָטש מיט וועמען אַ יודיש וואָרט צו רעדען, פאַר וועמען דאָס האַרץ אויסרעדען, אידאַ וועט איהר דערצעהלען וועגען לאַוורעוואָ.

צוליעב דעם גאַסט האָט שׂרה ביילע היינטיגען אָבענד צום טהיי געבראַכט אַ סלאָי „ווישניאַק“ וואו די וויינשעל ווייקען זיך אין בראָנפען שוין אַ יאָהר צוויי (דאָס איז בעהאַלטען צו אַנעם תְּנָאִים). זי האָט איצט געטהיילט יעדען צו קליינע גלעזעליך און געוואָרענט אַז מעהר וועט קיינער ניט בעקומען, „דאָס איבריגע וועט מען אויסטרינקען אי״ה אויף אַנישקעס תנאים“.

אַנושקע האָט געענטפערט זי איז גרייט באַלד אַ כַּלָה ווערען אַבי זי זאָל יעדען געבען נאָך צו גלעזליך, נאָר די מוטער איז אוועקגעגאַנגען מיט דעם סלאָי זאָגענדיג דערביי „אַז מען זאָל צו־וואַרטען ביז דער חָתָן וועט קומען".

— די מאַמע וואָלט מיך נור געוואָלט חַתוּנָה מאַכען, זי אין מיינע יאָהרען האָט שוין נעהאַט אַ פּאָר קינדער. אַנאַ האָט זיך צולאַכט, ווענ־דענדיג זיך צו אידאַן — ביי אייך אין לאַוורעווע מאַכט מען נאָך היינט אויך חתונה צו זעכצעהן יאָהר?

— צו זעכצעהן זעלטען, נאָר דאָס מעהר האָבען חתונה צו אַכצעהן, צוואָנציג יאָהר.

— נו און מעהר ווי צוואָנציג יאָהר איז ביי אייך קיין פרייליינס ניט דאָ?

— עס איז דאָ נור זעהר זעלטען, זיי האָבען אויך דערנאָך חתונה.

— נו און אַז עס מאַכט זיך פּאָרט ניט קיין חתן, פערזיצט מען?

— ניין, אַ יודישע טאָכטער פערזיצט ניט און חַתָנִים געפינען זיך ביי אונז גענוג.

— אַ גליקליך שטעדטיל, האָבען זיך אַלע צולאַכט.

— ניט אַזאַ גליקליכס ווי איהר מיינט. אמת, חתנים געפינען זיך זיך גענוג, אבער דאָס מעהר אַזוינע וואָס מאַכען נור אומגליקליך יודישע טעכטער.

— פאַר וואָסזשע? זיי זענען שכּוּרים, שפּיעלען אין קאָרטען? צי זיי האַלטען זיך ניט צו הויז און לעבען אַ גוטען טאָג? אַזוינע מאַנען זע־נען ביי אונז אויך דאָ.

— אָ ניין, פערקעהרט, זיי זענען זעהר לייטישע יונגע לייט, האָבען ליעב די פרויען, זיצען צו הויז, פערגינען זיך קיין זאַך אָהן זייערע פרויען און קינדער, נאָר זיי זענען נעביך אַזוי אומגליקליך. כָּל זְמַן מען האָט דעם נְדָן, האַנדעלט מען, וואַנדעלט מען, מען שווינדעלט. זעהר אַ קליי־נער פּ־אָצענט איז אים שטאַנד אויסצוהאַלטען ווייב און קינדער, דאָס מעהר אָבער ביי דעם קלענסטען שלעכטען צופאַל בלייבט אייביגע אֶבְיוֹנִים, וועלכע קענען שוין צוריק צו די כּוֹחוֹת ניט קומען. קינדער וואַקסען אין „סטוּפּ אַריין", אָהן ערציהונג, אָהן אַ שום פאַך צום לעבען, און אָט די קינדער ווערען דערנאָך גרויסע מענשען, וואָס טויגען צו קיין שום זאַך אין דער וועלט. די געצעהלטע רייכע יודען, וואָס געפינען זיך

ביי אונז, זאָרגען וועניג פֿאַר דעם כְּלַל, און אַזוי דרעהען זיך אַרום ביי אונז לעבעדיגע מֵתִים אָדער קאַליקעס, און דאָס גאַנצע אומגליק נעמט זיך דערפֿון, וואָס יודישע קינדער לערנען אַלעס צו ביסלעך און קענען גאָר ניט און בעמערקען עס ערשט דאַן, ווען זיי טרעטען שוין ווייט אַריין אין לעבען, ווען מען האָט שוין אַ ווייב מיט קינדער און מען קען פֿון זיך שוין גאָר ניט מאַכען.

באָרים פּעטראָוויטש, וואָס האָט זיך אין אָנהויב וועניג צוגעהערט ווענען וואָס „קינדער רעדען", האָט זיך פּלוצים אָנגערופֿען.

— ווען אידאַ רעדט ווייזט זיך מיר אויס ווי איך הער רעדען איהר טאַטען. אָ עס איז שוין זעהר לאַנג זייט מיר, לאַווראָווער יונגע לייט, פֿלעגען אַמאָל אַזוי רעדען פֿון דער יודישער לאַגע, ווי עס ווייזט אָבער אויס איז נאָך איצטער דאָרט פֿיעל ערגער געוואָרען.

און באָרים פּעטראָוויטש האָט זיך דערמאַנט אָן דער צייט ווען ער איז געוואָרען אַ לאַווראָווער איידעם און געזעסען ביי שווער און שוויגער אויף קעסט. ער געדענקט שוין ניט ווי אַזוי ער האָט זיך בעקאַנט מיט די יונגע לייט וואָס מען פֿלעגט זיי רופֿען אין שטאָדט „אַפּיקוֹרְסִים", זיי האָבען איהם דאָס ערשטע מאָל געעפֿענט די אויגען, און ער האָט זיך זיי איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען. ער געדיינקט אַז מען האָט דאַן פֿיעל גערעדט ווענען „כְּלַל יִשְׂרָאֵל", ווענען דער „מענשהייט" און עס איז געבליבען מען זאָל לויפֿען אין דער וועלט מאַכען פֿון זיך מענשען. ער איז אויך צו זיי געשטאַנען, נאָר ווי ער האָט זעהר ליעב געהאַט זיין שרה ביילען, האָט ער איהר אַלעס דערצעהלט בְּסוֹד סוֹדוֹת אַז שווער און שוויגער זאָלען ניט וויסען. ער האָט איהר ערקלערט, אַז ער וויל פֿאָהרען לערנען און ווערען אַ מענש. זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען וואָס אייגענטליך וויל ער, נאָר זי האָט געגלויבט איהר ברוך'ן, אַז ער וויל חו"ש קיין שלעכטע זאַך ניט טהון, איז זי בעשטאַנען, ער זאָל פֿאָהרען לערנען, טאַטע־מאַמע זאָלען ניט וויסען, און ער איז צוזאַמען מיט זיינע חברים אַנטלאָפֿען.

דאָרט אין דער גרויסער וועלט האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז קריינען האָט קיין גרויסע פֿעהיגקייטען צום לערנען. זיינע חברים האָבען איהם געראָטען ער זאָל זיך לערנען אַ מְלָאכָה און ער איז אַריינגעטרעטען אַר־בייטען צו אַ קאָוואַל. פֿון דעם קאָוואַל איז ער איבערגעגאַנגען צו אַ זייגערמאַכער און דערנאָך גאָר צו אַ שניידער. דאָ האָט ער געפֿונען זיין

אֶמֶתען טאַלענט, ער האָט שוין געקענט צושניידען, שוין געפֿיהרט אַליין מאַסטערסקאַיאַ און שוין זאָגאַר געוואָלט אַראָב בריינגען צו זיך זיין פֿרוי און קינדער, נאָר ער האָט זיך בעטראַכט אַז חאָטש ער איז שוין אַ בַּעַל מְלָאכָה, נאר פֿאָרט אַ״פּאַרטאַטש״. פֿיעל יודישע בַּעַל מְלָאכות שטאַרבען פֿאַר הונגער נור דערפֿאַר וואָס זיי קענען ניט די מלאכה ווי עס דאַרף צו זיין, וואָסזשע האָט ער דאָ אויסגעפֿיהרט ? זיין דערזעלבער קאַליקע וואָס פריהער. אַ דאַנק אַ בעקאַנטען שניידעריונג וואָס האָט געאַרבעט פֿריהער אין פּאַריז און דערנאָך ביי איינעם פֿון די בעסטע פּעטערסבורגער שניידער, איז איהם איינגעפֿאַלען אויך פֿאָהרען קיין פּאַריז. אַביסעל נדן־געלד האָט ער נאָך געהאַט, אַביסעל פֿלעגט ער פֿערדיענען, און דאָס האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט צו פֿאָהרען קיין פּאַריז. דאָרט האָט ער געאַרבעט אַ יאָהר דריי און איז ווידער געקומען קיין פּעטערסבורג. דאָ האָט ער בעקומען אַ גוטע שטעלע, דערנאָך, ווען ער איז געקומען צו עטליכע רובל, האָט ער אַליין געעפֿענט איין אייגענע מאַסטערסקאַיאַ. יעצט רעכענט ער זיך פֿאַר איינעם פֿון די פֿיינסטע שניידער און אין זיין מאַגאַזין קומען אַריין פֿון די גרעסטע לייט און באַשטעלען אַרבייט. קיין קאַפּיטאַלען האָט ער ניט, נאָר ער פֿיהרט זעהר אַ שעהן הויז, זיינע קינדער האָט ער געגעבען די בעסטע ערציהונג. פֿון זיינע עלטערע צוויי זיהן האָט ער אפילו אויך געוואָלט מאַכען שניידער ווי ער, נאָר זיי האָבען זיך ניט געלאָזט און זענען אויסגעוואַקסען דאָקטוירים. פֿאַר אַנען האָט ער אָנגעגרייט עטליכע טויזענד רובל נדן. ער האָט נאָך דריי קינדער, אַ מיידעלע און צוויי יונגליך וועלכע לערנען אין שולע, נאָר ער רעכענט דורכאויס פֿון די יונגליך, ווען זיי וועלען אונטערוואַקסען, שיקען זיי קיין פּאַריז לערנען שניידעריי און זיי אויף דער עלטער איבערגעבען זיין פֿירמאַ מיט וועלכער קריינען פֿלעגט שטענדיג שטאָלצירען.

וועגען דעם „כלל ישׂראל" און „מענשהייט", וואָס ער פֿלעגט אַמאָל מיט זיינע חברים רעדען, האָט ער פֿערגעסען ווי אין „זיי געזונד". אידאַ האָט איהם איצט אין יענער צייט דערמאַנט.

— עס ווייזט אויס אַז איצטער איז דאָרט נאָך ערגער, האָט ער איהר געזאָגט, און איז זעהר צופֿריעדען געוועזען וואָס ער האָט זיך צוריק מיט דרייסיג יאָהר אַרויסגעהאַפּט פֿון די „קאַליקעס", ווי אידאַ רופֿט זיי אָן.

— אידאַ! האָט זיך פּלוצים שרה ביילע אָנגערופֿן, עס איז שוין צעהן אַ זייגער, איהר וועט עפּיס עסען און געהן שלאָפֿען, ביי אונז אין לאַוורעווע שלאָפֿט מען שוין לאַנג. דאָ עסט מען וועטשערע צוויי ביי־נאַכט און מען לעגט זיך שלאָפֿען פֿאַרטאָג, כ'לעבען קומט מיט מיר עסען.

אין לאַוורעווע שלאָפֿט זי בֶּאֱמֶת שוין אין דער צייט וּבִפְרַט זי האָט זיך אביסל געפֿיהלט מיעד פֿון וועג און זי איז מיט מאַדאַם קריינען, וועלכע פֿלעגט דאָ אויך פֿריה זיך לעגען, געגאַנגען עסען. אַלע האָבען געלאַכט.

— איהר מעגט לאַכען און מיר וועלען בעסער מאַכען, האָט שרה ביילע געזאָגט.

*

אויף מאָרגען זייגער אַכט, ווען אידאַ האָט זיך אויפגעהאַפּט פֿון שלאָף, האָט זי געזעהן ווי זי געפֿינט זיך אין אַ שען צימעריל, אַ קענגען איהר שלאָפֿט אנאַ, נאָר אַזוי געשמאַק ווי „אין ערשטען שלאָף". צווישען זייערע בעטען שטעהט אַ טואַלעט טישעל פֿול אנגעשטעלט מיט אַלער־ליי פֿלעשעליך, סלויעקליך, שיסעליך, פּודעליך, בערשטעליך או קיימעליך.

אויפֿשטעהן האָט זי ניט געוואָלט, זי זאָל ניט שטערען אַנען פֿון שלאָף, איז זי געלעגען און בעטראַכט אַלעס וואָס עס געפֿינט זיך אין צימער. פֿון איין זייט אַ וואַש טיש, פֿון דער צווייטער זייט אַ קליידער שאַפֿע און ווידער האָט זי איבערגעטראָגען די אויגען אויף דעם טישיל מיט די פֿלעשעליך און פּודעליך.

— אַ גאַנצע אַפּטהעק, אַ גאַנצע פֿאַבריק, האָט זי געטראַכט.

פּלוצים האָט זיך שטיל געעפֿענט די טהיר און די מאַדאַם קריינען האָט זיך אַריינגערוקט מיט אַ שיינענדיג געזיכט און מיט אַ גלאָז טהע און צוויי פֿרישע בייגעל אין דער האַנד.

— אַ גוטער מאָרגען דיר, איך וועל דיר זאָגען „דו", איך קען דיין מאַמען פון מיידעלוויז, האָט זי זיך געווענדעט צו אידאַן. הונדערט יאָהר זאָלסט דו מיר לעבען, מיין האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט אַז אַכט דעם זייגער וועסט דו שוין ליגען מיט אָפֿענע אייגעליך. טרינק אַ גלעזעלע טהע, האָט זי געזאָגט און זיך געזעצט ביי אידאַן אויף דעם בעט. טרינק, שעם זיך ניט. איך אין דיינע יאָהרען פֿלעג אויך אין לאַוורעווע אויפֿ־

שטעהען ניט שפּעטער ווי זיבען אָדער אַכט, היינט שטעה איך אויך אויף ניט שפּעטער, טרינקט'זשע, וואָס שעמסט דו זיך.

— איך שעם זיך ניט, נאָר אַנאַ וועט אויך מִסְתָּמָא באַלד אויפֿשטעהן, וועלען מיר צוזאַמען טרינקען.

שרה ביילע האָט זיך שטאַרק צולאַכט.

— פֿאַר איינס אָדער צוויי אַ זייגער בין איך דיר עָרוּב אַז זי וועט ניט אויפֿשטעהן, זי האָט זיך מסתמא געלעגט פֿיער פֿינף פֿאַר טאָג.

— וואָס־זשע האָט זי געטהון אַזוי שפּעט.

— וואָס? אָדער מען איז געזעסען און געפּלאַפּעלט אָדער געלעזען אַ פּוסט ביכעל. ווער אפילו זי זאָל זיך וועלען פֿריהער לעגען, קען זי אויך ניט, אַזוי זענען שוין אַלע פֿרויען און פֿריילין דאָ אין דעם וויסטען פּעטערבורג געוואהנט. מען עפֿענט די אויגען צוויי, ביז דריי טרינקט מען אין בעט קאַווע אָדער טהע, פֿון דריי ביז פֿינף גיט מען זיך אָב מיט דער אַפּטהעק וואָס געפֿינט זיך דאָ אויף דעם טישיל, פֿון פֿינף ביז זעקס שפּאַצירט מען אַביסל. זעקס געהט מען צו מיטאָג, און אַכט אַ זייגער געהט מען אין טהעאַטער אָדער מען געהט צו גאַסט, אָדער געסט קומען צו אונז, אַט נאַט, זעהט, זי האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט די קליידער אויפֿהענגען אויף אַנ'אָרט, וואַלגערט זיך אַלעס אונטער ד פּיס, אַזאַ לעבען, אימשטיינס געזאָגט, פֿיהרט מען דאָ, אַזאַ מאָדע איז דאָ, אויף מיינע שׂוֹנְאִים געזאָגט געוואָרען אַזאַ לעבען, ניט פֿאַר קיין יודישע טעכטער געזאָגט. אוי ווען גאָט בענשט מיך הֲתוּנָה מאַכען אַנישקען, וואָלט איך שוין אַלי'ן אַוועקגעוואָרפֿען און אַנטלאָפֿען קיין לאַוראָווע, האָטש קומען צו קֶבֶר־יִשְׂרָאֵל. איך וויל ניט ליגען דאָ צווישען אייגענע גוים, זאָלסט זעהן דאָ, מיין קינד, אַבֵּית־עָלְמִין. ניט איצט געדאַכט, אונזערער אַ בעקאַנטער סוֹחֵר איז געשטאָרבען, זענען מיר דאָרט געוועזן, די מַצֵּבוֹת זענען אַלע גוי'שע לְשׁוֹנוֹת געשריבען, נור ניט אויף יודיש. היינט מיינע שַׁבָּתִים מיט מיינע יָמִים־טוֹבִים, אומשטיינס געזאָגט. פֶּסַח טהוט מען מיר צוליב און מען זעצט זיך ביים סֵדֶר, עס קומען געסט, מען זעצט זיך אַרום טיש, מען רעדט, מען לאַכט, מען נעהמט קיין וואָרט הַגָּדָה אין מויל, נור איך מיט מיין מאַן זאָל לעבען „זאָגען". ער וואָלט אויך ניט „געזאָגט", נאָר ער טהוט מיר צוליב, אַלע לאַכען און ווערטלען זיך און אין גאַנצען האָט עס אַ פָּנִים ווי אַ קאָמעדיע אין טעאַטער, נאָר גוט איז האָטש דאָס אויך, וואָס וואָלט איך זיי געטהון, אַז זיי זאָלען

זיך צום סֵדֶר אפילו ניט וועלען זעצען. — איהר וועט אפשר נאָך טרינקען אַגלעזעלע טהע, אַיאָ, עס איז גוטע בייגעל, דאָס איז דאָס איינציגע גוטס אין פעטערסבורג וואָס מען קריגט דאָ גוטע געבעקס, און ניט טייער.

— ניין, איך דאנק אייך, איך וויל מעהר ניט, איך וויל אַנישקען ניט אויפֿוועקען פֿון שלאָף, איך וועל נאָך טרינקען מיט איהר צוזאַמען.

— האַ, חאַ, האָט זיך שרה ביילע ווידער צולאַכט, אויפֿוועקען פֿון שלאָף, זאָגסט דו? אַ נו זאָל מען דונערען און שיסען וועט זי דען אויפֿשטעהן, דו וועסט נאָך דריי מאָל הונגעריג ווערען ביז זי וועט אויפֿשטעהן, און דערנאָך מיט איהר אויך טרונקען צוזאַמען טהע.

אַזוי רעדענדיג איז זי מיט דעם ליידיגען גלאָז אַוועקגעלאָפֿען און באַלד געבראַכט נאָך אַ גלאָז טהע.

— אַז דו וועסט אָפטרינקען קענסט דו נאָך שלאָפֿען אַביסעל, דו האָסט זיך גענוג נעביך אָנגעפֿאָהרען, ווען עס זאָל האָטש ניט זיין אַזוי ווייט אָט דאָס לאַוראָווע, וואָלט איך מיך געקענט אַ מאָל אַראָבחאַפּען און אַזוי דאַרף מען האָבען אַגאַנצען חֹדֶש, איידער מען פֿאָהרט, איידער מען זעהט זיך און איידער מען קומט. נו, פֿרעג איך דיך ווי קען איך זיך אָברייסען פֿון דער שטוב אויף אַ גאַנצען חֹדֶש, אָט קוקט איהר אָן אַלע מיינע פְּרִיצִים, לאָם איך אַוועקפֿאָהרען אויף איין חֹדֶש איז אויס שטוב, די דיענסטען וועלען בע'גנב'נען, און מיין אַלטער וואָס וועט טהון? מיין עלטערער זוהן מיט מיין שנור זאָלען לעבען וואָס זענען שוין גאָר פֿאַר זיך גרויסע מענשען, אַזוי דאַרף מען ניט די מאַמען. נאָר טאָמער מאַכט זיך עפּיס חו"ש אין שטוב, דאָס קינד, מיינע ביינער זאָל עס איבערלעבען, אָדער וואָס, אָדער ווען? שיקט מען באַלד נאָך דער מאַמען, היינט ווי קען איך אַוועקפֿאָהרען?

— וואָס מאַכט דיין טאַטע, די מאַמע, זי געדענקט מיך האָטש? — האָט מאַדאַם קריינין ווייטער געזאָגט — איך זאָל געוועזען וויסען מיט אַפּאָר וואָכען צוריק אַז דו קומסט צו אונז וואָלט איך געוועזען געבעטען דיין מאַמען זי זאָל קויפֿען פֿון מיינעט וועגען אַ טאָפּ "ראָבע פֿאַסאָליעס" און אַ האַלבען פוד "רעטשענע מעהל". וואָס פֿאַר אַ צימעס! וואָס פֿאַר אַ לאַטקעס, קען מען מאַכען! מיין מאַן אַליין האָט מיך שוין אַמאָל געבעטען וועגען דעם, נאָר דאָ אין דעם וויסטען פעטערסבורג וועט איהר קיין ראָבע פֿאַסאָליעס מיט רעטשען מעהל ניט בעקומען פֿאַר קיין בריליאַנטען. אַ טייער שטעדטיל איז לאַוראָווע. — זאָג מיר נור, ליעבע

אידאַ, אַז מען פֿאָהרט אַרויס פֿון שטאָדט נעבען בריק שטעהן נאָך די צוויי בערעזעווע בוימער? ווי קיילעכיג שען זיי פֿלעגען וואַקסען, זומער זענען זיי נור ווי פּאַראַסאָלען. אין די הייסע טעג ווען מען געהט זיך באָדען איז אַזוי קיהל נעבען זיי צו זיטצען. זיי שטעהן נאָך דאָרט, זאָגסט דו?

— היינט פֿאָהרט מען שוין אַרויס פֿון שטאָדט מיט דער באַהן פֿון איין אַנדער זייט, נאַר דאַכט זיך אַז די בוימער שטעהן נאָך נעבען דער בריק.

— מיט דער באַהן, זאָגסט דו? קיין לאַוואָוועס פֿאָהרט מען שוין מיט דער באַהן? איך וויים, איך וויים, איך האָב שוין געהערט, נאַר ווי אַזוי געהט זי דאָרט? דורך וועלכער זייט? איך קען זיך גאָר ניט אויסמאָלען דורך וועלכער...

— איהר גערענקט וואו עס איז אַ מאָל געשטאַנען ס ט אַ ו ו י ש צ ע ר  ק ר ע ט ש מ ע אויף דעם וועג קיין ט אַ ר אַ ש צ ע...

— וואָס הייסט איך וויים ניט? איז שרה ביילע איהר אַריינגעפֿאַלען אין די רעד. ווער ווייסט עס ניט סטאַווישצער קרעטשמע? ווי־פֿיעל מאָל בין איך מיט מיין מאַמען, זי זאָל פֿאַר אונז און פֿאַר כָּל יִשְׂרָאֵל דאָרט זיין אַ גוטע בעטערין, געפֿאָהרען קיין טאַראַשצע אויף התּוּנוֹת.

— נו, אָט נעבען דער קרעטשמע געהט די באַהן. דאָרט שטעהט דער וואַקזאַל.

— דאָרט שטעהט דער וואַקזאַל! האָט זי געזאָגט מיט פֿרייד ווי גלייך זי האָט אין דער באַהן פֿינף הונדערט אַקציעס.

פֿיעל האָט שרה ביילע נאָך גערעדט וועגען דעם „טייערען לאַוואָוועס" און וועגען דעם „ווייסטען פעטערסבורג" און פּלוצים האָט זי זיך אַ חאַפּ געטהון.

— נו, מיין קינד, שלאָף נאָך אַ ביסעל, איך האָב זיך שוין פֿערפֿערעדט און האָב נאָך אַזוי פֿיעל אַרבייט — האָט זי געזאָגט און אין איילעניש מיט דער ליידיגער גלאָז איז זי אַרויסגעגאַנגען שטיל פֿערמאַכענדיג די טהיר הינטער זיך.

*

אידאַ האָט ניט בעמערקט ווי עס זענען שוין אַוועקגעגאַנגען צוויי וואָכען. אין די ערשטע טעג האָט זי געשריעבען צו הויז אַז זי איז בְּשָׁלוֹם געקומען צו פֿאָהרען, אַז ביי קריינינען האָט מען זי זעהר פֿיין אויפֿגע־

נומען, ביי סאָלאַמאָנאָוועו איז זי נאָך ניט געוועזען ווייל ער מיט זיין פֿאַמיליע וואָהנען איצט ניט אין שטאָדט. זי האָט אַליין געשריבען קורצע בריעף אַהיים, ווייל זי האָט נאָך ניט געהאַט וועגען וואָס צו שרייבען, נאָר באַלד ווי זי וועט זיך אויסטראָיען וועט זי שרייבען אַ גרויסען בריעף. ווען עס איז שוין אָבער געקומען די צייט פֿון שרייבען דעם צוגעזאָגטען גרויסען בריעף, האָט זי דערזעהן אַז עס זענען שוין אַוועקגעגאַנגען צוויי וואָכען און זי האָט נאָך גאָר ניט געטהון וועגען דעם וואָס זי איז געקומען צופֿאָהרען.

די צייט איז אַוועקגעגאַנגען מיט גאָסטיען זיך, מיט שפּאַציערען. געהן אין טעהאַטער, מיט זיצען שפּעט און שלאָפֿען שפּעט. אין דער צייט האָט זי זיך פֿון פֿיעל יונגע לייט אָנגעהערט טויזענדער קאָמפּלימענטען אַז זי איז אַ שענע. און אַנאַ האָט איהר געזאָגט אַז זי איז איהר מְקַנֵא מיט איהר שענקייט, זי וואָלט זיך גערעכענט פֿאַר דער גליקליכסטער אין דער וועלט ווען זי זאָל זיין אַזוי שען. ווען אידא האָט איהרע נייע בעקאַנטע דערצעהלט וועגען וואָס זי איז געקומען אין דער גרויסער שטאָדט, זי וויל דאָ לערנען, האַלטען עקזאַמען, ענדיגען עטוואָס, האָבען דאָס רעכט אַליין עפֿענען אַ שולע און לערנען אַנדערע, ווערען זעלבסטשטענדיג, זיין אַליין אַ מענש און אַנדערע מאַכען פֿאַר מענשען, האָט מען געלאַכט פֿון איהר און זי האָט בעמערקט אַז אפילו די וואָס האָבען געזאָגט אַז עס איז זעהר גלייך אַזוי, יעדע פֿ״וי דאַרף זיין זעלבסטשטענדיג, האָבען אויך געלאַכט פֿון איהר, נאָר אין דער שטיל, בעהאַלטען.

דער יונגער דאָקטאָר ק ר י י נ י ן האָט איהר פֿאַר אַלעמען אָפֿען געזאָגט, אַז זעלבסטשטענדיג דאַרף נור זיין אַ פֿריילײן וואָס די נאַטור האָט זי בעליידיגט, אָדער ווען זי איז אָרים, אָבער די פֿריילײן וואָס זענען שען אָדער רייך דאַרפֿען נור לעבען אין וואהלטאָג. ווער שמיעסט נאָך אַזאַ זעלטענע שענע אידאַ ברויכט אודאַי ניט בויגען זיך דעם קאַרק און אַרבייטען אָדער זיך אָבעסען דאָס האַרץ מיט קינדער לערנען און פֿערליערען דערביי די שענקייט מיט דעם געזונד. אַזוינע פֿריילײן ווי אידא דאַרפֿען נור אַליין לעבען און דעם אַנדערען פֿערזיסען דאָס לעבען. „זייט זיך אַלע מודה, אַז מיר האָבען אויך פֿערגעניגען קוקענדיג אויף אידאַן. זי איז דאָס לעבען זעלבסט", האָט דאָס יונגע דאָקטאָר'ל געענדיגט מיט אַ געלעכטעריל.

אַלע האָבען געלאַכט און אידאַ האָט גאָר ניט געענטפֿערט. זי איז נור שטאַרק רויט געוואָרען און ביי דער ערשטער מעגליכקייט איז זי אַוועק צו זיך אין צימער און ניט ווילענדיג זיך צעוויינט.

— קיינער וויל מיר ניט העלפֿען מיט אַ גוט וואָרט אָדער מיט אַ עֵצָה, אַלע זענען געגען מיר און לאַכען פֿון מיין קומען לערנען אין דער גרויסער שטאָדט. שוין זשע זענען זיי אַלע גערעכט, אָ ניין, דאָס קען ניט זיין, דאָס זענען נור אַזוינע וואָס טראַכטען און לעבען נור פֿאַר זיך זעלבסט. געוויס איז דאָ אין דער גרויסער שטאָדט פֿיעל אַזוינע וואָס אינטערעסירען זיך מיט יענעם אויך, איך דאַרף די מענשען געפֿינען און וועל זיי געפֿינען.

אידאַ האָט איין מאָל איהר גאַנץ האַרץ געעפֿענט פֿאַר דער מאַ־דאַם קריינין וועלכע פֿלעגט שטענדיג האַלטען מיט איהר, אָבער זי האָט איהר אויך געזאָגט, „אַז אַ מיידיל דאַרף ניט לערנען“.

— מיין אַנושקע האָט געענדיגט אַ גימנאַזיע און וואָס? — נאָר נישט! האָט שרה ביילע דערמיט דערוויזען ווי צוויי מיט צוויי איז פֿיער אַז אַ מיידיל דאַרף ניט לערנען.“

— אַ גימנאַזיע האָט זי געענדיגט? האָט אידאַ פֿערוואונדערט איבערגעפֿרעגט. פֿאַר וואָס זשע טהוט זי גאָר ניט?...

— וואָס זאָל אַ מיידיל טהון. אַז גאָט וועט בעשערען אַ גוטען חָתָן וועט זי אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אין אַ גוטער שָׁעָה אַ כַּלָּה ווערען.

— אויב אַזוי, צו וואָס זשע האָט זי בעדאַרפֿט נאָך ענדיגען אַ גימנאַזיע?...

— איך ווייס טאַקע אויך ניט, איך האָב שטענדיג געזאָגט מיין אַלטען, אַז אַ מיידיל דאַרף מען ניט לערנען, האָט ער מיך ניט געוואָלט פֿאָלגען און ווידער היינטיגע קינדער פֿאָלגען דען? אימשטיינס געזאָגט. —

— ווען איך האָב אַנאַ'ס אַטעסטאַט פֿון אַ גימנאַזיע, וואָלט איך איבערגעקעהרט וועלטען.

— און ווען איך בין שען אַזוי ווי אידאַ וואָלט איך אויך איבער־געקעהרט די וועלט, — האָט מיט אַ גרויס געלעכטער זיך אָנגערופֿען אַנאַ, וועלכע איז גראַדע אַנגעקומען אויף די רעד, און האָט זיך פֿון גרויס גע־לעכטער אַ וואָרף געטהון אין אַ גרויסען ווייכען שטוהל. —

— דו בעליידיגסט מיך, ליעבע אַנאַ, דו געפֿינסט אין מיר קיין אַנדערע מַעֲלָה נור מיין שענקייט. ערשטענס בין איך ניט אַזוי שען ווי

דיר ווייזט זיך אויס און צווייטענס בין איך ניט קיין פֿערד וואָס מען זאָל נור רעדען פון מיין שענקייט. זייט איך בין ביי אייך אין הויז הער איך נור וועגען דעם רעדען פֿון אייך, פֿון אייערע ברידער און פֿון אַלע אייערע בעקאַנטע. שוין זשע בין איך אַזוי פּראָסט אָדער ווי איהר רופֿט עס אָן „קליין שטעדטילדיג״ אַז מען קען מיט מיר פֿון קיין אַנדערע זאַכען ניט רעדען. איהר האָט, דאַכט זיך, גענדיגט אַ גימנאַזיע, אייערע ברידער האָבען גענדיגט אוניווערזיטעטען און בִּכְלַל זעה איך אַז צווישען אייערע בעקאַנטע געפֿינען זיך געבילדעטע מענשען. איך האָב אויך עפּיס געלערענט און געלעזען, פֿאַר וואָס זשע רעדען זיי נור מיט מיר וועגען מיינע אויגען, מיינע האָר, מיין געזיכט, מיין טאַליע. די וואָס רעדען שוין מיט מיר וועגען ליטעראַטור, וויסענשאַפֿט און פֿערשיעדענע פֿראַגען וואָס מיך אינטערעסירען, בעמערק איך ווי עס איז זיי לאַנגווייליג, זיי טהון עס נור לְפָנִים, מיר צוליעב. מיך אָבנאַרען איז שווער, איך קען קוקען און זעה אַלעס, חאָטש איך בין אַ קליין שטעדטילדיגע.

אנא האָט זי אַרומגענומען און איהר עטליכע קיש געגעבען אום צו דערווייזען אַז זי מיינט כלל ניט זי צו בעליידיגען.—

— דו ביזט טאַקע אַ קליין שטעדטילדיגע, אַ פּראָווינציאַלקע, ווען דו בעליידיגסט זיך דערמיט. שוין זשע ווייסט דו ניט אַז די גרעסטע מעלה אין אונז פֿריילייז איז, ווען מען איז שען. אָך און וועה איז דער, וועלכע האָט געהאַט דאָס אומגליק געבוירען ווערען ניט שען, און גליקליך איז די, וועלכע איז שען. איך בין גראַדע אנגעקומען אויף די רעד ווי דו האָסט געזאָגט אַז די ביזט מיר מקנא וואָס איך האָב געענדיגט אַ גימנאַזיע. גלויב מיר, איך וואָלט דיר אַ וועקגעגעבען מיין אטעסטאט, מיט אַלעס וואָס דו וואָלסט נור פֿערלאַנגט און אַפּילו נאָך צעהן יאָהר פֿון מיין לעבען וואָלט איך דיר צוגעגעבען, ווען איך זאָל זיין שען אַזוי ווי דו, עס איז ניט דאָ קיין גרעסער גליק אין דער וועלט פֿאַר א פֿריילייז ווי צו זיין שען. איך וואָלט זיך געפיהלט פֿאַר דער גליקליכסטער ווען...

— איך פֿערשטעה דיך ניט, האָט אידא זיך אָנגערופֿען מיט האַריץ, ווי שעמסט דו זיך ניט. עס איז אַ גרויסע זינד פֿון דיר אַזוי צו רעדען, דו קענסט זיך אויף קיינעם ניט בעקלאַגען דו...

אנא האָט מיט די הענד פֿערשטעלט אידאן דאָס מויל.

— רעד ניט, איך בעט דיך, אייך וויים, דו ווילסט זאָגען אז איך בין אויך אַ שענע, נאר דאָס איז ניט אמת, איך געהער ניט צו די מאוסע אָבער צו די שענע אודאי ניט.

— נאר אַז ווי באַלד מען געהערט ניט צו די מאוסע איז שוין גוט, עס איז שוין דאָן קיין גרויסער חלוק ניט ווען די האָט אזא נאָז און די צווייטע האָט איין אַנדערע נאָז. ווי קען אַ מענש רעדען און טראַכטען וועגען אַזוינע נאַרישקייטען? אין לעבען זענען דאָ פיעל וויכטיגערע זאַכען ווי שענקייט.

— פאַר אַ פריילין איז ניט דאָ קיין וויכטיגערס.

— ניט אמת, ניט אמת, עס זענען דאָ פיעל שענע וואָס זענען אומגליקליכער פאָן די ניט שענע. מיט וואָס וואָלסט דו אַזוי גליקליך געוועזען ווען די זאָלסט שען זיין, אַזוי שען ווי דו שטעלסט זיך פאָר?

— מיט וואָס? — אָ, איך וואָלט זיך נוקם געוועזען אין אַלע מאַנסלייט. !

— נוקם זיך זיין! פאַר וואָס? — האָט אידא פערוואונדערט געפרעגט.

— דו קענסט זיי נאָך ניט וואָס פאַר אַ ווילדע חיות זיי זענען, זיי זענען אונזערע גרעסטע שונאים, זיי זענען פרויען־מערדערס, עס איז איינער פון זיי קיין לייטישער ניט דאָ. ווען זיי רעדען מיט אונז זענען זיי אַזוי גוט, אַזוי פיין, צוקער־זים, פערדרעהען זיי נור דעם קאָפּ, אין דער זייט פערגעסען זיי און „זייט געזונד".—

אידא האָט ווי דערשראָקען זי אָנגעקוקט מיט איהרע בלויע אויגען, טראַכטענדיג „אַז די אנא איז נור משוגע", וואָס רעדט זי אַזוינס? אנא האָט זיך געשפיגעלט אין אידאס אויגען ווי אַ פערליעבטע און אַליין דערצעהלט שרעקליכע זאַכען וועגען די מאנסלייט — די פרויען מערדערס. אידא האָט געהערט מיט איין אויער, זי איז איצט געוועזען פערנומען מיט דער פראַגע, וואָס טהוט זי יעצט אין דער גרויסער שטאדט און מיט וואָס פערברייננגט זי דאָ די צייט.

אין צימער איז שוין געוועזען טונקעל, די פעטערסבורגער זומערדיגע ווייסע נאכט האָט אריינגעקוקט אין די אָפענע פענסטער, אנא האָט אויפגעהערט צו רעדען, זי האָט זיך אויסגעצויגען אויף דעם שטוהל, אַ פוילען גענעץ געגעבען, און זיך געשולעט נעהנטער צו אידאן.

— ווען דו אידאטשקע זאָלסט וויסען ווי דו געפֿעלסט יעדען, ווען דו זאָלסט וויסען ווי דו געפֿעלסט מיין ברודער דעם דאָקטאָר, אַך ווען דו זאָלסט וויסען ווי די געפֿעלסט זיין חבר ארקאדיע מארקאוויטש, ווען דו זאָלסט וויסען וואָלסט דו זיך ניט אַרומגעטראָגען מיט דיינע קליין־שטעדטילדיגע נאַרישקייטען: לערנען, אַרבייטען, זעלבסטשטענדיג...

— איך וויס ניט און וויל ניט וויסען...

— שען נאַרעלע! מיט דיר קען מען פֿון קיין זאַך ניט רעדען, נאר ווען איך בין אויף דיין אָרט, וואָלט איך אַזאַ יונגען מאַן ווי מיין ברודער, וואָס האָט שוין געגוג פֿריילין פֿערדרעהט דעם קאָפּ געלאָזט נאָכלויפֿען ווי אַ הינדטיל און אט דער ארקאדיע וואָלט דא ביי מיר געלעגען צו די פֿיס.

אנא האָט דערביי געוויזען אויף דער פאדלאָגע און אויף איהרע שענע אויסגעפּוצטע שיכליך אין וועלכע זי איז איצטער געגאַנגען.

— אַלעמען, אלעמען וואָלט איך דיר דעם קאָפּ פֿערדרעהט, אַלע וואָלטען ביי מיינע פיס געלעגען. אָט קוקסט דו אן אט די מאַנסלייט, ווי שטאַרק, שטאָלץ, קלוג און פראַקטיש זיי זענען, ווען נור א שענע רעדט מיט זיי אַ גוט וואָרט, דאַן ווערען זיי ווי די לעמעליך און מען קען מיט זיי טהון וואָס מען וויל נור. אַלע ווערען דיר דינען ווי געטרייע הינדטליך. פֿון זייער גאַנצער שטאָלץ, שטאַרקהייט און קלוגהייט איז קיין זכר ניט דאָ.—אָ, אידיטשקע טייערע, ווען דו זאָלסט וויסען וואָס פֿאַר אַ פֿערגנינען עס איז געוועלטיגען איבער מאַנסלייט... איך האָב געהאַט אַ חברת'ע. זי איז אויך געווען זעהר אַ שענע און האָט אויך ליעב געהאַט פֿערדרעהן קעפּ, זי איז יעצט אין אויסלאַנד. עטליכע יונגע לייט, און אויך איינער וואָס האָט אַ פֿרוי, זענען איהר נאָך געפֿאָהרען.

— צו וואָס דערצעהלסט עס מיר, עס אינטערעסירט מיך גאָר וועניג צו הערען אזוינע פוסטע מעשות. איך מוז דיר זאָגען דעם אמת, איך האָב ניט ערוואַרטעט... נאר געגוג, לאָמיר אויפֿהערען צו רעדען פֿון אַזוינע נאַרישקייטען.

— נאַרישקייטען, זאָגסט דו. אָ, ווען דו זאָלסט וויסען ווי איך לייד פֿון דעם ארקאדיע מארקאוויטש... איך האָב איהם ליעב... ער איז מיין גאַנץ לעבען... און ער... ער...

— אך אידאטשקע ווי בין איך דיר מקנא. האָט זי ווייטער גערעדט.

— דו ביזט זעהר נערוועז.

— יאָ, איך בין נערוועז, דאָס האָב איך צו פֿערדאַנקען ארקאדיען...

— קינדער! האָט מאדאָם קריינין זיי גערופֿען פֿון צווייטען צימער צום טיש! אסיפ מיט ארקאדיע מארקאוויטש זענען אויך געקומען.

אידא האָט זיך ענטזאגט פֿון עסען, זי איז געבליבען ביי זיך אין צימער און זיך פֿערענטפֿערט דערמיט, אַז זי וויל ניט עסען און וויל זיך פֿריהר לעגען שלאָפֿען. מאדאם קריינין האָט איהר די וועטשערע געבראַכט אין צימער.

די נאַכט האָט זי ניט רוהיג געשלאָפֿען. זי האָט זיך אליין אבגעגעבען חשבון ווי זי פֿערברייגגט דאָ די צייט מיט גאָר ניט. זי האָט ביי זיך פֿעסט בעשלאָסען אַז אַזוי ווייטער קען עס ניט געהן, זי וועט נאָך זיין ביי איהר פֿאָטערס יוגענד־פֿריינד סאלאמאנאוו, פֿון וועלכען זי האָט אַזוי פֿיעל גוטס געהערט נאָך אין לאַווראווע און דאָ אויך אין פעטערס־בורג, און דערנאָך? — דערנאָך וועט זי שוין וויסען וואָס זי האָט צו טהון.

אויף מאָרגען האָט זי געשריעבען אַ בריעף א היים: „דער וויל שרייב איך אייך אין קורצען ווי איך פֿערברייננ דאָ די צייט, נאר ווען איך וועל זיין ביי ה׳ סאלאמאנאוו, וועל איך אייך שוין שרייבען אַ גרויסען בריעף. ביי ה׳ סאלאמאנאווען בין איך ביז יעצט ניט געוועזען, וויל, ווי איהר ווייסט, וואָהנט ער זומער ניט אין שטאָדט, איך האָב אַפֿילו דעם בריעף ביז יעצט ניט איבער געגעבען און ביז איך וועל זיך מיט איהם ניט זעהן, קען איך וועגען זיך פֿיעל ניט שרייבען“.

V.

## לעוו אסיפאוויטש סאלאמאנאוו.

ער איז געווען איינער פֿון די פֿעהיגסטע יונגליך אין לאַוראָווע. די מְלַמְדִים האָבען זיך ניט געקענט אָבלויבען פֿון זיין גוט קעפּיל. אין בֵּית הַמֶּדְרָש האָט ער זיך גערעכענט פֿאַר דעם בעסטען לערנער, זיינע עלטערען האָבען ערוואַרטעט אַז פֿון לייבעלען, ווי מען האָט איהם דאַן גערופֿען, וועט אויסוואַקסען אַ רָב, נאָר עס האָט זיך מיט איהם אַנדערש אויסגעלאָזט. אויף לייבעלען מיט זיין חַבֵר נחמן־ן פֿלעגט דאָס שטעדטיל זאָגען, אַז זיי זענען די ערשטע געווען וואָס האָבען דאָס אֶפִּיקוֹרסוֹת איינגעפֿיהרט אין לאַווראָווע.

ווען לייבעלע איז מיט דער חֶבְרָה געלאָפֿען אין דער וועלט לערנען זענען איהם די עלטערען נאָכגעלאָפֿען און איהם צוריק אומגעקעהרט פֿון מיטען וועג. מען האָט איהם באַלד אויך אָנגעטהון אַ קייט אויף דעם האַלז, ד. ה. הֲתוּנָה געמאַכט און דַוְקא מיט אַ רָב׳ס אַ טאָכטער, כְּדֵי לייבעלע זאָל אַריין פֿאַלען אין גוטע הענד. דער רָב האָט זיך אֲפִילוּ אין אָנהויב געקווינקעלט, נאָר לייבעלעס טאַטע האָט צוגעצאָהלט "אין בייטעל אַריין". און עס איז גיך מיט מַזָל אַ שִׁידוּך געוואָרען. לייבעלען האָט מען צו דער חֲתוּנָה אויסגעקליידט אין בִּגְדֵי מַלְכוּת מיט אַ זיידענע קאַפּאָטע און מיט אַ פֿייענעם טוליפּיל. נאָך דער חתונה איז ער געזעסען ביים רב אויף קעסט, נאָר איבער פֿיעל טַעֲמִים איז זיך לייבעלען ניט געזעסען. ערשטענס האָט ער פֿון לאַנג, כִּמְעַט פֿון די קינדעריאָהרען ליעב געהאַט גיטלען זיין חבר נחמן׳ס שוועסטעריל, וואָס האָט געהאַט אַ לאַנגען בלאָנדען צאָפּ, און ליכטיגע בלויע אויגען. וויפֿיעל ליעדער פֿלעגט ער אַליין מיט מְלִיצָה אָנשרייבען פֿאַר איהר און זיי אַ׳יין זינגען. ער האָט שוין לאַנג אָבגערעדט מיט איהר אַז ער וועט אַוועק לערנען אין דער גרויסער וועלט. און ווען ער וועט "ענדיגען" וועלען זיי חתונה האָבען. און צווייטענס האָט ער זעהר פֿיינט געהאַט זיין ווייב, ער האָט ניט געקענט אויף איהר קוקען. זי איז געווען דער הֵיפֶך פֿון גיטלען: מיאוס, שלעכט און נאַריש, אויסער וואָס זי איז געווען עלטער פֿון איהם מיט אַ יאָהר זעקס, איז זי נאָך געווען צו דיק פֿאַר איהרע יאָהרען, האָטש מיידיל־ווייז פֿלעגען זי די יודישע ווייבער לויבען דערפֿאַר, זאָגענדיג "אַז דעם רָב׳ס טאָכטער איז אַ מויד ווי אַ שיף, אַ פָּנִים ווי אַ טעלער" א. ד. ג. נאָר לייבעלען איז זי ניט געפֿעלען האָטש

האַקט און בראָקט איהם. דערמאַנען פֿון גֶט האָט ער מוֹרָא געהאַט פֿאַר זיינע עלטערען און ווידער האָט ער גוט געוואוסט אַז עס וועט נאָר ניט אַרויסקומען דערפֿון. זיין ווייביל וועט קיין גֶט ניט נעמען. ווי אויף צו־זעצעניש האָט זי איהם גראַדע ליעב געהאַט און פֿלעגט שטאָלציערען פֿאַר אַנדערע ווייבליך וואָס אַלע לויבען איהר מאַן אַז ער איז שען און קלוג, דערצו אַ גרויסער לַמְדָן, אַי ער האָט אַ שֵׁם רָע פֿאַר וואָס ער האָט געוואָלט אַנטלויפֿען ווערען איין אֶפִּיקוֹרֶס און איז ניט אַזוי פֿרום, וועט ער ביי איהר טאַטען אין הויז מוזען זיין פֿרום.

שווער און ביטער האָט זיך דאַן אויף קעסט געלעבט לייבעלען. אויסער דעם שווערס סְפָרִים האָט ער ניט געטאָרט אַריינקוקען אין איין אַנדער סֵפֶר. לייבעלעס פֿאָטער איז זעהר געוועזען צופֿריעדען וואָס ער האָט זיין זוהן אַריינגעגעבען אין אַזוינע גוטע הענד און האָט זעהר גע־שעצט זיין מְחוּתָּן מיט דער שניער. מעהר פֿון אַלעס האָט ער געליטען וואָס ער האָט ניט געטאָרט זיך זעהן מיט זיינע פֿריהערדיגע חֲבֵרִים אֲפִילוּ ניט מיט נחמן־ן, פֿון דעסטוועגען פֿלעגט ער זיך פֿאָרט אַמאָל בְּסוֹד סוֹדוֹת אַריינהאַפּען צו נחמן־ן.

האָטש נחמן'ן האָט מען אויך חֲתוּנָה געמאַכט, און אויך אַוועק־געזעצט ביי שווער און שוויגער אויף'קעסט. נאָר נחמן האָט איין אַנדער מַזָל", פֿלעגט לייבעלע זאָגען און איהם מְקַנֵא געוועזען, ער האָט ביי זיך אין "ספאלנע" זיצענדיג אויף קעסט געקענט לעזען און לערנען וואָס ער האָט נור געוואָלט, זיין ווייב האָט איהם ניט נור ניט געשטערט, נאָר זי פֿלעגט איהם אָבהיטען פֿון טאַטע־מאַמע זיי זאָלען זיך ניט דערוויסען. פּעסיל מיט איהר פּראָסטקייט און גוט האַרץ האָט געגלויבט אַז אַלעס וואָס איהר מאַן טהוט איז גוט. ווען טאַטע־מאַמע האָבען אפילו אַ מאָל בע־מערקט אַז נחמן פֿיהרט זיך ניט ווי זיי ווילען האָבען זיי מיט אַ קרעכץ זיך ניט געמאַכט וויסענדיג. "אַז דער טאָכטער איז נִיחָא, מוז זיי אַוַדַאי זיין נִיחָא". און נחמן האָט געלעבט ווי ער האָט געוואָלט. זיין היים, זיין פֿרוי זענען איהם געוואָרען ליעב, איהם האָט אויפֿגעהערט אַזוי שטאַרק ציהען אין דער וועלט אַריין. ער האָט דערווייל געשמאַק געלערנט און געהאָפֿט אַז שפּעטער, שפּעטער מיט דער צייט וועט ער נאָך פֿאָהרען.

לייבעלע פֿלעגט נחמן מְקַנֵא זיין, ער האָט אָנגעהויבען קומען צו איהם אָפֿטער צוזאַמען מיט איהם לערנען. ער האָט אויך איין מאָל דאָרט בעגעגענט גיטלען. זי האָט איהם דערזעהן האָט זי אַראָבגעלאָזט די

אויגען, ער האָט איהר געוואָלט עפּיס זאָגען, נאָר זי האָט זיך שטאַרק פערשעמט און איז אַוועקגעגאַנגען. לייבעלע האָט דערנאָך געוויינט. זיין האַרץ איז איהם שיער ניט צוריסען געוואָרען. גיטעל איז וואָס אַ מאָל שענער געוואָרען און ער פּלעגט זי אויף קיין מינוט ניט קענען פערגעסען.

אַז ער ליעגט אָב ביי נחמן'ן האָבען זיך דערוואוסט טאַטע מאַמע, שווער און שוויגער און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ מַחֲלוֹקֶת. ער האָט ענדליך געזאָגט זיין פאָטער אַז ער האָט פיינט זיין ווייב און וויל זיך מיט איהר גֶט'ן, נאָר ער האָט איהם דערויף געענטפערט: „איך ווייס וואָס דיר ווילט זיך, דיינע יונגעלשע נאַרישקייטען ליגען דיר נאָך אין קאָפּ, ווילסט זיין אַ פריי פייגעלע, לויפען אין די שקאָלעס ווערען איין עפענט־ליכער אֶפִּקורס, דערצעהלסט דו בָּבָא מַעֲשִׂיוֹת אַז דו האָסט פיינט דיין ווייב". די מַחֲלוֹקֶת'ן צווישען טאַטע־מאַמע, שווער און שוויגער און מיט דעם ווייב זענען נאָך גרעסער געוואָרען.

אין אַ שענעם פריה מאָרגען איז לייבעלע ווי אין וואַסער פער־פאַלען געוואָרען און אפילו קיינעם קיין „זיי געזונד" ניט געזאָגט. ער איז שוין געוועזען ווייט פון לאָוורעאָווע. אין דער ערשטער שטאָדט, אין וועלכע ער איז געקומען, האָט ער מיט אַ בעזונדער כַּעַס אַראָבגעוואָרפען פון זיך, ווי איין אַנטלאָפענער אַרעסטאַנט די קייטען, זיינע לאַנגע קליי־דער, די באָרד און פֵּאוֹת, אַלעס, אַלעס וואָס האָט נור געטראָגען אַ סִימָן פון א יודען און יודישקייט האָט ער פון זיך אַראָבגעוואָרפען און מיט אַ גרינגען זיפץ געזאָגט צו זיך: אַליין, אַליין בין איך, איך האָב איצט ניט מעהר קיין עלטערען, קיין שווער און שוויגער, איך האָב מעהר קיין ווייב ניט, איך בין אַליין, איך בין אַרויס פון דער אייביגער טורמא און בין פריי, איך געהער קיינעם ניט, איך געהער דער וועלט און די וועלט געהער צו מיר, איך בין פריי, איך טראָג אויף זיך מעהר ניט קיין קייטען.

מיט אַ בעזונדער נִצָחוֹן האָט ער עפענטליך אָנגעהויבען עסען טְרֵיפוֹת און רויכערען אים שַׁבָּת, האָטש אין אָנהויב איז איהם געוועזען דאס טְרֵיפָה'נע עסען ווי אַ ביטערער רעצעפּט אויסטרינקען און דאָס רויכערען אַ ריין אָבקומעניש, ווייל ער האָט פריהער ניט גערויכערט, נאָר דערמיט האָט ער זיך געוואָלט איבער ציינגען אַז ער איז שוין בֶּאֱמֶת פריי. איהם האָט זיך זעלבסט ניט געגלויבט אַז ער מעג שוין אַלעס טהון, עס האָט זיך איהם נאָך אַלץ אויסגעוויזען אַז טאַטע־מאַמע, שווער און

שווינגער, דאָס ווייב און דאָס גאַנצע שטעדטיל וועלען זיך אַרויפוואַרפֿען אויף איהם. יעדען בעפֿרייטען אַרעסטאַנט ווייזט זיך נאָך לאַנג אויס אַז ער איז נאָך ניט פֿריי. מיט דער פֿרייהייט מוז מען זיך אויך געוואָהנען. און לייבעלע וואָס האָט זיין נאָמען אויך איבער געביטען אויף ל ע וו אסיפאוויטש סאלאמאנאוו, האָט זיך אויך צו זיין פֿרייהייט געוואָהנט.

מיט אַ טהייל פֿון זיין נַדן געלד וואָס ער האָט מיט זיך גענומען איז ער אין פֿיעל שטעדט אויסגעוועזען, נייע בעקאַנטשאַפֿט געמאַכט און איז געקומען קיין פעטערסבורג. דאָ האָבען זיך זיינע שווער און שווינגער דערוואוסט ווי אַזוי זייער איידעמיל פֿיהרט זיך אויף, זיי האָבען געשיקט „אַ מענשען" וועלכער האָט קוים געפועלט ער זאָל אָבגֶעט'ן זייער טאָכטער און מען האָט לייבעלען נאָך „אין בייטעל צוגעצאָהלט",

ערשט איצט האָט ער זיך דערפֿיהלט ווי ער איז אין גאַנצען פֿריי, ערשט איצט האָט ער דערזעהן ווער און וואָס ער איז. צוויי און צוואַנ־ציג יאָהר איז ער אַלט, און דאָ אין פעטערסבורג האָט ער זיך ערשט דערוואוסט אַז ער איז יונג, געזונד, שען, אַז ער איז פֿעהיג און מען שעצט איהם דאָ מעהר ווי אַ סך אַנדערע יונגע לייט. ער וואהנט אין אַ שטאָדט וואו מען קען אַזוי פֿיעל אַרבייטען ווען מען איז נור ניט פֿויל, און לעוו אסיפאוויטש איז ניט געוועזען פֿון די פֿוילע. ער האָט זיך שטאַרר גענומען צום לערנען און אַ דאַנק זיינע פֿעהיגקייטען האָט ער אין גיכסטען געהאַלטען עקזאַמען און אַריינגעטרעטען אין אוניווערזיטעט. ווי דער שטייגער איז האָט ער פֿאַר זיין שענקייט, לעבעדיגקייט און פֿעהיגקייטען שטענדיג געהאַט די בעסטע שטונדען אין די רייכסטע הייזער.

צו גוט האָט זיך איהם געלעבט אַלס סטודענט. צו גרינג איז איהם אָנגעקומען זיין לערנען אין דער צייט וואָס דאָס מעהר פֿון זיינע חברים־סטודענטען האָבען געלעבט אין גרויס אָרימקייט. און דעריבער טאַקע איז זיי דאָס לערנען אויך שווער אָנגעקומען. נאָר אין דעם אַלעמען איז לעוו אסיפאוויטש געוועזען איין אויסנאַהם, און דאָס אַלעס האָט ער געהאַט צו פֿערדאַנקען זיך זעלבסט. קיין איבריג געלד האָט ער קיין מאָל ניט געהאַט, אָדער ער האָט עס פֿערלעבט, אָדער ער האָט צוטהיילט זיינע חֲבֵרים.

ער האָט געענדיגט דעם אוניווערזיטעט אַלס יוריסט, נאָר ווען ער איז אַריינגעטרעטען אין לעבען האָט זיך דערנאָך אויסגעוויזען אַז ער

טאָר קיין אַדוואָקאַט ניט זיין. ער האָט זיך געוואָרפֿען צו פֿערשיעדענע געשעפֿטען און גענענדיגט דערמיט, וואָס ער איז אַריינגעטרעטען אין איין אויסלענדערש קאָמיסיאָנס־הויז. חאָטש ער האָט זיך אומעטום געפֿונען פֿאַר פֿעהיג און איבערהויפּט האָט מען זיינע פֿעהיגקייטען געוואוסט ווי צו שעצען אין דעם קאָמיסיאָנס־הויז, נאָר איהם האָט זיך אַליך ניט געזעסען אויף איין אָרט. ער האָט זיך פֿון דער שטעלע ענטזאַגט און זעלבסט געעפֿענט אַ האַנדעלס־הויז פֿון פֿערשיעדענע קאָמיסיעס אויס אויסלאַנד איבערהויפּט פֿון אייזען, פֿערשיעדענע מעטאַלען און מאַשינעס.

לעוו אסיפּאוויטש האָט אָנגעהויבען פֿערדינען שען געלד און אָנגעהויבען טראַכטען פֿון אַ ניי לעבען, דאָס הייסט נעמען אַ פֿרוי פֿון היינטיגער וועלט, האָבען קינדער און זיי ערציהען ניט אַזוי פֿאַנאַטיש און ווילד ווי די עלטערען אין לאַוורעאָווע.

אָן די בלויע אויגען, אין וועלכע ער איז געוועזען פֿערליעבט, פֿלעגט ער נאָך עַד הַיּוֹם ניט איין מאָל אַ טיעפֿען זיפֿץ טהון, נאָר וואָס האָט ער געקענט העלפֿען, יענע האָט שוין דאַן קינדער געהאַט מיט איין אַנדערען מאַן.

לעוו אסיפּאוויטש האָט חתונה געהאַט מיט איין פּעטערסבורגער פֿריילין פֿון אַ יאָהר אכט און צוואַנציג. ער האָט זיך מיט איהר בעקאָנט נאָך אין די ערשטע צייטען ווען ער איז קיין פּעטערסבורג געקומען. פֿערשטעהט זיך אַז ער האָט ניט גענומען קיין נַדָן ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ יונגען מאַן, וואָס האָט זיך אַרויסגעהאַפּט פֿון דער פֿינסטערניש אין דער ליכטיגקייט.

די פֿריילין ס אָ פֿ י אַ  מ אַ ר ק אָ ו ו נ אַ, פֿאַר וועלכע ער האָט חתונה געהאַט, האָט זיך אויס געצייכענט דערמיט וואָס זי האָט געענדיגט אַ שטיקיל פּאנסיאָן און זיך געקענט אָנטהון נאָך דער לעצטער מאָדע. נאָר אַליין איז זי געוועזען אַ לאַנגע, אַדאַרע, אַ שמאָלביינערדיגע און האָט ליעב געהאַט אַ סך צו רעדען און זיך געהאַלטען העכער פֿאַר איהר מאַן, ווייל זי איז דאָך אַ געבוירענע פּעטערסבורגער און אַ היינט־וועלטיגע, געענדיגט אַ פּאנסיאָן, געשפּיעלט אַביסעל פּיאַנאָ, און ער — חאָטש ער זעהט יעצט אויס ווי אַ געבוירענער פּעטערסבורגער, נאָר זי ווייסט דאָך אַז ער איז אַ געוועזענער „יאַלד“.

אין אָנהויב פֿלעגט ער דערפֿאַר אַליין אַביסעל דֶּרֶךְ אֶרֶץ האָבען פֿאַר איהר, נאָר דערנאָך האָט ער דערזעהן אַז חאָטש זי האָט געענדיגט

אַ פּאַנסיאָן איז זי אַליין זעהר אַ פּוסטע. קיין זאַך האָט איהר ניט אינטערעסירט אין לעבען אויסער איהרע קליידער מיט דעם מאָדנע היטעלע מיט אַ סך קאָליערענדיגע פּעדערען. רעדען האָט ער מיט איהר ניט געהאַט פון וואָס. פּון ליטעראַטור האָט איהר אינטערעסירט נור דער טהייל אין די טעגליכע צייטונגען, וואו עס איז בעשריעבען ווער עס האָט זיך געהאָנגען, ווער זיך דערטרונקען, ווען מען האָט בעגַנְבֶ׳ט אָדער געהַרג׳עט. זי איז געוועזען ניט קיין שלעכטע, נאָר איין זאַך פּלעגט זי פּערדריסען, וואָס אויף די אַבענדען, ווען פּיעל דאַמען און פריילין פּלעגען געהן דעקאלטירט מיט אָפּענע הערצער און פּלייצעס און נאַקעטע הענד, פּלעגט זי מוזען געהן געשפּיליעט דאָס קלייד ביז אין האַלז און טראָגען לאַנגע אַרבעל כִּמְעַט ביז אין די פּינגער; איהרע געוועזענע חַבְרְתּ׳עס האָבען געוואוסט פּאַר וואָס זי איז אין כַּעַס.

קינדער האָבען זיי מעהר ניט געהאַט ווי צוויי — אַ זוהן מיט אַ טאָכטער, ווייל זי האָט מעהר ניט געוואָלט האָבען. עטוואָס אינטעליגענטע מענשען טאָרען זיך ניט ערלויבען שיטען מיט קינדער אָהן שום רעכנונג ווי דער פּראָסטער עוֹלָם אין דער פּראָווינץ, פּלעגט זי זאָגען. זי איז וואָס ווייטער נאָך דאַרער און מיאוסער געוואָרען, און לעוו אסיפאוויטש פּלעגט אַלץ ווערען געזונדטער און שענער. דערפּאַר אָבער פּלעגט זי שטאָלציערען מיט איהר דינעטשקער טאליע, ווען אַנדערע פרויען פּלעגען אין איהרע יאָהרען דיקער ווערען און ווען זיי פּלעגען שוין ווּלען בעקומען אַ דינע טאליע, פּלעגען זיי זיך מוזען קרעמפּעווען מיט די שטאַרקסטע שטריק פון קארסעט און עסיג טרינקען אָדער קאַליך עסען.

זייערע צוויי קינדער גרישא און מאשא זענען אין גאַנצען געוועזען געראָטען אין דער מוטער און אַזוי שמאָלביינערדיג ווי זי. זיי זענען אויסגעוואקסען צווישען פּערשיעדענע גובערנאַנטקעס און לעהרער. מאשא האָט אויך געענדיגט אַ פאנסיאָן און גרישא האָט געהאַט חֵשֶׁק צו זיין אַ קינסטלער פון מאָלען בילדער, נאָר אַז עס זענען אַרויסגעקומען די וועליסאפעדען, האָבען ביידע קינדער זייערע קעפּ אַריינגעלעגט אין די פּיס און אין זייערע קאמעדיאנטסקי, פאַ אַצישע וועלאָסיפעדישע קאָסטיומען, און זיי האָבען פּיעל אין דעם בעוויזען. ביידע האָבען זיך געצעהלט פּאַר מיטגלידער אין דער פעטערסבורגער וועלאסיפעדען געזעלשאַפּט. זיי האָבען געהאַט פּאַר זייער אויסצייכענען זיך אויף פּער־

שיעדענע „גאַנקעס" זשעטאָנען מיט מעדאַליען און מעהר האָט מען זיי געזעהן אין וועלאָסיפּעדישע קאָסטיומען ווי אין געוועהנליכע קליידער. ווער שמועסט זומער צייט, ווען מען האָט געוואהנט אויף די זומער וואָהנונגען, דאַן זענען זיי פֿון זייערע פּאַציישע קליידער ניט אַרויס־געקראָכען. און פֶּנִימָער האָבען זיי ביידע בעקומען דאַרערע און אויס־געצויגענערע ווי פֿריהער. די מוטער האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס צו טהון מיט זיי פֿון גרויס ליעבשאַפֿט און פֿלעגט זיי נאָכגעבען זייער אַלע קאַפּריזען אֲפִילוּ וואָס דער פֿאָטער האָט זיי ניט געוואָלט געבען. זעהר יונג האָט גרישענקע אָפֿטמאָל פֿערפֿיהרט סקאַנדאַלען מיט פֿערשיעדענע פֿריילייז, און עס פֿלעגט זיך שטענדיג אויסלאָזען צו געלד, אבי די סקאַנדאַלען זאָלען ניט אַרויס ווי בוימעל אויף וואַסער, און די מוטער האָט גרישענקען שטענדיג מיט געלד אויסגעלעזט און גרישענקע האָט זיך ווייטער אַזוי אויפֿגעפֿיהרט.

ניט איין מאָל ווען לעוו אסיפּאָוויטש פֿלעגט ביים טיש בעטראַכטען זיין פֿאַמיליע — די דריי לאַנגע שטעקענס, זיין פֿאַר דער צייט געעלטערטע פֿרוי אין דער דינער מיידלישער טאַליע און זיינע צוויי קראַנקע קינדער אין זייערע פּאַציישע קאָסטיאמען, פֿלעגט ער זיך טראַכטען:

— וואָס קערען זיי זיך אָן מיט מיר, ווער זענען זיי, זענען זיי דען מיינע, זענען זיי דען האָטש אַ האַלב אַזוי ווי איך האָב געוואָלט? און ער האָט געפֿיהלט ביי זיך אין האַרצען אַז זיי אַלע זענען איהם גאַנץ פֿרעמד. ניט אַזוי האָט ער געמיינט ווען ער האָט זיך געראַנגעלט מיט דעם פֿאַנאַטיזם, צוקריעגט זיך אויף אייביג מיט די עלטערען און כִּמְעַט מיט דער גאַנצער שטאָדט, זיך אָבגעריסען פֿון דער גאַנצער פֿאַמיליע, געגֶט זיך מיט אַ פֿרוי, אומגליקליך געמאַכט אַ יודישע טאָכטער אַלץ דערפֿאַר וואָס איהם האָט געצויגען צו דער ציוויליזאַציע, און לעוו אסיפּאָוויטש האָט זיך איצט בערעכענט אַז עס האָט ניט געלוינט די גאַנצע געשיכטע מיט די פֿיעל מִלְחָמוֹת און אַז עס וואָלט אֶפְשַׁר געווען גלייכער ער זאָל געוועזען פֿאָלגען זיינע עלטערן און בלייבען אַ רָב.

לעוו אסיפּאָוויטשען פֿלעגט מאוס ייערען צו זיצען ביי זיך צו הויז, עס פֿלעגט איהם אַלץ ציהען קיין לאַוראָווע צו זייניגע, צו זייער לעבען און אויספֿיהרונגען. מיט דער גרעסטער ליעבע פֿלעגט ער זיך אָפֿט דערמאַנען אין זיינע קינדעריאָהרען, וועלכע ער האָט שטענדיג גע-האַלטען פֿאַר אַ שענע גי.'דענע צייט.

זיין פֿרוי און זיינע קינדער האָט ער אויסגעהאַלטען אויפֿ'ן שענסטען און בעסטען אַרט ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ גְבִיר, זיי זענען אָבער איהם געוועזען אין גאַנצען פֿרעמד, זיין צייט האָט ער ניט געוואוסט וואו אַהין צו טהון, אין זיין הויז האָט ער זיך געפֿיהלט ווי אַ פֿרעמדער, ער האָט אַלץ געזוכט מיט וואָס צושלאָגען די צייט, ער האָט אָנגעהויבען צו פֿערברייננגען אין פֿרעמדע הייזער. וויסענדיג ווי ער איז ניט גליקליך מיט זיין פֿרוי האָבען זיינע בעקאַנטע דאַמען, ווי דער שטייגער איז, איהם מיטגעפֿיהלט, ער האָט אָבער אין קיין הויז ניט געפֿונען די בלויע אויגען אין וועלכע ער איז אַמאָל אין זיינע יונגילשע יאָהרען אין לאַוואָווע געוועזען פֿערליעבט. די פֿרעמדע הייזער זענען איהם גיך מאוס געוואָרען. צו וואָס ער לעבט, האָט ער זעלבסט ניט געוואוסט און כְּדֵי צושלאָגען די צייט האָט ער זיך אָנגעהויבען אַריינלאָזען אין נייע געשעפֿטען און שטענדיג אין אַזוינע וואָס קיינעם איז ניט איינגעפֿאַלען נור איהם. צו די נייע געשעפֿטען פֿלעגט ער זיך אין אָנהויב איבערגעבען מיט פֿייער, מיט אַ ברען, קיין געלד און ארבייט איז איהם ניט טהייער געוועזען, ווייל ער פֿלעגט גלויבען אַז מיט זיין ניי געשעפֿט אין וועלכען ער פֿלעגט זיך אַזוי הייס אָנהאַפּען וועט ער גליקליך מאַכען די וועלט, נאָר אויסלאָזען פֿלעגט זיך שטענדיג—אַ טייך. ער פֿלעגט ווערען אָבגעקיהלט, ווידער אַ צייט זיין אומעטוג, ניט וויסען וואָס צו טהון און פֿלעגט זיך זעלבסט אַזוי לאַנג פֿרעגען צו וואָס ער לעבט אויף דער וועלט, ביז ער פֿלעגט ווייטער קריענגען אַ ניי געשעפֿט וואָס קיינעם וועט עס ניט איינפֿאַלען דאַן ווערט ער ווידער פֿרעהליך, אַרבייט און גלויבט אַז ער וועט גליקליך מאַכען די וועלט.

רייך איז ער שוין דאַן געוועזען נענוג, שוין אַ יאָהר צעהן אַז ער איז געקומען צו איין אייגענער גרויסער פֿאַבריק וואָס פֿלעגט פֿון פֿערשיעדענע מעטאַלען אויסאַרבייטען מאַשינען, קעסלען, בלעך, א. ד. ג. און לעוו אסיפּאוויטש איז אין די לעצטע יאָהרען רייך געוואָרען. די פֿאַבריק איז ווייטער געגאַנגען ווי אַ זייגער און געטראָגען אויף אַלע קאפּריזען פֿון זיין פֿרוי און קינדער און אויף צו דערלעגען געלד צו זיינע נייע געשעפֿטען וואָס קיינעם איז ניט איינגעפֿאַלען נור איהם. ער האָט געקויפֿט ביי איינעם איין ענגלענדער איין ערפֿינדונג ווי צו מאַכען אַ נייעם סאָרט בלעך וואָס זשאַווערט קיין מאָל ניט פֿון שנעע, רעגען און פֿון אַנדערע נאַסקייטען, און ער האָט אָנגעהויבען אויס אַרבייטען דעם נייעם סאָרט

בלעך. זיינע קאָנקורענטען האָבען פֿאַרברייטערט צווישען אַלע סוחֲרִים אַז זיין נייער בלעך זשאַווערט און נעצט גלייך מיט אַלע אַנדערע בלעכען, דאָ האָט זיך לעוו אסיפּאוויטש מיט פֿייער אָנגעצונדען און געוואָלט דער וועלט דערווייזען אַז זיין בלעך איז ניט נור גוט אויף דעכער דעקען וועלכע קענען אייביג דינען, נאָר אַנשטאָט קופערנע כֵּלִים קען מען די זעלבע מאַכען פֿון זיין בלעך און זענען אַזוי שטאַרק און גוט ווי קופער. ער האָט אָבגעדרוקט טויזענדער ביכליך אין פֿערשידענע שפּראַכען וועגען די גרויסע נוטצען פֿון זיין נייעם סאָרט בלעך, געפֿאָהרען אויף פֿערשידענע אויסשטעלונגען, בעקומען מעדאַליען פֿאַר זיין נייעם סאָרט סְחוֹרָה, נאָר זיין נייער סאָרט בלעך האָט זיך פֿאָרט ניט אָנגענומען אין דער וועלט, ער האָט אָן דער געשיכטע דערלעגט עטליכע טויזענד רובל און זיך געקויפֿט אַ וועלט מיט שׂוֹנְאִים צווישען פֿאַבריקאַנטען פֿון בלעך. גאָר ניט דאָס פֿערלאָרענע געלד, ניט די אַרבייט און די צייט האָט איהם באַנג געטהון, פֿערקעהרט ער איז פֿון דעם געשעפֿט צופֿריעדען געוועזען, דערווייל איז ער אַ לאַנגע צייט געוועזען פֿערנומען, פֿעראינטערעסירט, גערַעשט, געקאָכט און געלעבט פֿרעהליך; עס איז פֿאַר איהם דערווייל־ע ניט געשטאַנען די פֿראַגע צו וואָס ער לעבט אויף דער וועלט.

— פֿאַר וועמען זאָל איך קלויבען געלד, פֿלעגט ער אָפֿט טראַכטען — פֿאַר מיינע דריי שטעקענס? — פֿאַר מיינע וועלאָסיפּעדיסטען וועט איבערגענוג זיין צום לעבען די פֿאַבריק, עטליכע צעהנדלינגער טויזענד רובל וועט זיך אויך געפֿינען אין קאַסע — גענוג פֿאַר זיי.

נאָך די געשיכטע מיט דעם נייעם בלעך האָט ער זיך אָבגערוהט עטליכע חֳדָשִׁים, זיך ווייטער געגודעט און סקוטשאיעט, אין דער צייט האָט ער זיך ווייטער ניט ווילענדיג געמוזט צוקוקען צו זיין פֿאַמיליע, צו די „דריי שטעקענס", ווי ער פֿלעגט זיי רופֿען. און ער האָט דערזעהן ווי זיין גרישאַ, וועלכער האָט צו צוויי און צוואַנציג יאָהר אָנגעהויבען בעקומען אַ ליסענע אויף דעם קאָפּ, וויל שוין ניט וואהנען ביים טאַטען אין הויז.

— גענוג זיצען נעבען דער מאַמעס פֿאַרטוך, איך בין שוין ניט קיין קינד, פֿלעגט גרישאַ האָבען טַעֲנוֹת צום טאַטען און האָט פֿערלאַנגט, ער זאָל איהם געבען צום ווענינגסטען פֿינף הונדערט רובל אַ חוֹדֶשׁ, ער וויל האָבען אַ בעזונדער וואהנונג, קיין נְדָן פֿערלאַנגט ער ניט ווייל ער וועט קיין מאָל ניט חֲתוּנָה האָבען, ער האָט שוין געגעבען זיין

וואָרט אַז ער וועט זיך קיין מאָל ניט צושיידען מיט פֿריילײן בורגאַטי, און אויב ער וויל איהם ניט געבען קיין פֿינף הונדערט רובל מאָנאַטליך פֿערלאַנגט ער דעם נְדַן וואָס ער רעכענט איהם געבען אַלס פֿאָטער.

מאַשאַ האָט אָבּען מוֹדִיעַ געווען איהרע עלטערן אַז זי איז פֿערליעבט ביז צום שטאַרבען.

— אין וועמען ? האָט דער פֿאָטער געפֿרעגט.

— אין זשאָרזשען.

— ווער איז דער זשארזש ?

= זשארזש וואָס האָט פֿאָריגעס יאָהר גענומען אַ פּריז אויף דער „גאָנקא”, האָטש נאָך דעם פּרייז האָבען זיך געיאָגט די גרעסטע וועלאָסיפּעדיסטען.

— אָבער וואָס איז ער ? ווער איז ער ? צי קען ער אַ פֿרוי געבען ברויט — אַ הויז פֿיהרען ?

— איך וויל גאָר ניט וויסען ווער ער איז, האָט מאַשאַ געענטפֿערט, איך האָב איהם ליעב און דאָס איז גענוג פֿאַר מיר.

זייער מוטער סאָפֿיאַ מאַרקאָוונא האָט זיך אויף די עלטערע יאָהרען פֿערליעבט אין דעם בעריהמטען היפּנאָטיזאָר ה' שיידמאַן, דאָס הייסט זי פֿלעגט איהם נאָכלויפֿען ווי אַ הַייסער חָסִיד אַ גוטען יודען, זי האָט געגלויבט אין היפּנאָטיזם, אַז שיידמאַן קען מאַכען פֿון טויט—לעבעדיג פֿון אַלט—יונג, פֿון קראַנק — געזונד. וואָס שיידמאַן וויל קען ער טהון מיט יעדען מענשען און וויסען וואָס ביי יעדען קאָכט זיך אין קאָפּ. סאָפֿיא מארקאוונא פֿלעגט מיט נאָך פֿיעל פֿרויען און פֿריילײן נאָכגעהן שיידמאַנען ווי אַ קוה אַ קאַלב, ניט אויסגעפֿעהלט קיין הויז ווי ער פֿלעגט מאַכען „סעאַנסען” און שטענדיג איהם געבעטען ער זאָל זי היפּנאָטיזירען.

אויסער דעם האָט סאָפֿיא מארקאָוונא בעקומען נאָך אַ שוואַכ־קייט — זי האָט שרעקליך מוֹרָא געקראָגען פֿאַר „מיקראָבען”, ווייל אין דער צייט איז אין אַזיע געווען די חאָליערע און זי האָט פֿון די צייטונגען זיך דערוואוסט, אַז קיין זאַך לאָזט מען ניט אריין אין רוס־לאַנד מען זאָל עס ניט „דעזינפֿיצירען”, אֲפִילוּ פּאָסט בריעף „דעזינפֿי־צירט” מען אויך, נאָר זי האָט זיך מיט די „מיקראָבען” ניט פֿערלאָזט אויף קיינעם, זי האָט געהאַט שטענדיג מיט זיך אַ פֿלעשעלע „קאַרבאָל־וואַסער” און יעדער וואָס האָט נור איבערגעטרעטען די שוועל ביי איהר אין הויז,

האָט זי איהם מיט אַ בלאָז־מאַשינקע אַרומגעבלאָזען מיט „קאַרבאָל״. די אָנגעקומענע בריעף און צייטונגען פֿלעגט זי [illegible] וואַשען אין קאַרבאָל וואַסער. די „מיקראָבען״ פֿלעגט זי זעהן אין חלום אין פֿערשיעדענע געשטאַלטען, מיט קעפּ, מיט פֿיס, מיט שרעקליכע אויגען און לאַנגע רויטע צונגען. אפילו דאַן ווען אין אַזיע האָט שוין אויפֿגעהערט די האָליערע און אין רוסלאַנד פֿלעגט מען שוין אַריינלאָזען אָהן „דעזינפֿעקציע״, האָט זי זיך מיט איהר פֿלעשעלע קאַרבאָל נאָך אַלץ ניט צושיידט און נאָך לאַנג אַרומגעבלאָזען יעדען מיט דער מאַשינקע.

צוזעהנדיג דאָס אַלעס פֿלעגט זיך לעוו אסיפאָוויטש ניט איין מאָל אָנהאַפּען בײַם קאָפּ.

— גוואַלד, וואָס געהערען זיך אָן מיט מיר אָט די אַלע דריי פּערזאָנען, זענען זיי דען מיין גלייכען, זענען זיי האָטש אַ צעהנטעל עהנליך אויף מיר אָדער זענען זיי דען אַזוי ווי איך האָב געוואָלט זיי זאָלען זיין? ווילד פֿרעמדע מענשען! נאָר זיי טראָגען מיין נאָמען, סאָפֿיא מאַרקאָוונא איז מיין פֿרוי און גרישאַ, מאַשאַ מיינע קינדער.

און לעוו אסיפאָוויטש האָט טרויריג אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און ווידער אָנגעהויבען טראַכטען און זוכען אַ ניי געשעפֿט, ער זאָל האָבען מיט וואָס צושלאָגען די צייט. אַ דאַנק איין ערפֿינדער, וועלכע געפֿינען זיך געניג אין פּעטערסבורג, האָט ער זיך גענומען צו אַ ניי געשעפֿט: פֿון אויסגעקלאַפּטע קאָרען־זאַנגען, דאָס הייסט פּראָסט פֿון קאָרענע שטרוי וואָס קאָסט זעהר ביליג, טרייבען בראַנפֿען.

אין דעם געשעפֿט האָט געשטעקט אַ גרויס גליק. קאָרען פֿון וועלכע מען טרייבט שטענדיג בראַנפֿען קאָסט אין אַ גוט יאָהר אַכציג קאָפּיקעס אַ פּוד, אין אַ שלעכט יאָהר מעהר ווי אַ רובל און קאָרענע שטרוי קאָסט שטענדיג צוויי אָדער דריי קאָפּיקעס אַ פּוד.

לעוו אסיפאָוויטש האָט ווידער פֿערגעסען אין אַלעס און מיט פֿייער זיך איבערגעגעבען דעם נייעם געשעפֿט. פֿריהער פֿאַר אַלעמען האָט ער אין „האַנדעל־דעפּערטאַמענט״ מודיע געוועזען וועגען דער נייער ערפֿינדונג און געבעטען מען זאָל איהם געבען אַ פּאַפּיער אויף עטליכע יאָהר אַז קיינער טאָר איהם ניט נאָכמאַכען. דערנאָך האָט ער געבויעט אַ קליין זאַוואָדיל, דערווייל אויף אַ פּראָבע. אַלע בראַנפֿען זאַוואָדטשיקעס האָבען זיך אויף איהם אָנגעצונדען, וואָרום חס־וְשָלום אַז ווען פֿון זיין שטרוי וועט אָנהויבען געהן בראַנפֿען דאַרפֿען זיי פֿערמאַכען זייערע זאַ־

וואדען און געהן מיט די טאָרבעס אין די הייזער, נאָר לעוו אסיפּאוויטש האָט שוין געהאַט אַזאַ נאַטור, אַז ווי באַלד ער האָט געוואָלט עפּיס אויספֿיהרען, האָט ער ניט געקוקט אויף קיין זאַך, ניט אויף פֿרעמדע אינטערעסען און אֲפִילוּ ניט אויף זיינע אייגענע. זיינע געגנער וואָס פֿלעגען טהון אַלע מיטלען צו שטערען זיין ניי געשעפֿט האָבען איהם ניט נור אָבגעהאַלטען, נאָר פֿערקעהרט: נאָך צוגעגעבען מעהר ענערגיע און שטאַרקייט, און לעוו אסיפּאוויטש, אויף צוזעצעניש זיינע שׂוֹנְאִים, האָט נאָך מיט מעהר פֿלייס געאַרבעט.

פֿון דער נייער ערפֿינדונג, אַז פֿון שטרוי זאָל געהן בראַנפֿען, האָט ער נאָך פֿיעל מיה, געלד און צייט, געראַדע, ניט אויסגעפֿיהרט, עס איז עפּיס יאָ געגאַנגען אַ מין זויערעס וואַסער אָבער ניט קיין בראַנפֿען, געענדיגט האָט זיך, ווי זיין שטייגער איז, ער האָט ווידער דערלעגט עטליכע טויזענד רובל און זיך געקויפֿט נייע שׂוֹנאים צווישען די בראַנפֿען זאַוואָדטשיקעס, נאָר זיין גרויסע פֿאַבריק האָט אויף אַלעס נעטראָגען און עס האָט ביי איהם פֿיעל ניט אויסגעמאַכט: „עס איז נאָך גענוג געבליבען פֿאַר די דריי שטעקענס", פֿלעגט ער זאָגען.

אין דער לעצטער צייט האָט ער אַוועקגעוואָרפֿען די נייע ערפֿינדונגען און די ענגלענדער מיט אַלע אַנדערע ערפֿינדער, וועלכע פֿלעגען ניט אויפהערען קריכען צו איהם, ער האָט זיי פּראָסט געטריבען מיט שטעקענס און אַראָבוואַרפֿען פֿון די טרעפּ, ווייל די ערפֿינדער זענען דאָס מעהר ניט קיין שעמעדיגע און פֿלעגען זיך ניט בעגניגען נור מיט ענטזאַגען.

אַז עס זאָל איהם ניט זיין אומעטיג האָט ער ביי זיך איינגעפֿיהרט „שַׁבָּת צונאַכטסען", דאָס הייסט אָבענדען ווען עס פֿלעגען זיך צוזאַמענקומען געסט. עס פֿלעגען זיך צוזאַמענקומען מענשען פֿון פֿערשיעדענע קלאַסען, דאָס מעהר פֿון דער פּראָווינץ — פֿון זיין געגענד, וואו ער איז געבוירען, מענשען, וועלכע האָבען שטענדיג געוואהנט אין פּעטערסבורג אָדער אַזוינע וואָס זענען געקומען צופֿאָהרען אין די גרויסע שטאָדט וועגען מִסְחָר אָדער לערנען.

אויף די „שבת צונאַכטסען" האָט מען געקענט געפֿינען אַ פּאָר יודישע סטודענטען. אַ דריי קורסיסטקעס פֿון דער פּראָווינץ, אַ קליין שטעדטילגידען גְבִיר וואָס איז געקומען קיין פּעטערסבורג אָננעמען פֿערשיעדענע פּאָדריאַדען, אַ קָהָל'שען האדאַטאַי וואָס איז געקומען חלאפּעטשען אַרויסנעמען געלד פֿון דער קאָראָבקע, אַ יוד וואָס האָט אַ פּראָצעס אין „סענאַט"

און דארף האבען א גרויסען אדוואקאט, א יונגערמאן וואס האט א טאלענט צום זינגען, שפיעלען אדער מאלען, א רב. וואס איז געקומען אבנעמען זיין זוהן פון דער שמד, א יוד וואס לאדט זיך זיינע אלע יאהרען מיט דער „קרוין“ און דארף געווינען אין סוד א פראצעס פון צוויי מיליאן רובל, און נאך פיעל מענשען פון דער פראווינץ, וואס מען קען בעגעגענען אין א הויפשטאדט, האבען זיך געפונען אויף די „שבת צונאכטסען“.

לעוו אסיפאוויטש איז מיט יעדען פריינדליך געוועזען און האט זעהר גוט און פרעהליך זיך געפיהלט אין אזא געזעלשאפט, דא האט ער זיך געפונען ווי ביי זיך צו הויז, דאס הייסט ווי אמאל אין לאווראווע, די געסט האבען זיך דא אויך שטענדיג גוט געפיהלט, די שענע און בעלייכטעטע צימער מיט דעם גרויסען וואגזאל־סאמאוואר וואס האט גערזאטען דעם גאנצען אבענד, איז געוועזען יעדען אנגענעהם, און יעדער האט זיך דא אין דער פרעמד געפונען ווי ביי זיך אין דער היים, צווישען אייגענע און מען האט היימיש גוט פערבראכט. נאר סאפיא מארקאוונא מיט איהרע קינדער האבען אין זייער הויז אויף די היימישע „שבת צונאכטסען“ זיך ארומגעדרעהט ווי פרעמדע, גרישא האט זיך זעלטען געפונען צו הויז, און די מאמע מיט דער־טאכטער האבען נעביך געמוזט ליידען פון דעם מאן און פון דעם טאטען וואס האט ליעב געהאט אזוינע אבענדס פון אזא געזעלשאפט איינצופיהרען ביי זיך צו הויז.

די שבת צונאכטסען זענען נור געוועזען ווינטערצייט, דעם גאנצען זומער האט לעוו אסיפאוויטש געוואהנט אויף זיין „דאטשע“ וועלכע האט זיך געפונען עטליכע ווערסט אויסער דער שטאדט, ניט ווייט פון זיין פאבריק.

## VI.

### אויף דער זומערוואָהנונג.

לעוו אסיפּאוויטש איז איצט געזעסען אויף דעם באַלקאָן פֿון זיין זומערוואָהנונג, ווייל איצט איז די זון פֿון דאָרט אוועק'געגאַנגען און דער באַלקאָן האָט זיך אין גאַנצען געפֿונען אין שאָטען. פֿון דאַנען האָט מען פֿון דערווייטענס געקענט אַרויסזעהן די פֿאַבריק. ער האָט געזעהן דעם לאַנגען גרויסען קוימען, אויף וועלכען עס האָבען זיך געדראַפּעט עטליכע אַרבייטער, שוואַרצע פֿון סאַזשע ווי די רוחות און האָבען עפּיס דאָרט צורעכט געמאַכט. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען קוקען אויף איין אנדער ווינקעל, וואו די אויוועגס געפֿינען זיך, זיי ברענען איצט ווי די קאַלעך־אויוועגס, און שוואַרצע מענשען ווי די שֵׁדים ציהען אַרויס מיט אייזערנע גרויסע אָבצווייגעס פֿייערדיגע לאַנגע צונגען, טהייל קלאַפּען אָהן איין אויפֿהער מיט שווערע האַמערס אויף די צונגען, גרויסע, קליינע שטיקער פֿונקען פֿליהען אין אַלע זייטען אויף די קליידער און געזיכטער פֿון די שוואַרצע רוחות, די לאַנגע פֿייערדיגע צונגען ווערען וואָס אַמאָל טונקלער און טונקלער, דינער און לענגער און מען קלאַפּט אַזוי לאַנג ביז פֿון די פֿייערדיגע צונגען ווערען לאַנגע שוואַרצע שטיקער אייזען.

— אַרבייט, אַרבייט, שוואַרצע קאַטאַרזשניקעס האָט ער גערעדט צו זיך, אַרבייט, וועלען מיינע וועלאָסיפּעדיסטען פֿון אייער שוויים פֿון אייער געזונד און לעבען האָבען פֿון וואַנען אויס צו ברייננען געלד, דער אויף אקטריסעס און די אויף נאַרישקייטען, וואָס איהר, מילבען, אָרענט־ליכע אַרבייטער, ווייסט גאָר ניט אַז אויף אַזוינע נאַרישקייטען, פֿאַר יעדע שעה פֿערגעניגען, צאָהלט מען מיט אייערס אַ יאָהר אַרבייט — אַ יאָהר לעבען. נאָר גלויבט מיר אַז איך בין ניט שולדיג... איך בין ניט גליקליכער פֿו אייך...

אין דער צייט איז אידא אָנגעקומען פֿון שטאָדט מיט אַ טראַמוואַי, זי איז געגאַנגען אָנגעטהון אין איהר ש..סטען זומער קלייד פֿון העלען פּערקאַל, איהרע לאַנגע בלאָ..ע האָר פֿערפֿלאָכטען אין אַ לאַנגען דינעם צאָפּ, פֿערקניפּט מיט אַ בלוי זיידען סטענגעלע, אויף דעם קאָפּ אַ ווייסער שטרויענער הוט מיט זעהר ברייטע ראַנדען. אַ פֿערפֿלאַמטע אַ פֿערפֿאָלי־טע איז זי אַריינגעגאַנגען אין אַ שען געפֿאַרבטען טויער פֿון סאַלאַמאַנאַווס זומער וואָהנונג. געהענדיג אויף אַ זאַמדיגע שטעשקע האָט זי בעגעגענט אַ דאַמע.

— צו וועמען ברויכט איהר? האָט זי די דאַמע געפֿרעגט.

— דאָ וואָהנט הערר סאלאמאנאוו?

— יאָ, פֿון וואַנען קומט איהר, איהר זענט ניט קיין היגע?

— ניין, פֿון דער פּראָווינץ.

— האַ... דאָרט וואו די חאָליערע איז... וואַרט אויס... באַלד... זעצט זיך דאָ דערווייל... האָט זי אָנגעוויזען אויף אַ גאָרטען באַנק און איז גיך אַוועק געגאַנגען. אין אַ פּאָר מינוט איז זי שוין צוריק געקומען מיט אַ פלעשיל און מיט אַ בלאָז מאַשינקע אין דער האַנד.

— ענטשולדיגט מיר, פֿריילין, עס איז ניט שעדליך, עס איז געזונד, האָט די דאַמע געזאָגט און זי אַרומגעשפּריצט מיט קאַרבאָל וואַסער.

— איך האָב אַ בריעף, האָט אידא געזאָגט האַלב דערשראָקען אַרומוואַשענדיג זיך דאָס געזיכט מיט איהר טיכעלע, איך ברויך דעם בריעף באַלד אָבגעבען הערר סאלאמאנאווען.

— אַ בריעף!? האָט די דאַמע געזאָגט נאָך מעהר דערשראָקען, ווייזט נור דעם בריעף. אידא האָט זיך געקווינקעלט — געבען דעם בריעף אָדער ניט.

— האָט קיין מורא ניט, איהר מעגט מיר געבען, איך בין סאלאָמאָנאָווס פֿרוי. איך וועל איהם גלייך איבערגעבען, האָט זי געזאָגט נעמענדיג דעם בריעף און איהם אַרומגעשפּריצט.

— יעצט קומט מיט מיר צו לעוו אסיפּאוויטשען, ער זיצט אויף דעם באַלקאָן, האָט זי זיך פֿריינדליך געווענדעט צו אידאַן.

— ווייטער אַ נאַסען בריעף, האָט לעוו אסיפּאוויטש זיך אָנגערופֿען רייסענדיג דעם קאָנווערט, שוין פֿון אַ יאָהר אַז אין ערגיץ איז ניטאָ די האָליערע, נור ביי מיר איז זי נאָך דאָ.

— אָט אַזוי זענען די מענער דאַנקבאַר, ווען מען איז זיי געטריי און מען היט זיי אָב, האָט זי זיך געווענדעט צו אידא'ן, דערלאַנגענדיג איהר אַ שטוהל, און זי געבעטען זיצען.

— הייסט עס אַז ג י ט ע ל איז אייערע אַ מימע, האָט זיך סאלאָמאָנאָוו אָנגערופֿען ווען ער האָט איבערגעלייענט דעם בריעף — ווי ענהליך זענט איהר אויף אייער מומען שען, אַזוי ווי זי.

אידא האָט זיך געוואונדערט אויף זיין פֿערגלייכעניש, זי געדיינקט די מומע גיטעל אַלס בלאַסע קראַנקע יודענע.

— די מומע איז שוין לאַנג געשטאָרבען, האָט אידא זיך אָנגערופען.

— אָ איך געדיינק... איך ווייס... זי איז שוין לאַנג געשטאָרבען...

אידא האָט געוואָלט אָנהויבען רעדען וועגען וואָס זי איז געקומען, נאר לעוו אַסיפּאָוויטש האָט זי פלוצים אָנגענומען ביי דער האַנד, מיט דער אַנדערער זי אַרומגענומען און זיך געווענדעט צו זיין פרוי.

— סאָפּיאַ! זעה נור, סאָפּיאַ, ווי מען זעהט אויס שען און געזונד אין דער פּראָווינץ, דאָס נעמט זיך אַלץ פון די ראָסעל פליישען, וואָס מען עסט דאָרט, און ווי זעהן מיר אויס מיט אונזערע קינדער פון אונזערע פּאָטראַוועס.

פון אַזאַ אונערוואַרטעטען שמועס און בענעמען זיך איז אידאַ פלוצים רויט געוואָרען.

— הער שוין אויף, משוגענער. האָט זיך סאָפּיאַ מאַרקאָוונאַ אָנ־גערופען, גאָט ווייסט וואָס אַ פרעמדער מענש קען מיינען וועגען דיר. זאָל אייך אויף איהם ניט פערדריסען, ליעבע פריילין, ער איז זעהר אַ גוטער, און איהר זענט איהם געפעלען, דערום איז ער מיט אייך אַזוי היימיש, ער מיינט אַז יעדער איז געראָטען אין מיר, וועלכע ליידט אויס אַלע זיינע קאפריזען, אָט איז ער ווייטער דאָ מיט זיינע ראָסעל פליישען. זאָגט מיר, איך בעט אַייך מיט וואָס קאָכט מען ביי אייך דעם דאָזיגען ראָסעלפלייש, מיט גילדענע רענדליך צי מיט וואָס? קיין עסען געפעלט איהם ניט, מיין טיש ניט צופערזינדיגען, ביי אַ גראַף דאַרף ניט זיין קיין בעסערער, און איהם קען איך מיט קיין זאַך ניט דאָגאָזען, דאָ פאַרגליסט זיך איהם אַ פרייטיגדיגען ראָסעל פלייש מיט אַ דאַרע שישקע פון אַ פרישע בילקע און דאָ פלוצים — אַ לעבעריל מיט ציבעלעס, איך האָב איהם שוין געפּריווט דאָס אַלעס מאַכען, נאר עס שמעקט איהם ניט, עס איז ניט דאָס וואָס און לאַווראַווע, זאָגט ער.

— אַודאי שמעקט מיר ניט, ווייל איהר קענט עס דאָ קיינער ניט מאַכען אַזוי ווי די לאַווראַווער ווייבער. ווען דו מיט די קינדער וועלען צום סוף זומער פאָהרען קיין קרים עסען וויינטרויבען וועל איך פאָהרען קיין לאַווראַווע עסען ראָסעל פליישען מיט לעבערליך. מיר וועלען זעהן ווער פון אונז וועט זיך בעסער פּאָפּראַווען, האָט זיך לעוו אַסיפּאָוויטש צולאַכט.

— נו, וואָס זענט איהר אַנטשווינגען געוואָרען, דערצעהלט עפּיס, איהר האָט זיך פאַר מיר ניט וואָס צו שעמען, געוויס האָט אַייך אַייער

פֿאָטער נענוג דערצעהלט וועגען מיר, איהר דאַרפֿט מיך ניט האַלטען פֿאַר קיין פֿרעמדען.

— פֿערשטעהט איהר מיך, הערר סאלאמאנאוו, איך בין געקומען אַהער לערנען... איך פֿון מיין זייט האָב זיך צו הויז צוגעגרייט... האָט אידא אָנגעדויבען דערצעהלען, נאָר לעוו אטיפאוויטש איז איהר אַריינגעפֿאַלען אין די רעד און איהר ניט געלאָזט ווייטער רעדען.

— אַ, וועגען יענער מעשׂה... האָט ער געזאָגט, וועגען דעם וועלען מיר נאָך צייט האָבען צו רעדען, דערצעהלט מיר בעסער וואָס הערט זיך ביי אייך אין לאווראווע.

— וואָס ווילט איהר הערען? אַלע זענען געלויבט גאָט געזונד.

— נו, דאָס זעה איך קוקענדיג אויף אייך, זאָגט נור וואָס איך וויל אייך פֿרעגען, די ציגען געהען נאָך היינט אויך אַרום אין מיטען מאַרק? דער אַלטער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ איז נאָך ניט איינגעפֿאַלען, צי מען האָט שוין אויסגעבויעט אַ נייעם.

אידא האָט געשוויגען.

— נו איך זעה, אידא, ווי אייך אינטערעסירט ווינציג אונזער לאווראווע. ווער ווייס, אֶפְשַׁר האָט איהר אונזער שטעדטיל פֿיינד געקריגען און זענט פֿון דאָרט אַנטלויפֿען צו אונז אין דער גרויסער שטאָדט — אין דער גרויסער וועלט. אייער פֿאָטער שרייבט מיר, אַז פֿון אייער אוועקפֿאָהרען האָט ער מוֹרָא אייער מוטער זאָל ניט קראַנק ווערען און איהם אַליין איז זעהר שווער געוועזען זיך שיידען מיט אייך, נאָר ער האָט גאָר ניט געקענט העלפֿען ווען אייך האָט זיך פֿערגלוסט פֿאָהרען. —

— יאָ, דאָס איז אֱמֶת, מיר איז אויך ניט גרינג געוועזען זיך שיידען מיט מיינע עלטערן און מיט מיינע פֿריינד, לאַוראָווע האָב איך ניט פֿיינד, נאָר פֿאָהרען האָב איך געמוזט, איך האָב ניט געקענט דאָרט מעהר בלייבען. איהר וואָהנענדיג אין די גרויסע שטעדט, אין דער גרויסער וועלט, ווייסט ניט וואָס פֿאַר אַ לעבען עס איז ביי אונז, אין ד קלענערע שטעדט: עס געהען אַרום מֵתִים, טויטע מענשען, איך האָב אַזאַ לעבעדיגער מֵת ניט געוואָלט זיין. דאָרט איז פֿינסטער, איך וויל לעבען אין דער ליכטיגקייט, איך וויל לערנען, איך וויל זיין אַ מענש און דערום בין איך פֿון דאָרט אוועקגעפֿאָהרען.

אידא האָט פֿיעל גערעדט וועגען לעבען אין לאַוראָווע. איהרע אויגען האָבען זיך בְּעֵת מַעֲשֶׂה אָנגעצונדען מיט אַ בעזונדער ליכטיג

פֿייעריל. לעוו אַסיפּאָוויטש האָט ניט אַראָבגענומען די אויגען פֿון איהר, איהם האָט זיך אויסגעוויזען אַז ער געפֿינט זיך איצט אין לאַוראָווע ווי צוריק מיט דרייסיג יאָהר צווישען זיינע יונגע חֲבֵרִים אין מען רעדט וועגען דעם פֿינסטערן לעבען, אַז מען דאַרף אַנטלויפֿען אין דער גרויסער וועלט, וואו עס איז אַזוי ליכטיג און גוט; ער האָט יעצט איבערגעלעבט נאָך אַמאָל זיין יוגענד.

— איך ווער אַלט און אויף מיין אָרט שטעהען אויף אַנדערע און געהען אויך אויף דעמזעלבען וועג וואָס איך — זיי בלאָנדזען אויך ווי איך און וועלען אויך אַריינפֿאַלען אין גריבער ווי איך, זיי וועלען אויך זיך דאַן וועלען ראַטעווען, זיך האַפּען צוריק, נאָר עס וועט שוין זיין צו שפּעט, עס וועט שוין ניט העלפֿען... נאָר ניין, איך מוז זי יעצט ראַטעווען כָּל זְמַן עס איז ניט שפּעט.

— די קינדער זענען שוין דאָ, קומט צו מיטאָג, האָט סאָפֿיע מאַרקאָוונא איבערגעשלאָגען זיינע געדאַנקען. מ א ש א און ג ר י ש ע זענען אויף די רעד אָנגעקומען,

— נו, קינדער, דאָס פֿריילין ל י פּ ש י ץ איז אַ טאָכטער פֿון מיינעם אַ יוגענד פֿריינד, זי קומט פֿון מיין געבורטסשטאַדט, האַלט זי ניט פֿאַר קיין פֿרעמדע נאָר פֿאַר איין אייגענע. דו, מאשא, צוקוש זיך מיט איהר. און סאַלאמאנאוו האָט זיי מיטביידע הענד צוזאַמענגעפֿיהרט, אידא מיט מאשען האָבען זיך לאַכענדיג צוקושט.

— און דו, גרישא, זאָלסט ניט וואַגען זיך קושען מיט אַזאַ שענעם פֿריילין — האָט סאַלאמאנאָוו געסטראַשעט מיט'ן פֿינגער.

אַלע זענען פֿריהליך געגאַנגען צום מיטאָג.

אַ בּאָרוועס דאָרפֿס־מיידיל האָט בעדיענט ביים טיש.

— קינדער! האָט סאַלאמאנאוו זיך געווענדט צום גאַנצען עוֹלָם, צוליעב דעם טייערען גאַסט וועלען מיר היינט רייסען די פֿלוימען פֿון בוים, זיי זענען שוין גענוג פֿאַרטיג.

אַלע האָבען זיך פֿון דעם נייעס דערפֿרעהט, ביי מאשא איז דער לעפּעל פֿון האַנד אַרויסגעפֿאַלען פֿון שִׂמְחָה און דאָס בּאָרוועס דיענסט מיידיל איז רויט געוואָרען.

אין דעם קליינעם גאָרטען פֿון סאַלאָמאנאָווס דאַטשע האָט זיך געפֿונען איין־און־איינציגער פֿלוימען בוים. אַ פֿרוכטבוים אויף אַ פּעטערס־בורגער דאַטשע איז אַ גרויסע זעלטענהייט און סאַלאָמאנאָווס שְׁכֵנִים

פֿלעגען איהם מְקַנֵא זיין אויף דעם בוים מיט די אויסגעצייכענטע פֿלוימען. סאלאמאנאוו האָט אויך איבער דעם בוים געציטערט ווי אויף איין איינציג קינד, אויף דעם ווינטער פֿלעגט אַ גערטנער דעם בוים שמירען מיט עפּיס אַ וויים שמירעכץ און איינוויקלען אין שטרוי, אין פֿריהלינג פֿלעגט מען איהם אויסוויקלען און ער פֿלעגט זעהר שען בליהען. אַ גאַנצען זומער האָט מען וועגען דעם בוים גערעדט, ראַכט זיך אַז די פֿלוימען זענען נאָך גרין, דאַכט זיך אַז אין אַ פּאָר וואָכען אַרום וועט מען שוין זיי מעגען רייסען, עטליכע פֿלוימען האָבען שוין בעקומען רויטע בעקעליך א. ד. ג. קיין טאָג, קיין מיטאָג איז ניט אַוועקגעגאַנגען מען זאָל וועגען דעם בוים ניט רעדען. ווער שמועסט ווען עס זענען געסט געוועזען, דאַן האָט יעדער גאַסט געמוזט געהן אָנקוקען דעם בוים און בעדאַרפֿט עפּיס זאָגען וועגען איהם. עס איז געוועזען שטרענג פֿערבאָטען צו רייסען די פֿלוימען אָדאָ די ערלויבעניש פֿון דעם בַּעַל הַבַּיִת, ווער שמועסט דאָס ערשטע מאָל, ווען זיי פֿלעגען צייטיג ווערען.

יעדען זומער ווען מען האָט זיך איבערגעצויגען אויף די זומער־וואָהנונג, האָבען די קינדער, די הויז מענשען, בעקאַנטע שְׁכֵנִים און די שטאָדט־געסט אָנגעהויבען קוקען אויף די פֿלוימען, און ווי זיי האָבען נור בעמערקט עטוואָס אַ רויטקייט, פּלעגען זיי בעטען לעוו אַסיפּאָוויטשען, מען זאָל זיי שוין אָנהויבען רייסען, נאָר זיי האָבען שטענדיג בעקומען פֿון איהם איין ענטפֿער: „ביז אין סוף זומער, זיי זענען נאָך ניט צייטיג”. נאָר איצט זענען די פֿלוימען ווירקליך שוין צייטיג געוועזען און מען האָט זיך גערעכט היינט מאָרגען אָנהויבען רייסען. דער טאָג, ווען מען פֿלעגט רייסען די פֿלוימען, איז עפּיס געוועזען ווי אַ יאָהר־יום־טוב.

מעהר פֿון אַלעמען האָט זיך מיט דעם יום־טוב געפֿרעהט דאָס באָרוועסע דיענסטמיידיל פּאראסקע, וואָס וועט אַרויפֿקריכען אויף דעם בוים און וועט שאָקלען מיט די שווערע צווייגען, איהרע פּריצים וועלען האַפּען די פלוימען און מען וועט לאַכען. פּאראסקען פֿלעגט דער יום טוב דערמאַנען איהר דאָרף — איהר ווייטע היים, נאָך וועלכער זי ביינגט אַזוי און וואוהין עס ציהט איהר דאָס גאַנצע האַרץ. יעדען סוף זומער, ווען עס פֿלעגט קומען אין דערהיים די צייט פֿון רייסען די פֿרוכטען, פֿלעגט זי זיך אָנטהון יום־טוב׳דיג מיט איהרע קאָליערענדיג אויסגענייט העמד, אויסגעפּוצט דעם קאָפּ מיט פֿערשיעדענע ביליגע בלומען וואָס וואַקסען אין דאָרף און יעדען גאָרטען, זי פֿלעגט דעם גאַנצען טאָג

קריכען אויף די בוימער, שאָקלען מיט די צווייגען, די פֿרוכטען פֿלעגען פֿאַלען ווי אַ האָגעל, אונטען פֿלעגט מען די פֿרוכטען קלויבען און פּאַקעווען אין קוישען אָדער אין פֿעסער פֿון דינע קלעפּקעס: ס ט ע פּ א ן, וואָס פֿלעגט אַלע דאָרפֿישע מיידליך געפֿעלען איבער זיין הויכען וואוקס און שוואַרצע אויגען, פֿלעגט גלייך אין די הענד האַפּען די פֿרוכטען, האָטש פּאַראַסקע האָט זיך געסטאַרעט איהם טרעפֿען גלייך אין קאָפּ און מען פֿלעגט לאַכען און לאַכען. דאַן איז ביי איהר געוועזען די פֿרעהליכסטע, טייערסטע צייט, אין וועלכע זי דערמאַנט זיך איצט אָפֿט זיפֿצענדיג.

— נו, פּאַראַסקע, האָט זיך לעוו אַסיפּאָוויטש אָנגערופֿען, נאָך מיטאָג צושטעל אין גאָרטען אַ פּאָר קוישען און „מאַרש" אויף דעם בוים, זאָלסט קיינעם ניט שאַנעווען, יעדען גלייך אין קאָפּ, צום מעהר זאָלסט דו אין זינען האָבען אָט דאָס פֿריילין, האָט ער אָנגעוויזען אויף אידאַן מיט אַ געלעכטער.

— איך וועל קיינעם ניט שאַנעווען, איך קען טרעפֿען, האָט זי געזאָגט פֿרעהליך נאָר שעמענדיג.

נאָך מיטאָג, באַלד ווי מען האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון טיש, זענען אַלע מיט אַ ליאַרעם און געפּילדער אַרויסגעלאָפֿען אין גאָרטען, אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער זענען אויך געקומען עטליכע בעקאַנטע מיט זייערע קינדער פֿון דער צווייטער דאַטשע נאָך וועלכע מען האָט געשיקט רופֿען.

גרינג ווי אַ קאַץ האָט זיך פּאַראַסקע מיט אַ געלעכטער אַרויפֿגעדראַפּעט אויף דעם בוים, אַ געשריי געגעבען: „נו"... און זיך אָנגעהויבען צוזאַמען מיט די צווייגען צו שאָקלען הין און צוריק.

פֿלוימען האָבען אָנגעהויבען פֿאַלען און פֿאַלען ווי אַ רעגען און עס איז געוואָרען אַ געוואָרפֿעריי, אַ געפּילדער, אַ געלעכטער, אַ קוויטשעריי, דעם האָבען די פֿלוימען געטראָפֿען אין קאָפּ, דעם גלייך אין פּנים, דעם אין פּלייצע, אין האַלז, האָטש יעדער האָט זיך געסטאַרעט האַפּען גלייך אין די הענד, איינער האָט זיך פֿערפּלאָנטעט אין צווייטען און געפֿאַלען.

ווען דער פּלוימענרעגען האָט אויף אַ מינוט אויפֿגעהערט, האָט פּאַראַסקע פֿון צווישען די בלעטער אַרויסגעשטעלט אַ לאַכענדיג פּנים מיט צוויי שורות אויסגעשטשערטע ווייסע געזונדע ציין און ווידער גע־

נעבען אַ געשריי „נו"... איהר פּנים האָט זיך ווידער בעהאַלטען צווישען די צווייגען, דער פלוימענרענען האָט ווייטער אָנגעהויבען געהן און דער פריהערדיגער בעש און לויפעניש האָט זיך ווידער אָנגעהויבען.

לעוו אסיפּאָוויטש האָט אין דעם פרעהליכען געפילדער טהייל־גענומען גלייך מיט דעם יונגוואַרג, נאָר ער איז באַלד מיעד געוואָרען, ער האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צו דער נאָהענטסטער גאָרטענבאַנק און זיך געזעצט אָברוהען, האַפענדיג קוים דעם אָטהעם.

— שווער, שווערליך צו פופציג יאָהר נאָכלויפען דעם יונגען דור, האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפץ און געקוקט ווי דער יונגער עולם ווערט ניט מיעד לויפענדיג האַפען די פלוימען.

— עס איז זיך נור צו וואונדערען ווי זי איז געראָטען אין איהר מוהמען גיטעל, איז סאַלאָמאַנאָווען אויפגעקומען אויף דעם געדאַנק, ווען אידא איז נעבען איהם פאַרביי געלאָפען, דערזעלבער וואוקס, די אויגען, די האָר און דיזעלבע יאָהרען... אַזוי געזונד און לעבעדיג ווי גיטעל. דאַכט זיך ערשט נעכטען בין איך אַזוי געלאָפען מיט גיטלען זומער אין וואַלד נעבען דער שטאָדט מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע חֲבֵרים־יונגליך, ערשט נעכטען... -

סאַלאָמאַנאָוו האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד ווי איינער וואָס וויל פערטרייבען שלעכטע געדאַנקען פון וועלכע מען וויל ניט טראַכטען, מען זאָל ניט אַראָב פון זינען.

— גיטעל איז שוין לאַנג געשטאָרבען. האָט ער געזאָגט און זיין פרעהליכקייט איז פון איהם אַוועק.

די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבען זעצען ווען מען האָט געענדיגט רייסען די פלוימען, מאַדאַם סאַלאָמאָנאָוו האָט דעם עולם געבעטען צו טהע.

ווען אַלע זענען געזעסען אויף דער טעראַסע ביים גרויסען סאַמאָ־וואַר זענען אונערוואַרטעט אָנגעקומען אַנאַ, איהר ברודער דער יונגער דאָקטאָר אַסיפ באָריסאָוויטש, זיין חבר אַרקאַדיע מאַרקאָוויטש מיט נאָך אַ פּאָר בעקאַנטע יונגע לייט און פרייליין.

— מיר זענען געוועזען צו גאַסט אין דער געגענד, זענען מיר גע־קומען אייך זאָגען אַז מיר ווילען צוזאַמען פאָהרען צו הויז, האָט זיך אַנאַ מיט דעם ברודער אָנגערופען, אַרקאַדיע האָט פאָרגעלעגט מען זאָל נאָך געהן אַביסיל פאָהרען אויף אַ לאָדקע. די לעצטע קאַנקאַ געהט

ערשט אַוועק עלף אַ זייגער, די פאַמיליע סאַלאָמאַנאָוו האָבען פראָטעסטיערט וואָס מען וויל ביי זיי צונעמען זייער גאַסט, נאָר אידאַ האָט געזאָגט אַז זי איז מיעד, אַז זי וויל שוין געהן צו הויז, זי האָט אַ גאַנצען טאָג גאָר ניט געטהון, זי גרייט זיך צום עקזאַמען, זי וועט נאָך היינט לערנען. זי איז שוין דאָ עטליכע וואָכען און האָט נאָך גאָר ניט בעוויזען, זי הוליעט, געהט אַרום ליידיג, ווי גלייך יעדען טאָג איז יום־טוב.

אַלע האָבען זיך צולאַכט פון דער פראָווינציאַלקע.

— שוין זשע האָט איהר היינט ביי אונז שלעכט פערבראַכט? האָט לעוו אָסיפּאָוויטש זי געפרעגט.

— זעהר גוט פערבראַכט, צו גוט פערברענג איך דאָ. נאר אויף אַ מינוט פערגעס איך ניט ווי עס פערבריינגען די צייט אין לאַזוראָווע מיינע אייגענע און בעקאַנטע.

— צו וואָס, אידאַ, פלוצים אַזוינע טרויעריגע רעד, ווען מיר זענען אַלע אַזוי פרעהליך, האָט אַנאַ זיך אָנגערופען, ווען מיר פערבריינגען איצט אַזוי גוט. עס פאַסט גאָר ניט פאַר דיינע יאָהרען, דאָס פאַסט אויף דער עלטער ווען מען איז שוין אַלט זיבעציג יאָהר, כ'לעבען, אידאַ, עס איז שוין צייט ווערען אויס „פראָווינציאַלקע".

— דאַכט זיך אַז איך וועל קיין מאָל זיך ניט בייטען, איך וואָלט זיך געוואָלט איבערבייטען אויף בעסערס און צוליעב דעם בין איך פון לאַזוראָווע אַוועקגעפאָהרען, נאָר דערווייל האָב איך דאָס בעסערס ניט געפונען.

— מיר וועלען זי אַרויסשיקען פון פעטערסבורג, זי זידעלט אונז אַלע, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מיט אַ געלעכטער... וועלען מיר ערגיץ געהן? אַזאַ שענער אָבענד.

עס האָט זיך געענדיגט דערמיט, אַז אַלע זענען געגאַנגען קוקען ווי מען שיפט זיך מיט לאָדקעס.

אויף דעם וועג האָט לעוו אָסיפּאָוויטש געזאָגט אידאַן:

— די וועלט וועט איהר ניט איבערמאַכען, ווען עס לעבט זיך — לעבט זיך, און ווען עס וויינט זיך — וויינט זיך, איך אין אייע־ע יאָהרען האָב אויך אַזוי געטראַכט ווי איהר און האָב גאָר ניט אויסגעפיהרט, איך האָב ניט נור ניט געקענט העלפען יענעם, נאָר זיך זעלבסט קען איך אויך ניט העלפען. —

— ווען איהר האָט ניט געקענט אָדער איהר זענט ניט פֿעהיג גע־וועזען אויסצופֿיהרען וואָס איהר האָט געוואָלט, פֿאַר וואָס זשע סטאַרעט איהר זיך אָבשלאָגען פֿון מיר דעם חֵשֶק אויסצופֿיהרען וואָס איך וויל. איך פֿערשטעה אַליין אַז עס קען זיין, דאָס מיין אַוועקפֿאָהרען פֿון דער היים איז אפשר אומזיסט, עס קען זיין אַז איך וועל גלייך ווי איהר גאָר ניט אויספֿיהרען פֿאַר יענעם. אָבער פֿאַר זיך וועל איך געוויס אויספֿיה־רען, מיט זיך קען איך טהון וואָס איך וויל, און גלויבט מיר אַז איך וועל אַזוי נאַריש ניט לעבען ווי איהר דאָ. פֿון דעם וואָס איהר מאַכט זיך פערגעניגען איז ביי מיר כְּלָל ניט קיין פֿערגעניגען, ביי מיר זענען דאָ אַנדערע פֿערגעניגען אין לעבען. ווען יעדער פֿון אונז זאָל זיך סטאַרען זיין אַ מענש, לעבען און זיך פֿיהרען ווי אַ מענש, דאַן וואָלט שוין יעדען געוועזען גוט, דאַן וואָלטען אַזוי פֿיעל קאַליקעס ביי אונז ניט געוועזען. ווען מיט מיין אַוועקפֿאָהרען פֿון לאַווראָווע וועל איך נור אויספֿיהרען דאָס איך וועל קיין אייביגער קאַליקע ניט בלייבען, וועל איך שוין אויך זיין צופֿריעדען.

— די פֿריילין ליפשיץ איז זעהר אינטערעסאַנט, האָט זיך פלוּ־צים אָנגערופֿען אַרקאַדיע מאַרקאָוויטש, זי איז אָריגינאַל, אַזוינע געפֿעלען מיר שטענדיג.

אידאַ האָט איהם געענטפֿערט דאַרויף און ווייטער גערעדט מיט לעוו אַסיפּאָוויטשען, נאָר אַנאַ האָט איהם דערויף געזאָגט:

זי געפֿעלט אייך, ווייל זי איז אַ שען פֿריילין, ווען זי זאָל ניט זיין שען, וואָלט איהר אַנשטאַט „אָריגינאַל" זי אָנגערופֿען „משוגענע", שענקייט פֿערדעקט אַלעס. איך ווייס אַז זי געפֿעלט אייך פֿון דעם ער־שטען טאָג אָן, זייט איהר האָט זיך מיט איהר בעקענט ביי אונז אין הויז.

— ווּעמען געפֿעלט זי דען ניט? האָט געזאָגט אַנאַ'ס ברודער אפילו איהרע נאַרישע רעד פּאַסען איהר, דאַן קומט זי אויס קינדעריש שען.

— און מיינט ניט אַז אידאַ רעדט שטענדיג נור נאַרישקייט, האָט אַרקאַדיע מאַרקאָוויטש געזאָגט, וויפֿיעל אמת, וויפֿיעל געפֿיהל, וויפֿיעל ליעבע צו יעדען און וויפֿיעל ניי לעבען געפֿינט זיך אין דעם מיידיל פֿון דעם קליינעם שטעדטיל.

— ווי איך זעה ביזט דו אין איהר נאָר פֿערליעבט, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— איך ? אָ שוין לאַנג, נאָר איך ווייס אַז עס זענען אומזיסט מיינע האָפענונגען. איך קען אַזוינע נאַטורען.

— איך זעה אַז די מיינסט עס גאַנץ ערנסט, נאָר ווייסט דו אַז זי איז אָרים.

— איך ווייס, נאָר איך דאַרף ניט האָבען איהר געלד, איך וואָלט זיך גערעכענט פאַר זעהר רייך, ווען איך זאָל קענען זאָגען אַז זי איז מיינע.

— יעדער האָט זיך דאָס רעכט צו זיין מְשוּגָע ווי יעדער וויל, נאָר איך וועל פון די דרייסיג טויזענט רובל נַדַן ניט אָבלאָזען אַ קאָפּיקע, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט קלאַפּענדיג ווי אַ סוחר אין די קעשענעס, זי מעג אפילו אַזוי זיין שען ווי אידא. — ווינציגער אַ קאָפּיקע נישט. . .

אַנאַ האָט זיך פון ברודערס ווערטער זעהר צולאַכט. ווען ניט דער איצטיגער גערעכטער, וואָלט זי זיך אפשר צוּוויינט, ווייל די טרעה־רען האָבען זי שוין לאַנג געשטיקט ; אַרקאַדיע אויף וועלכען זי האָט לאַנג געהאָפט, וועלכען זי האָט מיט איהר גאַנץ לעבען ליעב געהאַט, אָט דער אַרקאַדיע האָט זיך ניט געשעמט פאַר איהר אין די אויגען אַזוי רע־דען וועגען אידאַן. אֶמֶת ער האָט איהר מיט קיין איינציג וואָרט ניט געגעבען, ער האָט איהר ניט געגעבען קיינע האָפענונג, ער איז געווע־זען איהר ברודערס אַ שול־פריינד, יאָהרען לאַנג קומט ער צו זיי אין הויז, און ווען אַרקאַדיע פלעגט נור קומען, פלעגט אַנאַ פון איהם שוין ניט אָבטרעטען, נאָר ער האָט געקוקט דערויף ווי אויף אַלטע פריינד־שאַפט. דאָס אַלעס האָט אַנאַ ניט איין מאָל גוט בערעכענט און איהם ניט געקענט בעשולדיגען. ביז יעצט האָט זי אידאַן מְקַנֵא געווען וואָס זי געפעלט אַרקאַדיען מעהר ווי זי, נאָר אין דער מינוט האָט זי אידאַן פיינד געקריגען, אַ דַם שׂוֹנֵא געוואָרען ; ווען זי זאָל ניט געווען קומען און ניט זיין בעקאַנט מיט איהם, וואָלט זי נאָך געקענט האָפען...

אויף לאדקעס האָט מען זיך דעם אָבענד ניט געשיפט, אַנאַ האָט זיך פלוצים דערפון ענטזאַגט, אידא האָט אויך ניט געוואָלט, דער גאַנ־צער עוֹלָם האָט געשפּאַצירט ביים ברעג און געקוקט ווי אַנדערע שיפען זיך און ווי איינינע יאָגען איבער די אַנדערע, אַרקאַדיע מארקאָוויטש האָט דעם אָבענד ניט אָבגעטרעטען פון אידאן, אין דער שטילער זומער־נאַכט האָט מען געהע״ט פרעהליכע געלעכטער און ווי די וויעסלעס פון די לאדקעס האָבען אַלע מאָל גרינג געפאַטשט איבער דעם וואַסער.

אידא איז פֿרעהליכער געוואָרען, סאַלאָמאָנאָוו האָט זיך געפּריווט איהר דערווייזען אַז זי וועט דאָ גאָר ניט אויספֿיהרען און אומזיסט איז זי פֿון צו הויז אַוועקגעפֿאָהרען, נאר ענדליך האָט זי איהם איבערגערעדט און ער האָט איהר צוגעזאָגט אין אַלעס איהר מיטהעלפֿען ווי איין אייגע־נער פֿאָטער. ער האָט זי געבעטען אין גאַנצען איבערפֿאָהרען צו איהם אויף דער דאטשע, און ווען ניט דאָך לְכָל הַפָּחוֹת עפֿטער קומען.

אידא פֿיהלט זיך איצט גליקליך, זי איז איצטער ניט קיין פֿרעמדע, איהרע עלטערען וועלען זיין רוהיג און זי? — זי וועט לערנען און לער־נען. און דערנאָך? דערנאָך איז איהר פֿאַנטאַזיע געפֿלויגען פֿאָרויס אויף צוואנציג דרייסיג יאָהר שפּעטער. ווען הירשעל האָט זי בֶּאֱמֶת ליעב, וועט ער, וואָס פֿערמאָגט עטוואָס פֿעהיגקייטען, וועט ער אויך אויפֿהערען זיין אַ לעדיגגעהער, זיך עפּיס אויסלערנען, ווערען אַ מענש; ער וועט ארבייטען און פֿערדיענען, זי וועט עפֿענען אַ אומזיסטיגע שולע אין לאַוראָווע, און ווען איהר מאַן וועט זיין רייך וועט ער מאַכען פֿאַבריקען פֿאַר יודישע אַרבייטער און פֿון יודישע קאַליקעס וועלען ווערען מענשען. זי און די אַלע מענשען וואָס וועלען ווערען שפּעטער, וועלען שוין וויסען ווי צו ערציהען קינדער, אַז זיי זאָלען אויסוואַקסען מענשען, ניט קיין קאַליקעס.

אין איהר יונגער פֿאַנטאַזיע האָט זיך אידא געזעהן אין צוואנציג דרייסיג יאָהר שפּעטער, ווען איהר מאַן וועט פֿון זיינע פֿעהיגקייטען בע־רייכט ווערען: אַ גרויסער פּלאַץ, טויזענד קלאַפֿטער די לענג, פֿינפֿהונדערט קלאַפֿטער די ברייט, דעם גאַנצען פּלאַץ רינגעלט אַרום אַ שטיינערנער פּאַרקען, אין מיטען שטעהען פֿאַבריקען מיט אַ לאַנגען הויכען רויטען קוימען, וואָס עס איז קוים צו דערגרייכען זיין הויך מיט דעם אויג, ניט ווייט געפֿינען זיך אַ סך געביידען וואָס מען ברויכט האָבען צו דער אַרבייט. אין דער לינקער זייט זענען אויסגעבויט פֿערשיעדענע וואָהנונגען פֿאַר די טויזענטער יודישע אַרבייטער, אין דער רעכטער זייט אַ שפּיטאל פֿאַר קראַנקע, אַ שולע פֿאַר די אַרבייטערס קינדער, איהר מאַן וועט פֿיהרען די פֿאַבריק און זי וועט איהר גאַנצע צייט פֿערברייננגען מיט דער שולע און מיט דעם שפּיטאל, אַזוי פֿיעל אַרבייט! אַזוי פֿיעל אַרבייט וועט זי האָבען, און אַרבייטען האָט זי ליעב, אין אַרבייטען איז איהר לעבען, ווי גליקליך וועט זי דאַן זיין! איהר פֿאַנטאַזיע איז נאָך ווייטער געפֿלויגען... נייע אַרבייט... וואו נעמט מען נור אַזוי פֿיעל צייט...

— וואָס פֿאַר אַ זעלטענע שענע נאַכט איז היינט. האָט ארקאדיע זיך אָנגערופֿען, זעהט נור ווי שען דער הימעל איז, די בוימער, דער טייך — אַלעס לעבט, אַלעס רייסט זיך צום לעבען, ווי גוט דאָס לעבען איז!

— זעהר גוט, עס איז מיר אַזוי גוט... אַזוי גוט... איך בין גליקליך...

— איהר זאָגט עס? האָט ארקאדיע פֿערוואונדערט געפֿרעגט. אידא האָט זיך ווי פֿון אַ זיסען שלאָף אויפֿגעהאַפּט.

— דאָס הייסט, איך וועל דאַן זיך גליקליך פֿיהלען ווען טאַקע אַלע וועלען לעבען.

— טאַקע ווייטער און ווידער מוזט איהר רעדען מיט אַזאַ שפּראַך וואָס קיינער רעדט ניט, וואָס קיינער פֿערשטעהט ניט, איהר רעדט נור מיט רעטעגישען און דער אַנדערער דאַרף זיך שטויסען און טרעפֿען וואָס איהר מיינט, ווער לעבט דען ניט? אַלעס וואָס עס איז בעשאַפֿען אויף דער וועלט לעבט.

— ערשטענס, ארקאדיא מארקאוויטש, דאַרפֿט איהר וויסען, אַז איך רעד מיט מיין שפּראַך, נאָכקרימען זיך קען איך ניט, איך רעד וואָס איך טראַכט, וואָס איך פֿיהל, איהר זאָגט למשל אַז אַלעס וואָס עס איז בעשאַפֿען לעבט, דאָס איז ניט אֱמֶת. לעבען—לעבט נור גאָר אַ קליינער טהייל און די איבריגע מוטשען זיך, קומען אָב אויף דער וועלט, איבער־הויפּט אונזערע ברידער און שוועסטער אין דער פּראָווינץ — ווי לְמָשָׁל לאווראָווע וואו איך בין געבוירען.

— שוין זשע אַזוי שלעכט לעבט זיך זיי דאָרט?

— שלעכט און ביטער ווי איהר קענט זיך פֿאָרשטעלען, מען שטאַרבט פֿון הונגער, נאר דאָס ערגסטע איז, וואָס 99 פּראָצענט געהען אַרום ליידיג און זייערע קינדער וואַקסען אויך ליידיגגעהער, איך מיט מיין יונגען שׂכל פֿערשטעה ניט ווי אַזוי קען מען זיך פֿיהלען גליקליך, ווען עס געפֿינען זיך אזוי פֿיעל אומגליקליכע ארום זיך. איך וועל זיך פֿיהלען גליקליך נור דאַן, ווען איך וועל אין מיין לעבען אין שטאַנד זיין אָט די אומגליקליכע עטוואָס נוטצען ברייננגען.

— פוסטע פֿאַנטאַזיעס! האָט פּלוצים זיך אַריינגעמישט דער דאָקטאָר, ווער קען אַזוי פֿיעל אומגליקליכע העלפֿען?

— פֿאַר אַנדערע זענען דאָס אֶפְשַׁר פֿאַנטאַזיעס, נאר איך גלויב אַז יעדער קען העלפֿען. ווען יעדען פֿון אונז זאָל עטוואָס אָנריהרען דעם צווייטענס לאַגע, וואָלטען אַלע מעהר אָדער ווענינער געהאָלפֿען ווערען. איך בין נאָך צו יונג, איך האָב נאָך ווינציג געלערענט איך זאָל אַייך אַלעס דערווייזען און ערקלערען, נאר איך וועל זיך נאָך לערנען און דאַן וועל איך אייך ווייזען, וויפֿיעל גוטס יעדער אין זיין גראַד קען פֿאַר דעם צווייטען טהון.

— פֿאַנטאַזיעס! האָט דער דאָקטאָר געשריען, אַנאַ האָט געלאַכט פֿון דער פּראָווינציאלקע, ארקאדיע האָט געקוואָלען פֿון איהרע רעד, ווייל זי איז איצטער אין זיינע אויגען געוועזען שענער ווי אַלע מאָל און איהרע אויגען האָבען געלויכטען ווי ברילִיאַנטען. איהרע רעד, וועלכע דער דאָקטאָר האָט אָנגערופֿען „פֿאַנטאַזיעס", האָבען איהר צוגעגעבען אַ בעזונדער חֵן, אַ אונשולדיג קינדערש שענקייט, און לעוו אסיפּאָוויטש האָט זיך פֿון איהרע רעד, וועלכע זי האָט גערעדט מיט אַזאַ פֿייער, מיט אַזאַ פעסטען גלויבען, דערמאַנט אין זיינע יונגע יאָהרען, אין איהר פֿאָטער מיט אַלע חֲבֵרִים, ווען מען האָט אויך אַזוי גערעדט און אַזוי הייליג געגלויבט אין אַלעס.

אַנאַ האָט ניט אָבגעלאָזט די אויגען פון ארקאדיען, ווי ער געהט אידאן נאָך טריט ביי טריט און האַפּט איהר יעדעס וואָרט, זי האָט מעהר דאָס ניט געקענט איבערטראָגען, זי האָט אָנגעהויבען דערמאַנען אַז מען דאַרף שוין פֿאָהרען אין שטאָדט, עס איז שוין שפּעט, זי איז זעהר מיעד. זייער געשפּרעך האָבען זיי איבער אַנען ניט געקענט ענדיגען, באַלד האָט זיך דער עולם געזעגענט און ארקאדיע, אנא מיט דעם ברודער און אידא זענען אַוועקגעפֿאָהרען.

נאָך אָבענד־ברויט ווען אידא מיט אַנען האָבען זיך שוין געפֿונען ביי זיך אין צימער און אידא האָט געוואָלט פֿאַר דעם שלאָף שרייבען אַ בריעף די עלטערען, האָט אנא דערויף געענטפֿערט:

— ווּעסט שרייבען מאָרגען, איך קען ניט שלאָפֿען ביי אַ לאָמפּ.

אידא האָט זי פֿערוואונדערט אָנגעקוקט, זי האָט איהר קיין מאָל ניט געשטערט צו שרייבען ווען זי האָט נור געוואָלט.

אַנא האָט די נאַכט ביי אַ פֿאַרלאָשענעם לאָמפּ אויך ניט געקענט שלאָפֿעי.—

VII

## אין לאַוורָאָווע.

הירשעל האָט איצטער אויך ניט אויפֿגעהערט יעדען טאָג אַריינקומען צו נהמן ליפּשיץ אין הויז, פונקט ווי אין דער צייט ווען אידא איז געוועזען. ער האָט אַלץ געוואַרט און געהאָפּט אויף אַ בריעף אַז זי קומט צו הויז, נאָר אומזיסט. פֿון די בריעף צו איהם און צו איהרע עלטערן האָט ער געזעהן אַז זי טראַכט גאָר ניט פֿון צו קומען אַהיים. איבערהויפּט איז איהם ניט געפֿעלען איהר לעצטער בריעף וואו זי שרייבט צו די עלטערן אַז זי רעכענט זיך פֿאַר גליקליך וואָס זי איז אַוועקגעפֿאָהרען פֿון לאַוורָאָווע, זי אַרבייט, לערענט און זי לעבט מיט דער בעסטער האָפֿענונג אויף דער צוקונפֿט: הירשלען שרייבט זי, אַז ווען זי פֿיהלט זיך גוט, טראַכט זי נור ווענען איהם און ווענען זיין לאַגע; זי שרייבט אַז זי וואָלט זיך באמת געפֿיהלט גליקליך ווען ער זאָל שוין אויך עפּיס אָנהויבען טהון, לערנען, אַרבייטען.

ביי זיין גרעסטען גליק, וואָס ער האָט געהאַט בעקומענדיג פֿון אידאַן בריעף, אין וועלכע ער האָט געפֿונען אַזוי פֿיעל איבערגעבענהייט, טרייהייט און פֿריינדשאַפֿט, פֿלעגט ער זיך פֿיהלען פֿאַר דעם אומגליקליכסטען פֿון איהרע „קינדערשע פלענער”, ווי ער פֿלעגט דאָס אָנרופֿען.

—וואָס וויל זי פֿון מיר? און וואָס ענדליך וויל זי פֿון זיך זעלבסט מאַכען, איך זאָל איצט אין די יאָהרען זיך זעצען לערנען, עפּיס טהון. און וואָס זאָל ווערען פֿון מיר, וואָס זאָל איך פֿון זיך מאַכען,—וויים איך אַליין ניט. ווען זי זאָל דאָס פֿערלאַנגען צוריק מיט עטליכע יאָהר, וואָלט איך איהר צוליעב געטהון, דענסטמאָל וואָלט עס נאָך אפשר געפּאַסט, אָבער ניט איצטער ווען איך בין שוין אַריבער די צוואַנציג יאָהר, ווען מיינע עלטערן פֿערלאַנגען פֿון מיר איך זאַל חתונה האָבען, ווען איך האָב זי אַזוי ליעב... און וואָס וויל זי פֿון זיך מאַכען? אַ לעהרערין, ווי זי שרייבט אַליין, ווען איך וועל אַמאָל זיין אַ בעל־הבית, ווען איך וועל פֿיהרען אַ הויז און האָבען קינדער וועל איך מיט מיין פֿערמעגען קענען האַלטען אַזוינע

דריי גוווערנאַנטקעס, צו וואָס דאַרף זי זיין אַ גוווערנאַנטקע אַז זי קען זיין אַ בעל הבית־טע און האַלטען גוווערנאַנטקעס, לעהרערנס ?

ווען ער האָט אידאן בעגלייט אויף דעם וואַגזאל און זי האָט געזאָגט: „איך פאָהר, אין מוז פאָהרען, ניט דו קענסט מיך דערפון אָבהאַלטען”, איז איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען; איבער איהרע חברת׳עס, מיט וועלכע זי איז געוועזען פערנומען ביים געזייגענען זיך, האָט ער מיט איהר פיעל ניט געקענט רעדען, „איך וועל דיר וועגען אַלעס שרייבען” האָט זי נור געענפערט. באַלד נאָך איהר אַוועקפאָהרען האָט ער געעפענט זיין ביטער האַרץ פאַר איהר שוואָגער חיים׳ען, נאָר ווי פערוואונדערט איז ער געוואָרען אַז חיים האָט געהאַלטען מיט אידאן.

—זעהר קלוג, זעהר גלייך, וואָס זי וויל זיך ניט אַזוי גיך פערשלייערן דעם קאָפּ, האָט ער געזאָגט, זי וועט דאָס גליק קיין מאָל ניט אָנווערען, זי האָט זיך געהאַט פון וועמען אָבצולערנען, זי האָט געזעהן וואָס איהר שוועסטער, מיין פרוי, האָט געמאַכט פאַר אַ גליק, וואָס מען האָט געהאַפּט און זי אַזוי יונג פערשלייערט. ווי שען איז זי אַמאָל געוועזען, ווי גליקליך האָט זי זיך דאַן געפיהלט און ווי זעהט זי איצט אויס ?... מיין האַרץ ווערט מיר צוריסען קוקענדיג אויף איהר, אָבער איך קען גאָר ניט העלפען, חאָטש קענסט מיר גלויבען איז איך האָב מיין פעריל איצטער אויך ניט וועניגער ליעב און בין זיך גרייט פאַר איהר מַקְרִיב זיין ווי דו פאַר אידאן... מיט ליעבע אונ געטריישאַפט אַליין קען מען נאָך ניט מְפַרְנֵס זיין אַ פרוי מיט קינדער און פאַר זיי שאַפען אַ גליקליך לעבען.

—ווער זשע דען קען גליקליך מאַכען אַ פרוי אַז ניט איך איינציגער זון פון רייכע עלטערן ? האָט הירשעל איהם דערויף געענפערט.

—יאָ, דו ביזט אפשר גערעכט, אָבער ווי דו האָסט מיר אַליין דערצעהלט האָט זי דיך געפרעגט איין פראַגע: „וואָס ביזט דו, הירשעל, אָהן דעם געלד ?” דיזעלבע פראַגע האָב איך זיך אין די לעצטע שווערע יאָהרען ניט איין מאָל געפרעגט, נאָר צום בעדויערען איז שוין געוועזען צו שפעט, איך האָב שוין געהאַט דאַן אַ פרוי מיט קינדער. דיזעלבע פראַגע האָט זיך אויך צו שפעט געפרעגט מיין שווער, וואָס האָט זיין וועלט, זיינע יאָהרען פערבראַכט אלס נֶאֱמָן ביי דיינע עלטערן, דיזעלבע פראַגע פרעגען זיך טויזענדער, טויזענדער יודען

אָבער אַלע צו ש פּ ע ט, כמעט יעדער יודישער יונגער מאַן ווען ער נעהמט חתונה האָבען מיינט אַזוי ווי דו איצטער, אַז ער איז באַוואָרענט מיט פּרנסה: אַליין האָט מען אַ ביסל געלד, נדן נעמט מען, אויס־געקליידט איז מען, בעל־הבתישקייט האָט מען. די עלטערן העלפֿען אויך פֿון ביידע צְדָדִים מיט וואָס מען קען נור. אין די ערשטע יאָהרען לעבט זיך טאַקע ניט שלעכט, מען מאַכט אַ געשעפֿט, יעדעס נייע געשעפֿט דרעהט זיך, די הוצאָה איז קליין, דערנאָך ווערט אַ קינד און נאָך אַ קינד, זיי וואַקסען, די הוצאה ווערט גרעסער, די עלטערן אָדער זיי זענען שוין אין דער צייט מעהר ניט דאָ, אָדער זיי ווערען מיעד העלפֿענדיג, עס וואַקסען שוין ביי זיי אונטער אַנדערע קינדער וואָס מען דאַרף העלפֿען. דאָס געשעפֿט מוז מען טרייבען גרעסער עס זאָל מעהר איינברייגגען, און מען טרייבט אַזוי לאַנג דאָס געשעפֿט ביז עס מוז פֿאַלען. ערשט דאַן פֿרעגען מיר זיך „וואָס זענען מיר אָהן דעם געלד?“ דאָס הייסט, צו וואָס זענען מיר פֿעהיג אָהן געלד? און פֿעהיג זענען מיר צו קיין זאַך ניט. שטעל זיך פֿאָר אַז מיר קענען אפילו ניט זיין קיין פֿעהיגע סוחרים... האָטש מסחר איז ספּעציעל אַ יודישער פֿאַך, און קיינער זאָגט אונז ניט אָב אין פֿעהיגקייטען אין מסחר. עס איז אָבער אַ גרויסער טעות; ווען מיר זאָלען ווירקליך זיין פֿעהיגע סוחרים, וואָלט דער מסחר אַנדערש ביי אונז געשטאַנען און עס קען זיין אָז עס וואָלט זיך דאַן אַזוי ביטער ניט געלעבט.

—מיט וואָס איז מיין פֿאָטער אַזאַ שלעכטער סוחר?

—ערשטענס רעד איך ניט פֿון דיין פֿאָטער, איך רעד בִּכְלָל. דיין פֿאָטערס געשעפֿטען האָט נאָך אָנגעדרעהט דיין זיידע, דער עלטער זיידע מיט די אמאָליגע מעטאָדעס וועגען מסחר, און דיין פֿאָטער, דרעהט זיי מיט דעם זיידענס מעטאָדעס, איך גלויב אַז דיין פֿאָטער ביי זיינע אַלע גרויסע געשעפֿטען, האָט קיין בעגריף ווי צו זיין אין דער היינטיגער צייט אַ סוחר... ער קען האָבען אַ סך געלד, גוטע אָדער שלעכטע געשעפֿטען, איך בין ניט קלאָר אין זיינע געשעפֿטען נאָר אַ סוחר איז ער ניט...

נאַריש זענען ביי הירשלען אויסגעקומען חיים'ס ווערטער, זיין פֿאָטער איז דער קליגסטער און פֿיינסטער סוחר אין שטאָדט — ער האָט געשעפֿטען מיט וואַרשא, מיט פּעטערסבורג, ער בעגעגענט זיך אין דער וועלט מיט די לייטעשסטע סוחרים, און דאָ קומט ציגע'ן

אזא פוסטע פאסנעק ווי חיים, וואס איז געוועזן א סוחר ווי מען זאגט „דריי טעג מיט א מיטוואך" און פערלארען דאס געלד, און זאגט אז אלע יודען קענען שוין קיין פעהיגע סוחרים זיין און מיין פאטער אויך ניט.

שפעטער, ד. ה. נאך אידאס לעצטען בריעף, וואו זי שרייבט אז זי רעכענט זיך פאר גליקליך וואס זי איז אוועק געפאהרען פון לאווראווע האט הירשעל געעפענט זיין הארץ פאר אידאס מוטער פעסיע.

זי האט זיך צווויינט פון גרויס גליק, הירשלען פאר איין איידעם, ר' קלמן לאוויצער פאר א מחותן און ווער שמועסט נאך שרה־פייגען פאר א מחותנת'טע — וואס קען נאך זיין פאר א גרעסער גליק.

הירשעל האט איהר דערצעהלט ווי ער „שטארבט" נאך איהר טאכטער, ער וויל פאר איהר א חתן ווערען, ער פערלאנגט ביי איהר קיין גראשען נדן, אפילו מארגען וואלט ער געשטעלט די חופה, און ווי זי וועט זיין גליקליך ביי איהם, ער וועט זי נור טראגען אין זיידען און אין סאמעט, אלע טייערע זאכען וועט ער פאר איהר קויפען, צו די תנאים וועט ער איהר שיינקען א פאר בריליאנטענע אוירענגליך און זיין מוטער האט שוין אנגעגרייט פאר זיין כלה א ציטערשפילקע געזעצט מיט 24 שטיינער.

פעסיע האט זיך אויסגעוויזען, אז זי הערט די ווערטער אין חלום. ווען זי האט זיך אויסגעוויינט האט זי הירשלען געזאגט.

— איך בין עס ניט ווערט ביי דעם וואס לעבט אייביג, איך וועל זאגען נחמנ'ן און מיר וועלען שרייבען, זי זאל קומען צופאהרען איהר זאלט פריהער איבעררעדען צווישען זיך און רעדען מיט דיין טאטען אין מאמען און אויב עס איז אנגעצייכענט פון זיין ליעבען נאמען, וועל איך אודאי זיין גליקליך זעהן מיין אידאטשקען פאר א שנור ביי שרה־פייגען.

— איך האב שוין גערעדט מיט איהר פאר איהר אוועקפאהרען.

— שוין גערעדט, פארוואס זשע איז זי אוועקגעפאהרען? האט פעסיע פערוואונדערט געפרעגט און טרויריג געווארען.

— איך ווייס ניט פאר וואס, זי האט געזאגט אז פאהרען מוז זי, נאר זי וועט מיר פון אלעס שרייבען.

נחמן, ער איז אין אלעמען שולדיג, אט דעם אלטען נאר קענען די קינדער אויף דעם פייער ארויספיהרען, זיי געהען מיט'ן קינדערשען

שכל און ער מיט די גרויע האָר גערט זיי נאָך. איך האָב אָבער גע־זאָגט, געשריען און געוויינט זי זאָל ניט פֿאָהרען, ווי מיין הארץ האט מיר געזאָגט אַז זי דאַרף ניט פֿאָהרען. נאָר איך וועל איהר שרייבען זי זאָל באַלד קומען, איך וועל איהר דעפעשירען; און זי וועט באַלד קומען. וואָס מיינען זיי, איך וועל אַלץ נאָכגעהן זייערע קעפּ, אַזוי אַרט מיך ניט, זאָלען זיך קינדער נאַריש מאַכען, זאָלען זיי ניט פֿאָלגען דער מאַמען, אָבער ווען עס קומט די גוטע שעה אַ קינד צו לייטען מאַכען, דענסטמאָל בין איך אַ מאַמע, ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר. ער מיינט איך וועל אַלץ נעהן נאָך זיין קאָפּ נאָך, פֿראָ איהם וואָלט נאָך פעריל עד היום געזעסען אַ מויד. אַז עס קומט אַ קינד חתונה צומאַכען דאַרף איך איהם שיקען אַ חתונה־בילעט גלייך ווי אַלע געבעטענע געסט, וועט ער קומען אויף דער חתונה. ביי פערעלען איז אַזוי געווע־זען, און אי״ה ביי אידאטשקען וועט אויך אַזוי זיין, איך וועל גאָר ביי איהם ניט פֿרעגען, איך בין ב״ה אַ מאַמע ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, איך האָב אויך אַ דעה... וויפּיעל האָט מיך געזונד געקאָסט ביז איך האָב אידאטשקען אויסגעהאָדעוועט, וויפּיעל בלוט האָב איך פֿער־גאָסען, ניט איצט געדאַכט מאָזלען, פּאָקען־שטעלען, שקאַרלאַטינע, שקרופּעל, מאַנדלען אין העלזיל, ווער קען זיך דען אָנגעדענקען? ווער איז די נעכט איבער איהר ניט געשלאָפֿען? איך מיט מיינע טרעהרען האָב זי יעדעס מאָל אויסגעבעטען ביי דעם וואָס לעבט אייביג... איך וועל איהר באַלד שרייבען, איך וועל דעפעשירען.

פון דער צייט אָן האָט זיך הירשעל בעסער געפֿיהלט און גע־צעהלט די טעג ווען אידאַ וועט קומען.

— איך וואָלט נור געוואָלט אַז ביי מיר מיט אידאן זאָל מען שרייבען ווי צום ניכסטען תנאים, די חתונה מעג זי אָבלענען ווען זי וועט וועלען, פֿלעגט ער זאָגען אידאַס מוטער, מיינע עלטערן מיט זייערע שדכנים זאָלען מיר ענדליך אויפֿהערען דולען אַ קאָפּ מיט זייערע שידוכים. די לעצטע צייט לאָזען זיי מיך נאָר ניט לעבען, איך זאָל פֿאָהרען אָנקוקען".

— פֿאַר וואָס זאָלסט די זיי ניט דערצעהלען גלייך ווי מיר.

— צו וואָס דאַרף איך זיך מיט זיי דערווייל קריגען.

— קריגען זיך? האָט פעסיע געפֿרעגט דערשראָקען, דאָס וויל איך ניט, מיינע קינדער ב״ה דאַרף איך ניט אָנטואַ־פּען. איך האָב מיך

געלויבט זיין ליעבער נאָמען, מיט זיי ניט וואָס צו שעמען. וואָס איז באַשערט איז באַוועררט. קריענען זיך דאַרף מען ניט און טאַטע מאַמע דאַרף מען פאָלגען.

— ווען מיינע עלטערן וועלען ניט וועלען וועל איך ניט חתונה האָבען, ווען ניט מיט אידאַן, וועל איך קיין מאָל ניט חתונה האָבען.

פעסיע האָט אידאַן ניט דעפעשירט, נאָר וועגען דעם אַ לאַנגען ריעף געשריעבען און געבעטען זי זאָל קומען אַ היים, ווי צום ניכסטען."

נחמן האט דער טאָכטער אויך אַ גרוס צוגעשריבען, אַז אין די זאַכען מישט ער זיך ניט, דאָס איז דער מאַמעס געשעפט, און זיין גאַנצער צוועק אין לעבען איז נור, אַז זי זאָל זיין גליקליך און ער זאָל זי האָבען נאָהענט נעבען זיך.

הירשעל האָט זיך געפיהלט גליקליך, ווען ער האָט זיך דער־וואוסט אַז אידאַס עלטערן האָבען איהר געשריעבען אַז זי זאָל ווי צום ניכסטען קומען צו הויז. ער האָט געוואוסט אַז אידא איז איבער־געבען אין שעצט איהרע עלטערן און וועט זיי פאָלגען. ער האָט געצעהלט די טעג ווען עס וועט פון איהר זיין אַ ענטפער דאָס ז פאָהרט אַרויס.

נאָך מעהר האָט ער זיך דערפרעהט ווען זיין פאָטער האָט איהם געזאָגט:

— הירשעל! דו זאָלסט היינט אַבענד זיין צו הויז, איך האָב מיט דיר וועגען אַ וויכטיגער זאַך צו רעדען.

זיין האַרץ האָט איהם געזאָגט וועגען וואָס זיין פאָטער ווי' מיט איהם רעדען, געוויס וועגען אַ שידוך. זיין מוטער פלעגט אָפּט מיט איהם רעדען וועגען שידוכים, דער פאָטער פלעגט וועגען דעם ענין וועניג רעדען מיט איהם, זיין מוטער פלעגט אָפּט זיך ווענדען צו איהר מאַן.

— קלמן! וואָס וועט זיין דער סוף, דיך אַרט גאָר ניט ווי גלייך דו ביזט קיין טאַטע, האָסט מעהר ניט אין זינען ווי געשעפט און גע־שעפט און ווען מען דאַרף אַ קינד חתונה מאַכען ווילסט דו גאָר ניט וויסען, ווי גלייך עס איז ניט דיין קינד. קומט אַמאָל אַ שדכן שיקסט די אָב צו מיר. וואָס קען איך, אַ יודענע, רעדען און וויסען, ביי מיר זענען אַלע שידוכים גוט. אַבי עס זאָל נור זיין מיט מזל; ווי נעמט זיך ניט אַמאָל אַ טאַטע צייט אויסצופרעגען וועגען אַ שידוך וואָס מען

לעגט פֿאָר אַז עס זאָל ווערען אין אַ גוטער שעה. אליך טאָג מיט נאַכט פֿערטראָגען אין געשעפֿטען און וועגען קינדער צו לייטען ברייננען ווילסט דו ניט טראַכטען.

דאַן פֿלעגט קלמן לאַוויצער צוזאָגען זיין ווייב אַז ביי זיין ערשטער רייזע וועט ער זיך דערפֿרעגען וועגען אַ שידוך, און דערמיט פֿלעגט זיך ענדיגען. הירשעל פֿלעגט פֿון אַזאַ ענדע זיין זעהר צופֿריעדען, קיינער האָט איהם דערווייל ניט געשטערט צו האָפֿען אויף אידאַן. נאָר איצט, אַז זיין פֿאָטער האָט איהם געזאָגט אַז ער האָט מיט איהם צו רעדען וועגען אַ וויכטיגער זאַך, איז ער געבליבען זעהר צופֿריעדען, געוויס וויל ער איצט רעדען ערנסט וועגען אַ שידוך, אויף וועלכען ער האָט זיך אין זיין לעצטער רייזע דערפֿרעגט, איצט קען מען מעהר די זאַך ניט אָבציהען, איצט איז דער בעסטער צופֿאַל איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל זיינע עלטערן אַלעס דערצעהלען, זאָל זיין וואָס עס וויל זיך זיין.

—אַז מיינע עלטערן וועלען ניט בעשטעהן אויף דעם שידוך, וועלען אידאַס עלטערן אויך ניט וועלען. „מיט מיינע קינדער דאַרף איך זיך ניט אָנוואַ־פֿען, איך האָב זיך מיט זיי ניט וואָס צו שעמען“, האָט הירשעל זיך דערמאַנט אין פעסיעס ווערטער, און ער האָט ביי זיך פֿעסט בעשלאָסען, אַז ווען זיינע עלטערן וועלען ניט בעשטעהן מיט זייער בעסטען ווילען צו טהון אַ שידוך מיט נחמן ליפשיץ, וועט ער זיי זאָגען אַז מען זאָל איהם מעהר קיין שידוכים ניט רעדען. אידאַ אָדער קיינע ניט.

*

ווען קלמן לאַוויצער האָט אין אָבענד אַריינגערופֿען זיין זוהן צו זיך אין צימער, האָט הירשעל זיך דערשראָקען פֿאַר זיין געזיכט, ער האָט זיין פֿאָטער קיין מאָל אַזוי ניט געזעהן פֿערזאָרגט און אַזוי ערנסט—„ניין, ניט וועגען אַ שידוך וויל ער מיט מיר איצטער רעדען“, איז הירשלען אויפֿגעקומען אויף דעם געדאַנק, נאָר אויף זיין פֿאָטערס געזיכט האָט זיך באַלד געוויזען אַ געצווייטער שמייכעל, און אין זיינע אויגען האָבען זיך ניט ווילענדיג געשטעלט טרעהרען. הירשעל האָט זיך מעהר צוגעקוקט אין זיין פֿאָטערס געזיכט און האָט איצט בעמערקט ווי זיין באָרד איז אין דער לעצטער צייט שטאַרק גרוי געוואָרען און די קנייטשען אויף דעם שטערן וועגען טיעפֿער. אַ אונ־

געהוירע ליעבע און ערגעבענהייט האָט זיך איצט נעוויזען ביי הירשלען צו זיין פֿאָטער, און ער האָט געפֿיהלט ווי ער איז איצט מיט קיין זאַך ניט אין שטאַנד אָבצוזאָגען זיין פֿאָטער און ווער שמועסט איהם נאָך מיט עפּים מְצַעֵר זיין, ער האָט געפֿיהלט מיט זיינע אַלע אברים וי ער איז איצט גרייט זיך מַקְרִיב זיין אום צו פֿערגרינגערן זיין פֿאָטער, זיין באָרד זאָל אַזוי ניך ניט גרוי ווערען און די קנייטשען אויף זיין געזיכט זאָלען זיך ניט פֿאַרגרעסערען, נאָר וואָס איז דאָ געשעהן? מיט וואָס קען ער איהם דען העלפֿען, זיין פֿאָטער האָט איהם קיין מאָל פֿון קיין שלעכטע זאַכען ניט דערצעהלט, געוויס איז ניט פֿאָרגעקומען קיין שלעכטס, וואָס זשע זעהט ער איצטער אַזוי אויס און ווענען וואָס וויל ער מיט מיר רעדען?

—וואָס איז מיט דיר, טאַטע? האָט הירשעל געפֿרעגט זיך ניט קענעדיג דערוואַרטען ביז זיין פֿאָטער וועט אָנהויבען רעדען, ווענען וואָס האָסט דו מיך גערופֿען?

—וואָס זאָל זיין מיט מיר, געלויבט גאָט, וואָס זעהסט דו דען אזוינס אויף מיר?

—איך ווייס, דו זעהסט אויס אַזוי שלעכט, וואָלסט זיך בעדאַרפֿט אָברוהען, פֿאָהרען קיין אויסלאַנד. ניט אַזוי אַרבייטען, ניט אזוי פֿיעל געשעפֿטען האָבען.

—ביזט אַודאי גערעכט, מיין קינד. דערויף טאַקע אַרבייט איך מען זאָל זיך אויף דער עלטער קענען אָברוהען. דו זאָגסט איך זאָל האָבען ווינציג געשעפֿטען. איך וואָלט עס אויך געוואָלט, נאָר דו ווייסט דען ניט אַז דאָס איז ניט נעוועגדט אין סוחר, „אָדער דער סוחר האַלט די געשעפֿטען אָדער די געשעפֿטען האַלטען דעם סוחר”. דאָס איז ניט געוועגדט אין מיר, מיין קינד, די געשעפֿטען האָבען מיך ארומגעדרעהט פֿון אַלע זייטען ווי שלאַנגען, און איך קען זיך ניט אויסדרעהען פֿון זיי דענסטמאָל ווען עס ווילט זיך מיר. נאָר לאָמיר, מיין קינד, אַוועקוואַרפֿען די מסחרים און בעסער מיט דיר רעדען ווענען אַ פֿרעהליכערע זאַך, האָט קלמן געזאָגט און אויף זיין געזיכט האָט זיך ווייטער געוויזען א שמייכעל און אַ געגייטע פֿרעהליכקייט. דו ווייסט, הירשעל, אַז היינטיגע וואָך האָב איך זענענדיג אין וואַרשא אָנגעקוקט פֿאַר דיר אַ כלה, און אויב זי וועט דיר אַזוי וואָהל געפֿעלען ווי מיר, וועט דאָס מיט אַלעמען זיין אַ גליקליכער שידוך פֿאַר דיר.

ר׳ שלמה אהרן ווייסענזילבער הייסט דער מחותן, גאַנץ וואַרשאַ קען איהם אַלס אַ לייטישען סוחר און גרויסען גביר. איך אַליין האָב צוריק מיט יאָהרען מיט איהם געהאַט אַ פּאָר געשעפֿטען און קען איהם זעהר גוט, איצט וויל ער טהון מיט מיר אַ שידוך. אַלס קינד האָט ער דיך אַמאָל געזעהן פֿאַרבייפֿאָהרענדיג אונזער לאַווראָווע, מיט איין וואָרט עס איז כמעט אַ היימישער שידוך. דערצו דאַרפֿסט דו וויסען פֿון וואָס פֿאַר אַ גרויסען יחוס ער קומט אַרויס. מיט זיינע עלטערע קינדער האָט ער געטהון די שענסטע שידוכים, נאָך שבת קענען מיר פֿאָהרען אָנקוקען, הירשעל, און אויב חתן כלה וועלען זיך געפֿעלען, וועט מען קענען שרייבען תנאים למזל, איך האָב זיך מִתְחַיֵב געוועזען דיר געבען פּופֿצעהן טויזענד רובל און ער גיט דרייסיג. אַלזאָ, הירשעל, אי״ה נאָך שבת פֿאָהרען מיר אין אַ גוטער שעה, האָט קלמן געענדיגט, און זיין געמאַכט פֿרעהליכקייט איז פֿערשוואונדען געוואָרען.

הירשעל האָט געשוויגען, דער קאָפּ האָט זיך איהם ווי פֿערדרעהט, אין די אויגען האָט איהם געשווינדעלט. ער קען ניט צוזאַמענגעמען אַלע ווערטער וואָס זיין פֿאָטער האָט גערעדט, ער געדיינקט טר איינציגע ווערטער, ער וויל עפּיס ענטפֿערען זיין פֿאָטער, נאָר ער קען ניט, אָט וויל זיך איהם זאָגען „ניין, טאַטע, איך קען ניט פֿאָהרען“ און איהם דערצעהלען אַלעס, עפֿענען זיין האַרץ, נאָר קוקענדיג אויף גין אַלטען פֿערזאָרגטען פֿאָטער, הויבט זיך איהם ניט די ליפּען, ער אָל קענען אַ וואָרט אויסרעדען.

—נו וואָס שווייגסט דו, פֿאָהרען מיר הירשעל.

—ניין ... טאַטע. האָבען זיך פּלוצים אומבעטראַכט אַרויסגעריסען אַ פּאָר ווערטער.

—וואָס הייסט ניין? האָט קלמן געפֿרעגט דערשראָקען, די כלה קענסט דו נאָך ניט, האָסט זי ניט געזעהן. ווי זשע קענסט די זאָגען אַז „ניין“ ווערסט פֿאָהרען, ווערסט אָנקוקען, ווערסט דו דענסטמאָל וויסען, און אַז זי וועט דיר געפֿעלען, בין איך זיכער. זי איז זעהר אַ שענע, ביי אונז אין לאַווראָווע איז ניט דאָ אַזוינע, דערצו איז זי זעהר געבילדעט, רעדט אויף עטליכע שפּראַכען, זי שפּילט אויף אַ פּאָרטעפּיאַ אַז עס צונעהט זיך אין יעדען אַבר הערענדיג. וואָס האָבען מיר נאָר וועגען דעם איצטער צו טראַכטען, מיר וועלען פֿאָהרען, וועלען מיר זעהן ... נו, אַ גוטע נאַכט! איך האָב נאָך פֿיעל בריעף צו שרייבען,

נחמן וואַרט אויף מיר אין קאַנטאָר, עס איז נאָך דאָ פֿיעל אַרבייט. זעה מאַך דיר גרייט צום פֿאָהרען, טאָמער פֿעהלט עפּיס, גרייט צו. די מאַמע וועט שוין וועגען דעם אַלעמען מיט דיר איבעררעדען. איך האָב מיט דיר וועגען דעם געוואָלט רעדען אין צווייען, די מאַמע וואַרט אויף דיר. האָט קלמן אויף גיך גענענדיגט און איז אַראָב צו זיך אין קאַנטאר אויף דעם ערשטען שטאָק, וואו נחמן ליפשיץ האָט געוואַרט אויף איהם מיט בריעף ער זאָל זיי אונטערשרייבען.

הירשעל איז דעם היינטיגען אָבענד צו דער מוטער ניט געגאַנגען ווייל ער האָט ניט געוואָלט הערען וועגען דעם שידוך, דעם צווייטען טאָג האָט ער זיך אויך געסטאַרעט ניט צו זיין מיט זיינע עלטערן אַליין, אויך איבער דער אייגענער אורזאַכע, אָבער לאַנג האָט ער זיך אין אַזאַ לאַגע ניט געקענט געפֿינען. דערצו האָבען די עלטערן בעמערקט אין זיין געזיכט ווי ער ליידעט פֿון עפּיס. און בֶּאֱמֶת האָט ער די עטליכע טעג פֿיעל געליטען. ביי נאַכט האָט ער ניט געקענט שלאָפֿען, דעם אַפעטיט צום עסעזְ האָט ער אויך אָנגעוואָרען, זיין ליידען האָט זיך אָב־געשפּיעגעלט אויף זיין געזיכט. הירשעל האָט געפֿיהלט אַז ער מוז זיך אויף עפּיס בעשליסען, ער מוז זיך אָפֿען ערקלערען מיט זיינע עלטערן, ער האָט שוין אַליין אָנגעהויבען זוכען אַזאַ צופֿאַל, אויף וועלכען ער האָט לאַנג ניט בעדאַרפֿט וואַרטען.

הירשעל האָט איינמאָל בעמערקט ווי אין זיין פֿאַטערס קאַנטאָר אויף דעם ערשטען שטאָק לייכט זיך שפּעטער ווי אַלע אָבענד, ער איז אַריינגעגאַנגען און מיט גרויס פֿערוואונדערונג דערזעהן ווי זיין פֿאָטער זיצט אַליין און איז פֿערטיפֿט אין אַ קאַנטאָרסקען בוך. ר׳ קלמן לאוויצער האָט ניט בעמערקט הירשעלס אַריינקומען. הירשעל האָט זיך דערשראָקען פֿאַר זיין פֿאָטערס פֿערזאָרגט געזיכט.

— דו ביזט עס, הירשעל, האָט זיך קלמן לאוויצער אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון שלאָף און געמאַכט אַ פֿרעהליכע מינע, וואָס טהוסט דו דאָ אַזוי שפּעט?

— איך האָב געזעהן ווי עס לייכט זיך דאָ, בין איך אַריינגעקומען.

— נו, זעהר גוט, וואָס די ביזט געקומען, איך האָב זיך צושפּעט פֿערזעסען אין קאַנטאָר, דו ווייסט דאָך אַז אויף קיין פֿרעמדע מענשען קען מען זיך ניט פֿערלאָזען, מען מוז זיך אַליין אומקוקען אויף אַלעס. נו, גענוג די געשעפֿטען, וואָס הערט זיך, ביזט דו שוין גרייט מיט דיין

רייזע ? אין אַ פּאָר טעג מיין איך, וועל איך זיך קענען אָברייסען און פֿאָהרען אין אַ גוטער שָׁעָה.

— ניין, טאַטע, איך האָב דאָך דיר דאָס ערשטע מאָל געזאָגט אַז ניין

— עט, נאַרישקייטען, פֿאַר וואָס ניין ? די כַּלָּה האָסט דו נאָך ניט געזעהן, איך בין זיכער אַז זי וועט דיר געפֿעלען.

— זי קען מיר ניט געפֿעלען, טאַטע, ווי שען און געראָטען זי זאָל זיין.

— די ביזט משוגע, צי וואָס ? די ווילסט בלייבען איין אייביגער בָּחוּר ?

— אָ ניין, אַ בּחור וויל איך ניט בלייבען, נאָר איין אַנדערע איז מיר געפֿעלען און אויב איך וועל אַ מאל חֲתוּנָה האָבען איז נור מיט איהר.

— מיט איהר ? איין אַנדערע ? ווער איז זי ? האָט דער פֿאָטער געפֿרעגט ווי דערשראָקען.

— אידאַ... נחמן׳ס טאָכטער... האָט הירשעל קוים אויסגערעדט.

— וועלכער נחמן ?... וואָסער אידאַ ?... האָט קלמן געפֿרעגט ווי צומישט, ניט גלויבענדיג אַז זיין זוהן רעדט עס.

— אונזער נֶאֱמָן נחמן ליפּשיץ וואָס שרייבט בריעף פֿאַר אונזער קאַנטאָר... זיין טאָכטער אידאַ...

— נו, נחמן... אידאַ... איז וואָס ?

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, ווען עס איז מיר באַשערט חתונה האָבען איז נור מיט אידאַן.

— ניין, הירשעל, דאָס קען ניט זיין, דאָס איז ניט מעגליך, דו פֿע־שטעהסט אַליין אַז עס קען ניט זיין, קלמן לאַוויצער מיט זיין [illegible] נחמן ליפּשיץ. די ביזט נאָך אַ יונגיל מיט יונגעלשע געדאַנקען, חאָטש באמת אַ יונגער מאַן פֿון איבער צוואַנציג יאָהר דאַרף שוין היינטיגע יאָהרען ניט אין זינען האָבען אַזוינע נאַרישקייטען.

— ביי מיר איז דאָס קיין נאַרישקייטען, טאַטע; ביי מיר איז אידאַ דאָס גאַנצע לעבען.

— נאר עס קען ניט זיין, פֿערשטעה אַליין הירשעל, אַז עס קען ניט זיין, האָט זיין פֿאָטער אָנגעהויבען מיט גוטען.

— איך פֿערשטעה כְּלַל ניט פֿאַר וואָס עס קען ניט זיין, אידאַ האָט די מאַמע אַליין ניט איין מאָל געלויבט אַז זי איז אַ זעלטען קינד, און דו אַליין ווייסט אויך אַז זי איז אַ פֿיין קינד. נחמן ליפּשיצן קען

יעדער פאַר איין אָרענטליכען מענשען און דו דאַרפסט איהם קענען פאַר אַזוינעם מעהר ווי אַלע אַנדערע, הײנט פאַר וואָס זאָל עס ניט קענען זיין אַז אידאַ זאָל זיין מיין פרוי?

— יאַ, נאַר נחמן איז איין אָרימאַן, זי האָט קיין גראָשען נַדַן, פון וואָס וועט איהר לעבען, סיידען מיט צוויי טאָרבעס אין די הייזער געהן.

— דאַכט זיך, אַז מיט צעהן אָדער פופצעהן טויזענד רובל נדן וואָס דו ווילסט מיר געבען, ברויכט מען ניט אַרומגעהן אין פרעמדע הייזער. אַנדערע יונגע לייט האָבען חתונה און פערמאָגען ווינציגער געלד, זיי לעבען פון דעסטוועגען בַּעַל־הַבַּיִת׳יש. ווען דו טאַטע, האָסט חתונה געהאַט, האָט מיר די מאַמע דערצעהלט, האָט איהר אַ סך ווינציגער פערמאָגט נדן, נו און ניט צו פערזינדיגען. פאַר וואָס זשע זאָל איך דאַרפען געהן מיט טאָרבעס? איך בין אַ יודישער יונגער מאַן גלייך מיט אַלע, איך בין דערצו אַ בֶּן־יָחִיד פון ר׳ קלמן לאַוויצער וואָס שֶׁמ׳ט אין אונזער געגענד פאַר איינעם פון די גרעסטע גְבִירִים, האָט הירשעל געזאָגט מיט אַ פרעהליכען שמייכעל, שוין זשע וועל איך גליקליך זיין ווען מיין כלה וועט מיר געבען נאָך פופצעהן אָדער צוואַנציג טויזענד רובל, איך קען נור רייכער זיין אַבער ניט גליקליכער.

ר׳ קלמן לאַוויצער האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ פּאָר מינוט געשוויגען, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעווישט דעם שטערען, אַרויפגעלעגט זיין האַנד אויף הירשעלס פּלייצע און מיט האַרץ זיך אָנגערופען.

— הער נור מיין קינד, זעהר גלייך וואָס מיר האָבען זיך וועגען דעם צורעדט, איך זעה אַז אין דער לעצטער צייט נעהט מיר ניט מיט קיין זאַך, וואָס איך זאָל ניט פערטראַכטען לאָזט זיך אויס קאַפויר, איך בין צופרידען וואָס ענדליך וועל איך איצט קענען מיט דיר זיך אויסרעדען, איך האָב עס שוין לאַנג בעדאַרפט טהון, נאָר אֶפְשַׁר איז נאָך ניט שפּעט, בעסער פריהער ווי שפּעטער...

און ר׳ קלמן לאַוויצער איז ווייטער שטיל געבליבען, עס האָט איהם אָנגעהויבען שטיקען אין האַלז, טרעהרען האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען, הירשעל האָט זיך דערשראָקען.

— וואָס איז דיר, טאַטע, האָט ער געפרעגט.

— גאָר ניט, מיר איז שווער דיר אַלעס אַרויסזאָגען, נאָר ענדליך מוז איך עס טהון טאַקע צוליעב דיין טוֹבָה, דו רעכענסט אַז איך גיב

דיר פּופּצעהן טויזענד רובל נדן, דו רעכענסט זיך פֿאַר אַ בֶּן יָחִיד פֿון אַ
גביר, דו ביזט גערעכט, דו האָסט קיין שום אורזאַכען ניט געהאַט ביז
איצט אַנדערש צו רעכענען, אָבער איך מיז דיר ענדליך אַרויסזאָגען דעם
גאַנצען אֱמֶת אַז איך בין ניט רייכער פֿון נחמן׳ן, דאָס הייסט אַ סך
אָרימער, ווייל נחמן איז ניט קיין בַּעַל חוֹב.

הירשעל איז נאָך בלאַסער געוואָרען ווי פֿריהער, ער האָט מעהר
ניט געקענט אויסרעדען ווי די ווערטער: „אידאַ האָט מיר אָבער געזאָגט
פֿאַר איהר אַוועקפֿאָהרען...“

— וואָס ברעדעסט דו מיט אידאַן, הער בעסער וואָס איך זאָג דיר,
ווייס אַז דיין טאַטע איז איין אָרימאַן, און נור דער שידוך פֿון ווארשא
מיט אַזאַ גביר ווי אהרן ווייסענזילבער קען מיך אפשר ראַטעווען, און
ווען ניט מיך, וועט דער שידוך דיך געווים ראַטעווען. לאָז האָטש דיר
זיין גוט, דו ווייסט גאַנץ גוט אַז מיינע קינדערס גליק איז מיין גליק,
מיין גאַנצע האָראָוואַניע אין לעבען איז נור געוועזען צוליעב די קינדער.
פֿאַר דיינע שוועסטער האָב איך געטהון וואָס איך האָב נור געקענט,
זיי התונה געמאַכט, ניט געשפּאָרט קיין גרויסען נדן, געטהון די לייטעש־
סטע שידוכים. דער עלטערער געהט ,געלויבט גאָט, דערווייל נישט קָשֶׁה,
די צווייטע שוועסטער זיצט מיט דעם מאַן און קינדער ביי מיר מיט אַלעס
גוטס, איך האָב מיין גאַנץ לעבען אַוועקגעלעגט פֿאַר די קינדער און
דאַרף דיר ניט זאָגען אַז פֿון דיינעט וועגען, מיין בֵּן יחיד, וואָלט איך
דאָס גאַנצע לעבען אַוועקגעגעבען אַבי דיר זאָל זיין גוט, פֿון דיינע
קלענערע שוועסטערליך טראַכט איך שוין גאָר ניט, איך בין פֿאַר דער
צייט אַלט, איך בין שוין מיד... געדיינק אַז דער שִׁידוּךְ מיט אַזאַ גְבִיר
ווי אהרן ווייסענזילבער איז אַ גרויס גליק פֿאַר אונז, פֿאַר דיר. קיינער ווייסט
ניט ווי מיינע געשעפֿטען שטעהען, יעדער מיינט אַז איך בין אַ גְבִיר, אָבער
לאַנג קען דאָס ניט האַלטען, ווען מען וועט זיך דערוויסען, איז אַלץ
פֿערפֿאַלען, דענסטמאָל קומט טאַקע מעהר ניט אויס ווי צו נעהמען טאָר־
בעס און געהן אין די הייזער, און ווען איך טהו דעם שידוך מיט ווייסענ־
ילבערן קען איך נאָך אֶפְשַׁר מיינע געשעפֿטען דרעהען, דערויף בין
איך אַ סוֹחֵר... די שלעכטע געשעפֿטען האָבען מיך אויסגעלערענט שווינד־
לען... איך רעד מיט דיר מיין קינד, גאַנץ אָפֿען, קיין זאַך וועל איך פֿון
דיר ניט לייקענען. הַלְוַאי וואָלט איך מיט דיר געוועזען אָפֿען אַ סך
פֿריהער, וואָלסט דו פֿערשפּאָרט לעבען אין טָעוֹת... מיינע געשעפֿטען

שטעהען שוין לאַנג שלעכט... און די שלעכטע צייטען האָבען מיך ניט ווילענדיג אויסגעלערענט דרעהען און שווינדלען... און האָף נאָך פֿיעל יאָהרען ווייטער אויך אַזוי דרעהען מיינע געשעפֿטען, נאָר שטער מיר ניט און העלף מיר, איך בין שוין שוואַך און מיד, איך ברויך הילף און דו דאַרפֿסט מיר העלפֿען, ווער דען אַז ניט דו? פֿריהער פֿאַר אַלעמע דאַרפֿען מיר פֿאָהרען קיין ווארשא טהון דעם שידוך, איך וועל טאַקע לעגען פֿופֿצעהן טויזענד רובל, גאָטס און פֿרעמדס, פֿון כַּלָּה׳ס צַד וועט מען לעגען דרייסיג טויזענד און דערנאָך... דערנאָך וועל איך דיר שוין זאָגען וואָס מיר האָבען צו טהון. דורך דיין מְחוּתָּן קענען מיר קו־מען צו די גרעסטע געשעפֿטען, און אויך צו אַ נייעם ביליגען קרעדיט. העלף מיר, מיין קינד, העלף צו דרעהען און שווינדלען, וועלען מיר נאָך האַלטען אויף די פֿיס און ניט קומען חַס וְשָׁלוֹם צו שפּאָט און לייטיש געלעכטער, העלף מיר!..

ר׳ קלמן לאַוויצער האָט די לעצטע ווערטער כִּמְעַט אויסגעשריע, ניט אַראָבנעהמענדיג די האַנד פֿון הירשעלס פּלייצע, הירשעל האָט זיך ווי פֿון אַ שלעכטען חָלוֹם אויפֿגעחאַפּט.

— דו רעדסט עס אַזוי, טאַטע, דו ר׳ קלמן לאַוויצער וואָס שֶׁמ׳ט אומעטום פֿאַר דעם אָרענטליכסטען סוֹחֵר, דו, פֿון וועלכען איך האָב קיין מאָל ניט געזעהן קיין שלעכטע זאַך, ניט געהערט קיין שלעכט וואָרטן דו ווילסט ניט אויפֿהערען שווינדלען און דרעהען און ווילסט מאַכען געשעפֿטען אֲפִילוּ מיט דיין איינציגען זוהן׳ס לעבען, איך מיין מיט דעם שידוך וואָס דו ווילסט טהון, מיט מיר, ווילסט דו אויך מאַכען געשעפֿט, שווינדלען און דרעהען און פֿערלאַנגסט נאָך איך זאָל דיר העלפֿען...

— וואָס זשע זאָל איך טהון? די נויט, צָרוֹת, די שלעכטע גע־שעפֿטען, דאָס שטענדיגע דרעהען האָט מיך געבראַכט דערצו, וואָס זשע ווילסט דו, הירשעל, איך זאָל ניט דרעהען, ניט שווינדלען, לאָם איך דאָס אויפֿהערען אויף איין טאָג, אויף איין שָׁעָה, פֿערקויפֿט מען אַלעס וואָס איך פֿערמאָג מיט דער פּויק, און מען וואַרפֿט אונז אַרויס אויף דער גאַס, אַז דו ווילסט אַזוי בעשטעה איך אויך.

— ווען מען וועט אונז אַרויסוואַרפֿען אויף דער גאַס, האָט הירשעל דערויף געענטפֿערט, וועלען מיר אויפֿהערען דרעהען און שווינד־לען, מיר וועלען אַרבייטען, מיר וועלען לעבען ווי נחמן, ווי בעריל און נאָך אַנדערע יודען, זיי לעבען אויך און מיר וועלען אויך לעבען, עס

וועט אונז זיין בעסער אַז מיר וועלען פֿערשפּאָרען דרעהען און שווינדלען.

— נאַריש יונגיל, האָט זיך ר׳ קלמן איראָניש צולאַכט, וואָס וועלען מיר אַרבייטען? ווער וועט אַרבייטען? נחמן קען שרייבען בריעף אויף עטליכע שפּראַך, נחמן קען זיין אַ לעהרער, בעריל איז אַ שוסטער און קען נייען די בעסטע פּאָר שטיוועל, און איך מיט דיר וואָס קענען מיר? וואָס בין איך מיט דיר, הירשעל, אָהן דעם געלד? — קאַליקעס זענען מיר ווי די אַלע אַנדערע טויזענדער יודישע קאַליקעס וועלכע מען בעגעגענט אין אַלע יודישע שטעדט זיך דרעהענדיג אין גאַס, מיט אָבגעריבענע שטעקליך אין די הענד, מיט פֿערשמאַכטע ליפּען, מיט בלאַסע פֿערטרוקענטע געזיכטער, אומגליקליכע קאַליקעס וואָס טויגען ניט צו קיין אַרבייט אין דער וועלט. כָּל זְמַן מיר ,קאַליקעס, האָבען נאָך אייגענע עטליכע רובל, כל זמן מיר קענען נאָך דרעהען און שווינדלען מיט פֿרעמדע עטליכע רובל קען מען זיך נאָך ווי אַזוי עס איז האַלטען אויף די פֿיס, אָט דאָס זענען דאָס מעהר די הייניטיגע יודישע סוֹחֲרִים, אַזוי שטעהט דער הייניטיגער יודישער מִסְחָר...

— איך פֿערשטעה ניט, שוין זשע האָסט דו אייביג גערעדעט און געשווינדעלט, איך וויים אַז דו האָסט אַמאָל בעקומען פֿון יְרוּשׁוֹת אַ סך געלד, האָסט געהאַט גוטע געשעפֿטען און פֿערדיענט פֿיעל געלד.

— אֱמֶת, מיין ניט אַז די וועלט האָט אַ טָעוֹת וואָס זי האַלט דיין טאַטען פֿאַר איינעם פֿון די אָרענטליכסטע סוֹחרים, מיין ניט אַז דיין טאַטע איז אַ געבאָרענער שווינדלער און דרעהער. אמת, איך האָב אַמאָל געהאַט אייגענע קאַפּיטאַלען מיט גוטע געשעפֿטען, איך בין בֶּאֱמֶת געוועזען איינער פֿון די אָרענטליכסטע סוֹחֲרִים, איך האָב ניט געוואוסט וואָס הייסט דרעהען און שווינדלען, אָבער דאָס אַלעם איז געווען פֿאַר אין די אַמאָליגע יאָהרען, ווען עס איז געוועזען צווישען יודען סוחרים מיט מִסְחָרִים, אָבער ניט אין די הייניטיגע יאָהרען ווען סוֹחֲרִים זענען זעהר ווייניג, דאָס מעהר זענען שווינדלער, קאָפּ־דרעהער. וואָס פּאַר אַ סוחרים אַזוי, אימשטיינס געזאָגט, זענען דאָס מעהר הייניטיגע מסחרים.

— מיר איז שווער, הירשעל, מיט איין מאָל דיך צו בעקאָנען פֿאַר וואָס פֿון מיינע געשעפֿטען האָט זיך אויסגעלאָזט אַזאַ טייך און פֿאַר וואָס איך אַליין בין אַזוי געוואָרען. איך בין זיך מוֹדֶה אַז איך האָב שלעכט געטהון וואָס איך האָב דיך לאַנג ניט בעקאָנט מיט מיינע געשעפֿטען, איך האָב דאָס אָבער געטהון נור דערפֿאַר, וואָס איך האָב גע־

וואָלט אַז מיין איינציגער זוהן זאָל אין די יאָהרען ניט האָבען קיין שום זאָרג, אַזוי ווי איך ביי מיינע עלטערען אין דיינע יאָהרען האָב פֿון קיין שלעכטס ניט געוואוסט. איך האָב דיר איצטער אויך כּלל ניט געוואָלט דערצעהלען ווי מיינע געשעפֿטען שטעהן, דו וואָלסט זיך נאָך פֿיעל יאָהרען גערעכענט פֿאַר אַ גליקליכען גְבִירס אַ בֶּן־יָחִיד, דו ווייסט גוט ווי איך האָב קיין מאָל ניט דערלאָזט, דו זאָלסט פֿון עפּיס זאָרג האָבען איך קען גוט דעם מִסְחָר, איך האָב נענוג פּראַקטיקע אַז איך זאָל נאָך פֿיעל יאָהרען מיין סוחריש רעדעל קענען דרעהן, נאר דו ווילסט טהון פּונקט דעם הֵיפֶך ווי איך פֿערלאַנג; דו ווילסט נאָר אַ חָתָן ווערען פֿאַר נחמנ'ס טאָכטער, דו ווילסט מיט דעם שטערען מיינע אַלע פּלענער, בין איך געצוואונגען געוועזען דיר אַלעס דערצעהלען. איך מיט מיין גאַנ'ץ הויז זענען איצט ביי דיר אין די הענד, טהו מיט אונז, הירשעל, וואָס דו ווילסט, מיט היינטינע קינדער, ווייס איך, קען מען זיך ניט קריעגען און עס העלפֿט ניט, טהו ווי די פֿערשטעהסט, הירשעל, נאר איך מוז וויסען אויף וואָס דו האָסט זיך בעשלאָסען.

הירשעל איז געזעסען בלאַס אָהן ווערטער, זיין פֿאָטער האָט גע־קוקט אויף איהם מיד און דערשראָקען.

— איך פֿאָהר, איך פֿאָהר קיין ווארשא, טאַטע, דו און די מאַמע האבען ביז איצט צו פֿיעל גוטס געטהון פֿאַר מיר, איך זאָל זיך ניט וועלען מַקְרִיב זיין פֿאַר אַייך, אֶפְשַׁר וועט זיך דאָ אויך געפֿינען אַ מַלְאָך, ווי ביי אברהם'ן, ווען ער האָט געוואָלט מקריב זיין זיין זוהן יצחק'ן און מיך אויך ראַטעווען ווי איהם,—האָט זיך הירשעל צוויינט ווי אַ קליין קינד.

אין גאַנ'ץ לאַוורעוואָ איז שוין געוועזען פֿינסטער, ווען קלמן לאָוויצער מיט זיין זוהן זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון קאָנטאָר.

ביידע האָבען די נאַכט ניט געשלאָפֿען, הירשעל האָט זיך גע־פֿיהלט ווי איינער וואָס איז פֿערמשפּט געוואָרען צום טויט און וועלכער וואַרט נור ווען עס וועט ווערען טאָג און מען וועט איהם פֿיהרען צו דער תְּלִיָה. אויך קלמן לאָוויצער האָט ניט געקענט שלאָפֿען פֿון די יְסוּרִים, וואָס זיין בן יחיד, וועלכען ער האָט אַזוי ליעב, ליידעט איצט.

—עס וועט איבערגעהן וועט ער מיר דערנאָך דאַנקען, וואָס ער וועט ווערען שלמה אהרן ווייסענזילבערס אַ איידעם,—האָט זיך קלמן לאָוויצער בערוהיגט,—עס וועט איבערגעהן, ער איז נאָך אַ יונגער מאַן, ער וועט זיך נאָך פֿיהלען גליקליך, און מיר וועלען אַלע געראַטעוועט ווערען. הירשעל

איז איהם נאָך ליעבער און טייערער געוואָרען וואָס ער פֿאָלגט איהם, ער געהט ניט אַרויס פֿון טאַטענס רייד, ,גיט אומזיסט וויל איהם ווייסענזיל־בער אַזוי פֿאַר איין איידעם, אַזוינע לייטישע יונגע לייט ווי הירשעל גע־פֿינען זיך ניט קיין סך אַפילו אין אַזאַ גרויסער שטאָדט ווי וואַרשא.

קלמן לאַוויצער איז צום סוף רוהיג און צופֿריעדען געשמאַק אַנט־שלאָפֿען געוואָרען.

---

## VIII.

## פלעטצער.

אין דער גרויסער שטאָדט ווארשא ברענט די ערד — פלעטצער פֿלאַמען, פלעטצער ברענען; נעכטען האָט איינער געקויפֿט אַ פלאַטץ פֿאַר צעהן טויזענד רובל, אויף מאָרגען גיט מען איהם פֿופֿצעהן טויזענד און אויף איבערמאָרגען פֿערקויפֿט מען דעם זעלבען פלאַטץ פֿאַר צוואנציג טויזענד. יודען קויפֿען פלעטצער, יודען ווערען אין איין טאָג רייך. סוחרים, קרעמערס, שיינקערס, פּאָדריאַדטשיקעס, פֿאַבריקאַנטען האָבען אוועקגעוואָרפֿען זייערע געשעפֿטען, זייערע פֿאַבריקען; שיסטער, שניידער, בעקערס און אַנדערע בַּעֲלֵי־מְלָאכוֹת האָבען אוועקגעוואָרפֿען שער און אייזען, דאָקטורים און פֿעלדשערס האָבען אוועקגעוואָרפֿען זייערע קראַנקע פּאַציענטען, — און קויפֿען פלעטצער אויף צו בויען הייזער; אַפילו זואָכערניקעס, פּראָצענטניקעס, דיסקאָנטירער און אַזוי לעדיגגעהער, וואָס טויגען ניט אַ קאָץ אַ עק צובינדען, קיין מאָל ניט געטהון קיין האַנד אין קאַלט וואַסער, האָבען זיך איצטער אויך אָנגעהויבען ריהרען מיט זייערע פֿערגליווע־טע אברים און קויפֿען אויך פלעטצער. יודען, וואָס האָבען קיין געלד ניט, נאר זיי האָבען וואָס צו פֿערזעצען, לייהען געלד אויף מַשְׁכָּנוֹת אַבִּי צו האָבען האַנדגעלד אויף צו קויפֿען אַ פלעטציל. יונגליך, וועלכע זענען נאָך ניט געשטאַנען צום פּריזיוו און טראגען פֿון דיקען ווייסען גלאָזברילען אויף די אויגען, קויפֿען אויך פלעטצער. אין ווארשא קאָכט, אין ווארשא ברענט, יעדען פריה מאָרגען הערט מען אַז עס איז אַרויסגעשפּראָצט אַ נייער גביר, אַ לעדיגגעהער, וואָס ערשט פֿאַר אַ יאָהרען האָט ניט פֿערמאָגט קיין קאָפּיקע איז היינט אַ גְבִיר פֿון הונדערט טויזענד רובל, אַ יונג בחור'ל, וואָס האָט זיך ערשט פֿאַר עטליכע חֳדָשִׁים די נאָז ניט געקענט אָבווישען, פֿערמאָגט שוין איצטער דרייסיג טויזענד רובל און בויט אַ הויז פֿאַר הונדערט צוואנציג טויזענד רובל, און אויף דעם הויז, וואָס ער וועט בויען, גיט מען איהם שוין פֿערציג טויזענד פֿערדינסט. אַ יודישער דאָקטאָר פֿון ווייבערשע קרייננק האָט אין אַ צייט פֿון פֿיער חדשים בעוויזען צו קויפֿען און פֿערקויפֿען צוויי הייזער און געקויפֿט אַ דריט הויז אויף וועלכען מען גיט איהם פֿרישע פֿופֿציג טויזענד רובל רֶוַח.

— פלעטצער, פלעטצער, ווייסט איהר עפּיס ניט אַ פלאַטץ צו פֿערקויפֿען ?

— האָט איהר עפּיס ניט אַ פלעטציל ? פֿרעגט יעדען פֿריהמאָרגען אָדער יוד דעם אַנדערען.

און עס וואַקסען אַרויס ווי פֿון אונטער דער ערד מעקלערס, געוועזענע שַדְכָנִים, מְלַמְדִים, חֲזָנִים, מְקַבְּלִים, חַלְפָנִים.

— מיר האָבען, מיר האָבען ! שרייען די אַלע מעקלערס, האָט איהר האַנדגעלד ?

— עס וועט שוין זיין, ניט נור אַ גוט פלעטציל אָדער אַ הייזיל.

און מעהר פֿון אַלע קנאַקט מיט די הייזער און פלעצער, קויפֿט און פֿערקויפֿט דער וואַרשאַווער גביר ר' שלמה אהרן ווייסענזילבער.

— ווילט איהר אפשר פֿערקויפֿען אַ פלעטציל, אַ הייזיל, ר' שלמה אהרן ? לויפֿען און פֿרעגען די מעקלערס.

— ניין, איך וויל ניט, גענוג פֿון מיינעט וועגען...

— אוי, איהר וועט יאָ וועלען, ווען איהר וועט הערען וואָס פֿאַר אַ פֿערדינסט מען לעגט אייך פֿאַר פֿאַר אייער הייזיל וואָס איהר האָט יענע וואָך געקויפֿט — פֿינף און צוואַנציג טויזענד רובל פערדינסט, איהר הערט, הערר ווייסענזילבער ? — אין אַכט טאָג פֿערדינען צוואַנציג טויזענד, דאָס איז אַ שענער נדן פֿאַר אייער טאָכטער.

— נו, נו, נעהט און ברייננגט האַנדגעלד.

אין וואַרשא האַלט מען נור אין איין רעדען וועגען דעם גליקליכען ווייסענזילבער, יעדען חֹדֶש ־ויפֿט ער און פֿערקויפֿט צו צוויי הייזער און דריי פלעטצער, ער ווערט אַ מיליאָנער ,אויב ער איז שוין ניט.

די וואַרשאָווער אַנטיסעמיטישע צייטונגען הערען ניט אויף שרייען און אָנווייזען מיט די פֿינגער אַז יודען נעהמען אָב פוילען, זיי פֿערבויען די גאַסען מיט יודישע פּאַלאַצען און אַלע יודען ווערען מיליאָנערען אויף פוילישער ערד.

די עפּידעמיע פֿון די פלעצער פֿערגרעסערט זיך אַזוי שטאַרק אַז אָרימע יודען, יונגליך און אפילו ווייבער וואָס פֿערמאָגען נור פֿינף אָדער צעהן רובל אויף האַנגעלד האָבען אויך אָנגעהויבען שרייען: „פלעטצער, פלעטצעליך ניט אַ הער !"

און די מעקלערס האָבען פֿאַר די צעהנרובלדיגע סוחרים אויך געפֿונען פלעטצער צו צוויי קאפּיקעס איין איל, איהר האָט צעהן רובל

נאַט אייך 500 איילען, פֿינף רובל 250 איילען, דריי רובל 150 איילען פּלאַטץ, אַי די קאָפּיקענע פּלעטצער זענען ווייט פֿון וואַרשא, נאר עס איז ניט קיין אומגליק: דאָס וויים יעדער אַז וואַרשא האַלט זיך אין איין בויען, עס איז שוין כמעט קיין פּלאַטץ ניט דאָ וואו צו בויען, מען ציהט שוין ביז פֿינף און זעקס שטאָק, נו וועט מען מיט אַ פּאָר יאָהר צו צוהען וואַרשא ביז די קאפּיקענע ווייטע פּלעצער.

און אַלע יודען ווער עס פֿערמאָגט נור איין איינציג דרייערל אויף האַנדגעלר קויפֿט פּלעצער פֿאַר עטליכע הונדערט רובל, חאָטש קיינער האָט ניט אויף הוצאות ער זאָל פֿאָהרען אַ מאָל אנקוקען זיין פּלאַטץ.

די ווייטע פּלעטצער זענען נור זאַמדיגע בערג, זיי קענען קיין שום נוטצען ניט ברייננען, זאָגען איינינע, עס איז נאָר צו זיי קיין וועג ניט דאָ, מען קען אַהין ניט קומען מיט קיין שליטען, מיט קיין וואָגען און ניט מיט קיין שיף, נאָר עס מאַכט ניט אויס, די עפּידעמיע פֿון די פּלעטצער איז אַזוי שטאַרק, די פֿאַנטאזיע אין די יודישע קראַנקע דרעה קעפּ איז אַזוי גרויס, אַז די בערג וועט מען אָבגראָבען, מען וועט צו די קאפּיקענע פּלעטצער בויען באַהנען, ברוקירען וועגען, גראָבען קאַנאַלען און מען וועט זיך אַהין שליטלען, פֿאָהרען און שיפֿען זיך.

אויף אַלע גאַסען עפֿענען זיך דוקא ניט קיין יודישע נור פּוילישע קאַנטאָרען מיט אויסגעשטעלטע פּרייסקוראַנטען צו 2 אָדער 3 קאפּיקעס איין אייל פּלאַטץ, און יודישע אָרימע לייט פֿערזעצען די בעבעכעס און מען טראָגט די לעצטע יודישע קאפּיקעס אין די ניט יודישע קאַנטאָרען.

די פּוילישע פּאמעשציקעס, וואָס האָבען געהאַט הונדערטער און טויזענטער מאָרגעס זאַמדיגע ערד, וועלכע טויגען צו גאָר ניט און ברייננען ניט קיין שום הכנסה, האָבען דערהערט ווי יודען זענען משוגע געוואָרען אויף „פּלעטצער", האָבען זיי געעפֿענט קאַנטאָרען, אין וועלכע יודיש געלד האָט זיך געגאָסען ווי אַ רעגען נאָך אַ גרויסער חמאַרע. די געוועזענע אָרימע פּוילישע פּריצים זענען פֿון יודיש געלד בערייכט געוואָרען, און די פּוילישע אַנטיסעמיטישע צייטונגען האָבען פֿון דעסטוועגען ניט אויפֿגעהערט צו ליארמען אַז יודען נעהמען אָב פּוילען, יודען בויען פּאַלאַצען אויף זייער ערד און ווערען מיליאָנערען.

אין שטאָדט ווערט גערעדט אַז עס קענען קומען נאָך טויזענדער יודישע פאַמיליעס זיך בעזעצען אין ווארשא, און הייזער, וואָהנונגען און פלעטצער ווערען נאָך טייערער און טייערער.

ר׳ שלמה אהרן ווייסענזילבער, וואָס איז ערשט מיט אַ פּאָר יאָהר געוועזען אַ מיטעלער בעל הבית, אַ געוועהנליכער סוחר, האַלט מען איצט פאַר אַ גביר; ער זאָגט איצט צו זיינער אַ טאָכטער ביז דרייסיג טויזענד רובל נדן, חאָטש ער האָט קיין עין־הרע אַ פולע שטוב מיט קינדער.

דיזעלבע מעקלערס פון פלעטצער און הייזער, די געוועזענע שדכנים האָבען פאַר זיין טאָכטער פאָרגעשלאָגען דעם זוהן פון דעם געוויסען אַלטען גביר אין דער פּראָווינץ, ר׳ קלמן לאַוויצער פון לאַוורעוו, וועל־כער איז אומעטום בעוואוסט פאַר איינעם פון די אָרענטליכסטע גרויסע סוחרים; זיין זוהן איז ביי איהם אַ בן יחיד, ער גיט איהם פופצעהן טויזענד רובל נדן און איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר איז ער איין יורש.

ר׳ קלמן לאַוויצער קען יעדער פאַר אַ פונדאַמענטאַלנעם גביר. און עס איז קיין וואונדער ניט: ער וואהנט שטענדיג אין דער פּראָווינץ, וואו דאָס לעבען איז ביליג, זיין הויז וויים ניט פון דעם לוקסוס מיט אַנדערע גרויסע הוצאות, וואָס די גרויסע שטאָדט פאָדערט, וואו, ווילענדיג ניט ווילענדיג, מוז יעדער פון קליין ביז גרויס זיין אַ גרויסער בעל־הוצאה. לאַוויצער ווייסט אַליין וואָס צו טהון מיט זיין געלד, ער וואקסט מיט יעדען טאָג און דערצו האָט ער נוטע געשעפטען.

אַזוי האָבען דעם שידוך פאָרגעשטעלט די שדכנים. אַלע ווייסען דאָס, און ה׳ ווייסענזילבער וויים דאָס אויך. און דערצו קען ער לאַוויצערען מיט זיין זוהן, וועלכער איז זעהר אַ לייטישער יונגערמאַן. ווייסענזילבער האָט זיך קיין מאָל ניט פאָרגעשטעלט קומען צו אַזאַ גרויסען שידוך, נאר אַז גאָט האָט איהם געהאָלפען אַז מען רעדט איהם אַזאַ שידוך, און מען וויל איהם, פאַר וואָס זשע זאָל ער ניט וועלען?

זיין טאָכטער ס אַ ל ט ש ע איז אפילו ניט געפעלען צו נעהמען אַ חתן פון דער פּראָווינץ, נאר אַז זי האָט געהערט אַז זיין טאַטע איז זעהר רייך און ער איז אַ בֶּן יָחִיד, איין יורש איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, איז זי מְרוּצָה געוואָרען. אין ווארשא האָט זי געגוג חברת׳עס, וועלכע האָבען חֲתוּנָה געהאַט פאַר יונגע לייט טאַקע פון ווארשא, זיי

געהען חסידיש געקליידעט, זיי זענען אונוויסענד, ווייסען זיך ניט ווי צו אויפֿפֿיהרען אין געזעלשאַפֿט, עס איז פּראָסט אַ בִזיון מיט זיי צו שפּאַציערען אין גאַס און פֿון דעסטוועגען שאַדעט ניט איהרע חברת׳עס, יעדעס יאָהר פֿאָהרען אָהן די מאַנען קיין אויסלאַנד, גלייך ווי די דייטשע ווייבער, און שפּאַצירען און די וואַרשאָווער שטאָדט גערטנער און אויף די גוישע גאַסען אָהן די מאַנען, פֿערקעהרט זיי האָבען ביי זייערע פּראָסטע הסידישע מאַנען גאָלדענע וועלטען ווען זיי זענען נור רייך.

און פֿריילין סאַלטשאַ איז אויך בעשטאַנען אויף דעם שידוך מיט הירשלען.

סאַלטשע איז געוועזען אַ פֿריילין פֿון אַ יאָהר צוויי און צוואַנציג אַ טונקעלע בלאָנדינקע מיט גרויע אויגען, אַ שפּיצעכיג נעזיל; שעע האָר, וועלכע זי האָט קינסטליך שען געקענט פֿערקעמען; הויך געוואַקסען, נור הויט און ביין, אַ אויסגעגאָסענע טאַליע, אויף וועלכער עס איז אַלץ געלעגען אַזוי שען, חאָטש איהרע עלטערען זענען פֿון דער פֿרומער קלאַסע יודען, נאר זי איז ערצויגען געוואָרען אויף עטליכע פּוילישע ראָמאַנען און ערצעהלונגען, וועלכע די פּוילישע צייטונג, וואָס איהר פֿאָטער שרייבט אויס צו ליעב געשעפֿט ניט זיי אַלס ביילאַגע אָדער פּרעמיע. אויסער ווי מיט איהרע עלטערען און ברידער, רעדט זי מיט קיינעם ניט קיין יודיש נור פּויליש, וועלכע זי קען ווי אַ געבאָרענע פּאָלקע און שטאָלציערט דערמיט דאָס ווען זי געהט אין די קריסטליכע קלייטען קויפֿען, דערקענט מען ניט אַז זי איז אַ יודיש קינד. —

*

אויף דער צווייטער וואָך איז הירשעל מיט זיינע עלטערן געקומען קיין וואַרשאַ, די שדכנים האָבען שטאַרק געאַרבעט, חתן כלה האָבען זיך אָנגעקוקט, און דער שידוך איז למזל געוואָרען. ר׳ קלמן לאַוויצער האָט געלעגט פֿופֿצעהן טויזענד רובל נדן פֿון חתן׳ס צד, און ר׳ שלמה אהרן פֿון כלה׳ס צד דרייסיג טויזענד. די חתונה האָט מען אָבגעלעגט אויף אַ קורצע צייט.

די מחותנים צווישען זיך האָבען שוין פֿיעל גערעדט וועגען דעם, מיט וואָס פֿאַר אַ געשעפֿט דאָס נייע פּאָר פֿאָלק וועט זיך פֿערנעהמען נאָך דער חתונה, און עס איז ביי זיי געבליבען, אַז קיין בעסער געשעפֿט קען גאָר ניט זיין ווי אָנהויבען האַנדלען מיט פּלעצער און מיט הייזער, ווער שמועסט נאָך מיט אַזאַ אייגענעם קאַפּיטאַל ווי פֿינף און

פערציג טויזענד רובל, וועלכע די קינדער פערמאָגען.

— נו וואָס זאָגסט דו, הירשעל, האָבען די מחותנים געפרעגט, ווי געפעלט דיר דאָס געשעפט?

הירשעל האָט אויף די פראַגע ניט גענטפערט.

— ער איז איצט פערנעהמען מיט דער כלה, האָבען די מחותנים פרעהליך געלאַכט, ווי קען ער איצט אין זינען האָבען געשעפטען?

-- איך רעכען קיין געשעפטען פיהרען, האָט הירשעל קוים גענטפערט.

— וואָס הייסט קיין געשעפטען, וואָס'זשע דען וועסט דו טהון?

— איך וועל אַרבייטען.

— וואָס הייסט, דו וועסט אַרבייטען, וואָס וועסט דו אַרבייטען?

— איך וועל ערשט איצט זיך אָנהויבען לערנען, כדי איך זאָל עפּיס קענען, דערווייל קען איך נאָר ניט.

— מיט אַזאַ קאַפּיטאַל ווי דו פערמאָגסט איצטער, קען מען זיין אַ שענער סוחר און מען קען פערדינען שען געלד, ובפרט נאָך דער התונה ווען קיין גרויסע הוצאות איז ניט דאָ, קיין קינדער האָט מען נאָך ניט.

— איך וויל זיך אָבער בעוואָרענען, ווען איך וועל אַמאָל זיין אַ בעל הוצאה, קיין קאַפּיטאַל קען ניט בעוואָרענען...

— היינטיגע קינדער ווילען זיין קליגער פון די עלטערן, האָבען, די מחותנים געלאַכט פון הירשלען.

— ער איז אַ פנים ביי אייך טאַקע אויסגעוואַקסען ווי אַ בן־יחיד, האָט זיך ווייסענזילבער געווענדעט צו הירשעלס פאָטער. מען מעג זיין אַ בן יחיד, נאר אַ קינד דאַרף מען האַלטען שטאַרק אין די הענד.

—איך האָב איהם צו פיעל ליעב, איך זאָל איהם ניט נאָכגעבען זיינע קאַפּריזען, ער וועט עלטער ווערען און האָבען אַ פרוי מיט קינדער, וועט ער אַנדערש ווערען. אַ יונגער מאַן וואָס באָדט זיך שטענדיג אין געלד און האָט קיין שום דאגות ניט האָט אין זינען נאַרישקייטען. וועלכער יונגער מאַן אין זיינע יאָהרען מיט קיין עין־הרע אַזאַ נדן פון פינף און פערציג טויזענט רובל וויל דאָס טראַכטען וועגען פרנסה?

ווייסענזילבער האָט געקוואָלען פֿון די ווערטער, און באמת, ער געהמט איין איידעם פֿון אַזאַ רייך אָרט, וואו מען האָט קיין מאָל ניט געוואוסט פֿון קיין נויט און זיך שטענדיג געבאָדט אין געלד. וואָס געהט איהם אָן געשעפֿט? זיין קאַפּיטאַל אַליין קען איהם מפרנס זיין אפילו ווען ער זאָל קיין געשעפֿטען ניט האָבען, נאָר אַז ער וועט עלטער ווערען וועט ער פּראַקטישער ווערען און וועט פֿערשטעהן אַז וואָס מעהר געלד מען האָט, איז בעסער.

— ניש־קשה, מיין טאָכטער זאָל לעבען וועט איהם שוין אויס־לערנען, האָט ווייסענזילבער ווייטער גערעדט, זי איז שוין אַ סך פּראַק־טישער פֿון איהם, זי ווייס שוין וואָס אַ רובל איז; נאָט ווייס, וואָס ער טהוט, ער איז דער בעסטער שדכן און ווייס ווי צונויפֿפּאָרען.— אָט איז זי, האָט ער אָנגעוויזען אויף סאלטשען, וועלכע איז פֿרעהליך אָנגעקומען אין אַ נייע העל בלויע זיידען קלייד.— קום נאָר אַ הער, מיין טאָכטער, ווי געפֿעלט דיר דער חתן, אַ יאָ אַ קליינשטעדטילדיגער.

סאלטשע האָט ניט געענטפֿערט, נאר זעהר זיך צולאַכט.

—נו וואָס ענטפֿערסט דו מיר ניט טאָכטעריוני, האָט זי דער פֿאָטער עצווינגען צו זיך, און סאלטשע האָט זיך צוריקגעריסען און נאָך מעהר געלאַכט.

— איך געה היינט מיט מיין חתן אין טהעאַטער, גיב אונז אויף בילעטען טאַטע!

— נו, און דיין חתן קויפֿט נאָר ניט קיין בילעטען? האָט ווייסענזילבער געפֿרעגט מיט אַ געלעכטער.

— ניין, ער איז אַ קליינשטעדטילדינער, ער ווייס ניט אַז אַ חתן דאַרף זאָרגען פֿאַר בילעטען אין טעהאַטער, האָט סאלטשע ווייטער געלאַכט.

די מחותנים האָבען זיך צולאַכט און איהר געגעבען יעדער צו געלד פּאַפּיערליך.

— נו און אויף שאקאלאד? ביי אונז אין וואַרשא עסט מען אין טעהאַטער שאקאלאד.

די מחותנים האָבען מיט אַ געלעכטער ווייטער געלד געגעבען.

— קום, חתן! האָט זיך סאלטשע געווענדט צו הירשלען, קום, וועלען מיר הולען, זעהסט וויפֿיעל געלד מען האָט אונז געגעבען אויף צו הולען.

— קינדער בלייבען קינדער, זיי האָבען נור אין זינען קינדערשע זאַכען און וואָס מעהר צו צונעהמען ביי די עלטערען, האָבען די מחותנים גערעדט צווישען זיך און מיר ווילען אַז זיי זאָלען שוין פֿער־שטעהן וואָס הייסט פּרנסה און ווי אַזוי מען פֿערדינט געלד, מיר מוזען אויף זיי נאָך פֿיעל יאָהרען אַכטונג געבען און זאָרגען ביז זיי וועלען ווערען מענשען.

סאלטשע מיט הירשלען האָבען זיך געזעגענט מיט זייערע עלטערן און זענען אַוועקגעגאנגען.

די מחותנים האָבען נאָכגעקוקט דעם יונגען פּאָר פֿאָלק מיט שמחה און נחת.

— דו ביזט אַמאָל געוועזען אין טעהאַטער ? האָט סאלטשע געפֿרעגט איהר חתן, פֿאָהרענדיג מיט איהם אויף אַ דראָשקע.

— אין לאַוורעָווע, ווען עס פֿלעגען אָנקומען אַקטיאָרען.

— חאַ, חאַ, לאַווראָווער טעהאַטער, איך שטעל זיך פֿאָר.

— וואָס רעדסט דו ,הירשעל, אַזוי ווינציג מיט מיר ? האָט סאלטשע פלוצים געפֿרעגט איהר חתן, ביזט נאָך גאָר אַ קליין שטעדטילדיגער.

— אודאי איז לאַוורעָווע אַ קלענערע שטאָדט פֿון וואַרשא, האָט הירשעל געענטפֿערט.

— אַז דו וועסט וואָהנען אין וואַרשא, וועסט דו אַנדערש ווערען, אַ יאָ, הירשעל.

— איך קען איצטער ניט וויסען וואָס עס קען פֿון מיר שפּע־טער ווערען.

זיי זענען צוגעפֿאָהרען צום טעהאַטער און זיצענדיג מיט איהר חתן אין אַ צעהן רובילדיגער לאָזשע האָט זי פֿערגעסען אן חתן, צי ער איז אַגרויסשטעדטיגער אָדער אַ קליינשטעדטיגער, צי ער רעדט מיט איהר אַ סך אָדער ווינציג און זיך פֿערטראַכט אויף אַנדערע רייכע קליידער, וואָס האָבען בעשיינט די לאָזשעס אין טעהאַטער און אי־בערהויפּט אויף די קליידער, וואָס די אקטריסעס טראָגען ווען זיי געהן אַרויס אויף דער סצענע.

פֿערבייסענדיג אַלע מאָל מיט אַ שטיק שאקאלאד פֿון דער גרויסער שענער פּודלע, האָט זי אַלע מאָל געזאָגט :

אַך ווי שׁען, וואָס פֿאַר אַ קאָליער!.. וואָס פֿאַר אַ באַנד.. וואָס פֿאַר אַ פֿעדער: ווי שׁען איז דאָס קלייד גענייט!.. דו זעהסט הירשעל! האָט זי געזאָגט ניט אומקוקענדיג זיך אויף איהם.

נאר הירשעל האָט גאָר ניט געזעהן און ניט געהערט. ער איז אין גאַנצען געוועזען ווייט, ווייט...

מיט אַלע זיינע געדאַנקען, מיט זיין גאַנץ הארץ איז ער, זיצענדיג אין וואַרשאווער טעהאַטער מיט זיין כַּלָה, געוועזען אין פעטערסבורג, דאָרט, וואו אידא איז איצט געוועזען, ער האָט זי געזעהן און אין האַרצען גערעדט מיט איהר, ווי גלייך זי וואָלט איצטער געשטאַנען פֿאַר זיינע אויגען. ער האָט ניט געזעהן און ניט געהערט וואָס מען שפּילט אויף דער סצענע. נאר אָט האָט זיך אראָבגעלאָזט דער פֿאָרהאַנג, דער עוֹלָם האָט אָנגעהויבען קלאַפּען און אַרויסרופֿען די שפּיעלער, דער טעהאַטער איז העל בעלייכטעט געוואָרען מיט עלעקטריש פֿייער, זיין כלה האָט ניט אַראָבגענומען די אויגען פֿון אַנדערע לאָזשעס, בעטראַכטענדיג די דאַמען און די רייכע קליידער. אין דערזעלבער צייט האָט ער אַ קוק געטהון אויף זיין כלה און ער האָט דערפֿיהלט, ווי קאַלט און פרעמד ער איז צו איהר און מיט אַזאַ פֿרעמדען מענשען דאַרף ער זיך פֿערבינדען אויף דעם גאַנצען לעבען!..

עס איז איהם קאַלט געוואָרען אין אַלע זיינע אֵבָרִים. בעטראַכטענדיג זי האָט הירשעל אָנגעהויבען זוכען אין איהר מַעֲלוֹת, וועלכע זאָלען זיך פֿערגלייכען מיט אידא'ס מעלות, ער האָט זיך דערמאַנט וועגען אַלעס וואָס ער האָט מיט איהר גערעדט די גאַנצע צייט פון זיין בעקאַנטשאַפֿט מיט איהר, ער האָט אויך איצט בעטראַכט איהר געזיכט, איהר געשטאַלט און ער האָט גאָר ניט, גאָר ניט געפֿונען אין זיין כלה...

— זי איז מיר פֿרעמד, אין גאַנצען פֿרעמד, איז איהם ווידער אויפֿגעקומען אויף די געדאַנקען און עס האָט זיך איהם אָבגעריסען אַ שטיק האַרץ, וואו ער האָט דערפֿיהלט אַ גרויסען וועהטאָג.

דאָס עלעקטרישע פֿייער איז ווידער טונקעל געוואָרען און דער פֿאָרהאַנג פון דער סצענע האָט זיך ווידער אויפֿגעהויבען.

— אַך וואָס פֿאַר אַ שען קלייד, וואָס פֿאַר טייערע ברילאַנטען, טראָגט זי, האָט סאלטשע מיט גרויס הִתְפַּעֲלוּת זיך אָנגערופֿען, ווען די אַקטריסע איז אַרויפֿגעקומען אויף דער סצענע — שוין דאָס דריטע קלייד בייט זי היינטיגען אָבענד און וואָס ווייטער אַלץ שענער און רייכער.

סאלטשע האָט זיך אין גאַנצען פֿערטיפֿט אויף דער סצענע, און הירשעל האָט זיך ווייטער געקענט אָברייסען פֿון זיינע טרויריגע געדאַנקען.

— איך האָב געוואָלט זיין אַ קָרְבָּן פֿאַר מיין פֿאָטער, צוליעב זיין גליק האָב איך זיך און מיין נְשָׁמָה פֿערקויפֿט אויף דעם גאַנצען לעבען, אוי איך פֿיהל איצטער אַז איך האָב פֿריהער [ניט געוואוסט ווי שווער עס איז צו זיין אַ קרבן, איך האָב זיך ניט] פֿאָרגעשטעלט אַז איך זאָל אַזוי שטאַרק ליידען, ווען עס זאָל איצט זיין אָן מיר געווענדט, ווען איך זאָל געוועזען וויסען אַז די יִסוּרִים פֿון אַ קרבן צו זיין זענען אַזוי גרויס, וואָלט איך זיך ניט מַקְרִיב געוועזען פֿאַר מיין פֿאָטער, און ווען ער זאָל מיך וועלען נייטען, וועלען צווינגען אָדער וויינען פֿאַר מיר, מיט גוטען מיך איבעררעדען, וויסענדיג אַז איך בין שוואַך, וואָלט איך אַנטלויפֿען צו איהר, צו אידאַ. איך וואָלט גאָר ניט פֿערלאַנגט, איך וואָלט נור געבעטען ביי איהר, זי זאָל מיר ערלויבען זיין נעבען איהר, הערען איהר קול, פֿיהלען איהר אטהעם, הערען ווי זי רעדט, קוקען אויף איהר געזיכט, וואָס איז פֿול מיט חֵן, איך וואָלט דאַן געלעבט און גליקליך געוועזען. און ווי אַזוי האָב איך געקענט פועל'ען ביי זיך ווערען פֿאַר וועמען עס איז אַ חָתָן, אַז איך קען אָהן אידאַן ניט לעבען ווי אָהן לופֿט.

הירשעל האָט זיך איצטער פֿאַר זיך זעלבסט מוֹדֶה געוועזען, אַז ער האָט פֿריהער גאָר ניט געוואוסט דאָס ער האָט זי אַזוי שטאַרק ליעב, ער האָט אין אָנהויב געגלויבט זיין פֿאָטער, וועלכער האָט איהם געזאָגט אַז מיט דער צייט פֿערגעסט מען, ער האָט געגלויבט זיין פֿאָטער אֶפְשָׁר איז טאַקע אַזוי: ער וועט אַביסעל ליידען ביז ער וועט פֿערגעסען אידאַן און פֿון רַחְמָנוּת צו זיין פֿאָטער האָט ער מַסְכִּים געוועזען אויף דעם שידוך; נאאיצט פֿיהלט ער אַז זיינעל יסורים האָבען זיך ניט נור פֿערקלענערט, נאר פֿערקעהרט וואָס אַמאָל ליידעט ער מעהר און מעהר. ער האָט אָנגעהויבען פֿיהלען אַז קיין מאָל, קיין מאָל האָט ער אידאַן אַזוי שטאַרק ניט ליעב געהאַט ווי איצטער, ער פֿיהלט, ווען עס וועט ווייטער אַזוי זיין מיט איהם, וועט ער עס ניט איבערלעבען.

— נו, הירשעל, עס געפֿעהלט דיר אונזער ווארשאווער טהעאַטער? האָט סאלטשע געפֿרעגט איהר חתן.

— קיין גרויסער מֵבִין בין איך ניט און ווייס ניט, וואָס איך זאָ, דיר דערויף ענטפערען, נאר געווים איז דער טהעאַטער שען און אינטערע־סאַנט, ווען ניט וואָלטען דאָ אַזוי פיעל מענשען ניט געקומען.

— איין ענטפער פון אַ קליינשטעדטילדיגען, האסט גדאַרפט הערען ווי מען שפּיעלט און זאָגען דיין מיינונג. פאַר מיר איז קיין גרויסער חילוק ניט וואָס פאַר אַ מיינונג דו וועסט זאָגען וועגען טהעאַטערי דו ביזט מיין חתן און איך דאַרף דיר געפעלען, ניט דער טהעאַטער, האָט סאלטשע זיך געווערטעלט, איהם פריינדליך אָנגענומען ביי דער האַנד און מיט אַ חנ׳דיל געקוקט גלייך אין די אויגען. אָבער, זאָגט זי ווייטער, אַז מען קומט זיך צוזאַמען מיט מענשען און עס ווערט אַ שמועס וועגען טהעאַטער, דאַרף מען וויסען וואָס צו ענטפערען, יענער ברויכט ניט וויסען אַז מיין חתן איז פון אַ קליין שטעדטיל...

הירשעל האָט געשווינגען און סאלטשע האָט איהם אונטערגע־טראָגען דעם פודעל שאקאלאד, אליין אויך גענומען אַ שטיקיל און ווייטער גערעדט.

זעה ווי דו פיהרסט זיך אויף מיט דיין כלה. אַז איך זאָל ניט אָנהויבען רעדען מיט דיר, וואָלסט דו מיט מיר אַ וואָרט ניט גערעדט, איך דאַרף דיר אונטערטראָגען שאקאלאד און דיך בעטען עסען. וואָס ביזט דו פאַר אַ קאוואליער? פאַר מיר מאַכט דאָס ניט אויס, אָבער פאַר פרעמדע?.. האָסט געזעהן ווי אַנדערע יונגע לייט פיהרען זיך דאָ אויף מיט פריילײן אָדער מיט זייערע כלות? אָט קוק זיך צו אין דער לאזשע אַ קעגען, דאָס זענען געווים חתן כלה, און דאָ אין דער זייט זעהסט, דאַכט זיך, אויך חתן כלה, ווען ניט—ווען זיי שפעטער זיין, זעה נור ווי זיי טאַנצען אַרום זייערע דאַמען... ווי העפליך זיי זענען... מעגסט זיך, הירשעל, צוקוקען ניש־קשה, אין אַ גרויסער שטאָדט קומט מען זיך אָפט צוזאַמען מיט מענשען, עס שאַדעט ניט אַז מען לערענט זיך אויס.

הירשעל האָט גענומען דעם בינאקל און זיך אומגעקוקט אויף די ערטער, וואו סאלטשע האָט איהם אָנגעוויזען, און בכלל בעטראַכט דעם טעהאַטער. הירשעל האָט לאַנג געקוקט אויף די לאזשעס, וואו עס האָבען זיך געפונען יונגע לייט מיט פריילײן און געזעהן ווי זיי „טאַנצען", ווי זיי זענען „העפליך". יעדער זייער מינע און אויפפיהרונג האָט ער דורך דעם בינאקל געזעהן פונקט ווי פאַר זיינע אויגען.

— ניין, האָט הירשעל געטראַכט, אַט דער נאַרט אָב און דער מאַכט הינטישע שטיק, ווען ער רעדט מיט איהר איז ער זיס אַזוי ווי צוקער... ער ביינט זיך אין דרייען... ער בעדינט און דערלאַנגט איהר אַלעס ווי אַ לאַקיי... נאר אַט קעהרט ער זיך אָב פון איהר... און גלייך בייט זיך איבער זיין געזיכט... ער גענעצט... איין אֱמֶת׳ער קאָמעדיאַנט... ער לאַכט שוין ווייטער צו איהר און ביינט זיך אין דרייען... ניין אָב־נאַרען קען איך ניט... ווי זי וויל זיך... איך וועל זיך שוין דאָ גאָר ניט אויסלערנען...

הירשעל האָט זיין בינאקעל אָבגעשטעלט אויף אַ נייער לאזשע, אין וועלכער צווישען אַנדערע האָבען זיך אויך געפונען אַ יונגער מאַן מיט אַ פריילייןֹ. ער האָט לאַנג זיי נאָכגעקוקט, יעדערם זייער ריהרען זיך האָט ער ניט אָבגעלאָזט.

— זיי האָבען זיך ליעב! האָט הירשעל צופריעדען געטראַכט, אָט דאָס הייסט גליקליכע מענשען אויף דער וועלט... איך האָב ניט קיין טעות... איך זעה... איך פיהל... דער וואָס האָט ליעב, איז אויך אַ גוטער מבין אויף די וועלכע האָבען ליעב...

— וואָס פאַר אַ זעלטען גליקליך געזיכט, האָט הירשעל ניט אַראָבגענומען זיינע אויגען פון דעם פערליעבטען יונגען מאַן, ווי מְקַנֵא בין איך איהם!... און סאַלטשע וויל, איך זאָל אַרום איהר אויך אַזוי "טאַנצען" און "העפליך" זיין ווי דער גליקליכער יונגער מאַןֹ ניין, איך קען ניט.ֹ אַזוי זיך אויפפיהרען מוז מען זיין אַ גליקליכער אָדער קענען אָבנאַרען, איך קען ניט אָבנאַרען און אַ גליקליכער קען איך נור זיין מיט אידאן...

— נו, הירשעל, האָסט געזעהן ווי אַזוי אַנדערע יונגע לייט אָדער חתנים בענעהען זיך מיט זייערע דאַמעןֹ

— איך האָב געזעהן, נאר דאָס מעהר זענען פאַלש, זיי נאַרען אָכ... זיי זענען ניט אַזוי איבערגעבען, ווי זיי ווייזען זיך דאָ אין טהעאַטער...

— זאָלען זיי אָבנאַרען, אַבי זיך ווייזען שען פאַר מענשען, האָט סאַלטשע געענטפערט.

— אַזוי ? ! האָט הירשעל זיך געוואונדערט אויף איהרע ווערטער — איך וואָלט ניט געקענט אַזוי אָבנאַרען...

— דאָס הייסט ניט אָבנענאַרט, דאָס הייסט זיך וויסען ווי אויפ־צופיהרען מיט מענשען.

— די קונסט האָב איך זיך אין קליינעם שטעדטיל ניט אויס־געלערנט און איך קען עס ניט.

— דו, הירשעל, ווערסט זיך ביי מיר אַלעס אויסלערנען, האָט זיין כלה מיט אַ חנ׳דיל איהם געענטפערט.

ווען הירשעל איז מיט זיין כלה געפאָהרען צוריק פון טהעאַטער, האָט ער זיך דערמאַנט אין די לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט זיין כלה: „אַז ער קען ניט אָבנאַרען", „אַז ער האָט זיך די קונסט ניט אויסגעלערנט אין דעם קליינעם שטעדטיל". ווען זיין כלה וואָלט אַ׳צטער געקענט זעהן דאָס געזיכט פון איהר חתן, וואָלט זי בעמערקט ווי ער האָט זיך פערשעמט פון גרויס בושה, אַז דאָס בלוט איז איהם געקומען אין פּנים אַריין. נאָר די טונקעלע נאַכט האָט פאַר איהר פער־דעקט זיין פערשעמט געזיכט, אָבער פאַר זיך זעלבסט האָט ער זיך ניט געקענט פערדעקען, נייע געדאַנקען האָבען איהם אַליין געמוטשעט: איך קען ניט אָבנאַרען... דאַרף מען נאָך זיין אַ גרעסערער קאָמעדיאַנט ווי איך... אַז איך האָב געקענט אַ חתן ווערען ניט פאַר אידאַן... און פאָהר איצטער פון טהעאַטער מיט מיין כלה — אַ פרעמדען פריילײן... פאַר וואָס שווייג איך? פאַר וואָס דערצעהל איך איהר ניט אלעס, אַלעס אין גאַנצען...

נאָר די דראשקע האָט זיך אָבגעשטעלט ביי הערר וויסענזילבערס ניי פײנפשטאָקענדיגען הויז, וואָס ער האָט ערשט ניט לאַנג אויסגעבויט אויף אַ גוטען פלאַטץ. די פענסטער פון ערשטען שטאָק זענען אַלע גע־ווען בעלייכטעט, די גליקליכע עלטערען און גוטע פריינד האָבען גע־וואַרט אויף די חתן כלה מיט אָבענד ברויט.

אויף מאָרגען נאָך מיטאָג, ווען די חתן כלה זענען ווידער גע־בליבען אליין, האָט זיך פלוצים הירשעל געווענדעט צו זיין כלה:

— איך מוז דיר, סאַלטשע זאָגען... איך האָב ניט געוואָלט, נאָר איך קען ניט... אפשר וועט מיר ווערען גרינגער ווען איך וועל דיר אַלעס אַרויסזאָגען... איך קען ניט אָבנאַרען... איך מוז דיר זאָגען דעם אמת... דו דאַרפסט אויף מיר אין כעס ניט זיין...

הירשעלס געזיכט איז בלאַס געוואָרען, ער האָט ווייטער ניט געקענט רעדען.

— וואָס איז מיט דיר הירשעל? האָט סאלטשע געפֿרעגט דערשראָקען, וואָס האָב איך אויף דיר אין כעס צו זיין? דו קענסט זאָגען.

— איך קען פֿאר דיר ניט פֿערדעקען... האָט ער ווידער אָנגעהויבען מיט אַ ציטערדיג קול — ווייס סאלטשע, אַז איך האָב ליעב איין אַנדערע...

סאלטשע האָט פֿון די אונערוואַרטעטע ווערטער זעהר זיך צולאַכט אַז טרעהרען האָבען זיך ביי איהר פֿון שטארק לאַכען געוויזען אין די אויגען.

— ליעב... פֿערליעבט... חאַ, חאַ, דו האָסט געפֿיהרט אַ ליעבע, חאַ, חאַ, אָט דאָס איז שען, דאָס וואָלט איך קיין מאָל ניט געגלויבט אויף דיר, אַ יונגער מאַן פֿון אַ קליין שטעדטיל... אוי איך קען זיך ניט איינהאַלטען פֿון געלעכטער.

סאלטשע האָט ווייטער געלאַכט און הירשעל האָט זי פֿערוואונדערט אָנגעקוקט.

— אין כעס זאָל איך זיין אויף דיר, פֿאר וואָס זאָל איך זיין אין כעס? וועלכער לייטישער יונגער מאַן פֿון היינטיגער וועלט האָט דען בחורווייז ניט געפֿיהרט קיין ליעבע, דערצעהל מיר, הירשעל, אין גאַנצען, עס איז אַזוי ציקאווע, צוהערען פֿון מיין חתן, ווי אַזוי ער האָט ליעב געהאַט אַנדערע און דערנאָך, דערנאָך, וועל איך דיר דערצעהלען...

און סאלטשע האָט זיך ליעבליכער און נעהנטער צוגערוקט צו איהר חתן, איהם אָנגענומען ביי דער האַנד און מיט געמאַכטע חנ'דליך געקוקט איהם גלייך אין די אויגען.

— נו וואָס שווייגסט דו הירשעל? איך בין אַזוי צופֿרידען, אַזוי צופֿרידען, איך האָב געמיינט אַז מיין חתן איז שוין גאָר אַ קליין שטעדטילדיגער חסיד און מיינע חבר'טעס וועלען פֿון מיר לאַכען וואָס איך האָב אַזאַ חתן. נו דערצעהל זשע, הירשעל, פֿון דיין ליעבע. דערנאָך וועל איך דערצעהלען, נאר פֿריהער דערצעהל דו. ווער איז זי, וואָס איז זי — אַ שענע? נו איך בעט דיך, דערצעהל זשע שוין, ביזט אַ שלעכטער וואָס דו ציהסט מיך אַזוי לאַנג און ווילסט ניט דערצעהלען.

— וואָס וועל איך דיר דערצעהלען אַז דיר אַרט ניט, דיך פֿערדריסט ניט, איך האָב דיר בעדאַרפֿט זאָגען, עס איז מיר געלעגען

אויף דעם האַרצען, איך האָב דיך ניט געוואָלט אָבנאַרען, האָב איך דיר געזאָגט און ווייטער נאָר ניט.

— ניין, ניין, ניין, הירשעל! ביזט אַ שלעכטער, האָט זי אָנגעהויבען אונטערשפּרינגען און פּאַטשען מיט די הענד — איך וועל דיך ניט אָבלאָזען, מוזט מיר דערצעהלען, אַז דו ביזט אַזאַ אָרענטליכער מאַן, פאַרוואָס זשע האָסט דו פאַר מיר סודות? האָסט דאָך אַליין געזאָגט אַז דו וועסט מיר אַלעס דערצעהלען, איך זאָל נור ניט זיין אין כעס, איך שווער דיר אַז איך וועל ניט זיין אין כעס, אַבי דערצעהל, דערנאָך וועל איך דערצעהלען.

— איך האָב זי ליעב פון קינדוויז אָן, זי איז טאַקע פון לאַוורעווע, ווען איך האָב געזאָגט אַז איך וויל אַ חתן ווערען פאַר איהר, האָט זי מיר געענטפערט אַז מיר זענען נאָך יונג, מיר דאַרפען נאָך לערנען און ווערען פריהער מענשען, זי איז אַוועקגעפאָהרען אין אַ גרויסער שטאדט לערנען און איך בין געבליבען אין לאַווראָווע. ווען מען האָט מיר גערעדט דעם שידוך מיט דיר, האָב איך ניט געוואָלט, נאר איך האָב זיך מיט מיינע עלטערען ניט געוואָלט קרינען און בין בעשטאַנען אויף דעם שידוך.

— אַליץ איבער די עלטערען, האָט סאלטשע געענטפערט מיט אַ זיפץ, איך פלעג אויך טרייבען די שדכנים, ניט געוואָלט זיי זאָלען מיר געבען אַ חתן, ווער שמועסט אַ חסיד, איך האָב געוואָלט אַ כלה ווערען פאַר אַ דייטשען יונגען מאַן, נאר איך האָב זיך אויך ניט געוואָלט קרינען מיט די עלטערען, נו דערצעהל ווייטער, זי איז אַ שענע, אַ רייכע?

— זי איז זעהר אַ שענע, נאר איין אָרימע און דערפאַר זענען מיינע עלטערען ניט בעשטאַנען.

— אוי די עלטערען, נור געלד און געלד שפּיעלט ביי זיי די הויפטראָלע — האָט סאלטשע ווידער געזיפצט. איך האָב ניט לאַנג געלעזען אַזאַ ראָמאַן, וואָס וויל די פריילין איז אָרים געוועזען, האָבען די עלטערען זייער. איינציגען זוהן אַרויסגעטריבען פון שטוב און איהם אָבגעזאָגט פון ירושה. דו האָסט געלעזען אַ סך ראָמאַנען, הירשעל?

— אַביסיל האָב איך געלעזען, נור איך האָב אידאַ'ן ליעב געהאַט איידער איך האָב געלעזען.

— אידא הייסט זי? וואו זשע געפֿינט זי זיך איצט און וואָס טהוט זי?

— אין פעטערסבורג, זי לערענט זיך דאָרט, ווען זי זאָל ניט געווען אַוועקפֿאָהרען, וואָלט איך געוויס מיט איהר חתונה געהאַט, עס וואָלט דאַן ניט געהאָלפֿען קיין טאַטע מאַמע, נאָר זי איז אַוועק־געפֿאָהרען...

— פֿון דעסטוועגען דאַרף די אידא זיין אַ גרויסער נאַר, ווי אַזוי זאָגט זיך אָב איין אָרים מיידיל פֿון אַזאַ רייכען פֿיינעם חתן וואָס קען נעהמען דרייסיג טויזענד רובל נדן, דאָס איז דאָך דרייסיג טויזענד רובל פֿון קעשענע פֿערלירען. וועלכע אָרימע פֿריילין וואָלט זיך דען ניט געשעצט פֿאַר גליקליך חתונה צו האָבען מיט אַזאַ רייכען חתן ווי דו ביזט — איין איינציגער זוהן פֿון אַזוינע רייכע עלטערען. און וואָס האָט זי דאָ אויסגעפֿיהרט — זי איז אַוועקגעפֿאָהרען קיין פעטערסבורג זיך לערנען געוויס אויף איין אַקושארין אָדער אויף אַ ציין־רייסערין, איך קען אַ סך אַזוינע יודישע מיידליך פֿון רוסלאַנד, וואָס קומען צו אונז קיין ווארשא לערנען זיך דאָ צו ווערען אקושארין, אַ דענטיסטין אָדער אַ מאסאזשיסטקע. די ווארשאווער שולען זענען פֿול נאָר מיט אָט די יודישע מיידליך אויס רוסלאַנד, געלויבט גאָט קיין איינציג וואַרשאווער מיידיל און אפילו ניט פֿון גאַנץ פוילען געפֿינט זיך ניט אין די שולען. איך קען זיי זעהר גוט, זיי לויפֿען דאָ אַרום אויף שטונדען פֿאַר דריי רובל אַ מאָנהייט, ביי אונז אין הויז האָט אויך אַזאַ פֿריילין געגעבען שטונדען, איך האָב מיט איהר גע־רעדט און זיך געוואונדערט, דוקא אויך אַ שענע פֿריילין, וואָס וואָלט עדען יונגען מאַן געקענט געפֿעלען און זי לערענט זיך גאָר אויף איין אקושארין, איך זעה זיי אָפֿט פֿאַרביילויפֿען דורך דעם זאַקסישען גאָרטען מיט אַ פאַק ביכער אונטער'ן אָרים, זיי זעצען זיך אפילו ניט אָברוהען אויף קיין באַנק און שטענדיג לויפֿען זיי, אַלע פֿריילין שפּאַצירען און זיי לויפֿען. היינט ווי נעהען זיי געקליידעט, ווי האַלטען זיי זיך, עס עקעלט פראָסט צו קוקען אויף זיי. זיי האַלטען ניט פון קיין מאָדע, טראָגען דריי יאָהר איין היטעלע פֿון סאָבעסקעס צייטען, מילא אידא איז איין אָרימע, פֿאַר אָרימע מיידליך פאַסט זיך לערנען אויף אקושארין אָדער דענטיסטין; אָבער מען דערצעהלט אַז אין די וואַרשאווער שולען לערנען זיך אויף אַקושארין אויך פֿריילין פֿון רייכע

עלטערען, חאָטש די עלטערען ווילען ניט, נאָר זיי קריגען זיך מיט זיי און פֿאָהרען קיין ווארשא זיך לערנען און זיך וואַלגערען אין דער פֿרעמד און געהען נעקליידעט ניט שענער ווי די אָרימע אָט דאָס פֿערשטעה איך טאַקע ניט, וואָס פֿאַר אַ שכל ליגט אין דעם? איז דען ניט גלייכער פֿאַר אַ פֿריילין, ווער שמועסט נאָך אויב זי איז אַ שענע אָדער אַ רייכע, קומען מעהר אין געזעלשאַפֿט, געהן אין טהעאַטער, שפּאַצירען? איך קען דען אויסרעכענען ווי גוט מען קען די צייט פֿערברענגען, דערנאָך האָט מען ‫-התונה, מען איז אַ בעל־הבית׳טע, מען פיהרט אַ הויז און ווען מען איז דערצו רייך און דער מאַן מאַכט גוטע געשעפֿטען, פּאָהרט מען אַלע יאָהר קיין אויסלאַנד אָדער אויף אַ זומער וואָהנונג, און מען לעבט ווייטער גוט. יעדע פֿריילין דאַרף זיך סטאַרען קומען צו אַזאַ לעבען, נאַטירליך ניט יעדען קען אַזאַ לעבען געלונגען, וועמען דער מזל גליקט. אָבער וועגען אַזאַ צוועק דאַרף יעדע פֿריילין טראַכטען, ניט די בעסטע יונגע יאָהרען מיט דער שענקייט און געזונד אַוועקגעבען די קורסען מיט די שטונדען און וואָס פֿאַר אַ גליקען ערוואַרטען זיי דערנאָך? ניט שלאָפֿען קיין נעכט ביי קינדבעטורען, ווייטער פֿערליערען דאָס געזונד. אין רייסען יענעם אַ צאהן זעה איך אויך קיין גליק ניט, דאָס איז פֿאַר אַ מאַנס פערזאָן אָבער ניט פֿאַר קיין פֿרוי, בררו!.. עס עקעלט מיך ווען איך שטעל זיך פֿאָר אַ פֿרוי אַ ציין־רייסערין. ביי אונז אין ווארשא וועט זיך קיין לייטישע פֿריילין ניט פֿערנעהמען מיט אַזוינע זאַכען. איך וואָלט זעהר געוואָלט רעדען מיט אַזאַ פֿריילין ווי אידא, זי זאָל מיר ערקלערען מיט דעם שכל, פֿאַר וואָס זי האָט זיך אָבגעזאָגט פֿון אַזאַ גליק ווי פֿון א רייכען חתן און אַוועקגעפֿאָהרען פֿערשוואַרצט ווערען אין אַ פֿרעמדע שטאָדט.—

איך קען דיר דאָסזעלבע ענטפֿערען וואָס אידא, איך אַליין האָב זי אויך אין אָנהויב ניט פֿערשטאַנען אַזוי ווי דו, איך האָב זי געפֿרעגט דיזעלבע שאלות, איך האָב וועגען דעם אויך גערעדט מיט איהר פֿאָטער, וועלכער איז זעהר אַ געלערנטער מאַן און אויך מיט איהרען אַ שוואָגער און אַלע האָבען געפֿונען אַז זי טהוט גלייך, איך האָב זייערע ענטפֿערען אויף מיינע שאלות דאַן ניט פֿערשטאַנען, נאר אין דער לעצטער צייט האָב איך אַזוי פֿיעל איבערגעלעבט, פֿון אַזוי פיעל זאַכען זיך דערוואוסט אַז איך האָב אָנגעהויבען צו פֿערשטעהן

און אָט וואָס איך קען דיר ענטפֿערן: דו גלויבסט אַז די בעסטע פֿערגעניגען אין דער וועלט איז ווען מען נעהט שען נעקליידעט, מען לעבט שען, מען גיט זיך נאָך אַלע וואהלטאגען און דעסטגלייכען, ווי דו האָסט פֿריהער אויסגערעכענט, און דאַן ווען דו קומסט צו דעם אַלעמען ביזט די שוין איבערגליקליך. נאָר שטעל זיך פֿאָר אַז עס געפֿינען זיך אַזוינע מענשען, וועלכע טראַכטען כלל ניט פֿון אַזוינע פֿערגניגען, ווי דו, זיי האָבען אַנדערע אינטערעסען, אַנדערע פֿערגניגען אין לעבען, טהייל האָבען פֿערגעניגען פֿון דעם לערנען זעלבסט, פּראָסט זיי ווילען זיין געלערענט, טהייל וואָס ווילען קענען איין מלאכה אָדער אַזאַ אַרבייט אַז זיי זאָלען אַליין פֿאַר זיך קענען פֿערדיענען די לעבענס־מיטעל.—

— צו וואָס דאַרפֿען פֿרויען פֿערדיענען? ווען זיי האָבען מענער זאָלען זיך די מענער שלאָגען קאָפּ אין וואַנד און געבען אַלעס וואָס מען ברויכט אין שטוב — איז איהם סאַלטשע אַריינגעפֿאַלען אין די רייד.

— איך רעד דאָך וועגען דעם,-- האָט הירשעל ווייטער אָנגעהויבען — אַז עס זענען דאָ אַזוינע, וועלכע האָבען פֿערגעניגען, ווען זיי קענען זיך אַליין פֿערדיענען אויף דעם לעבען: גוט אַז דער מאַן פֿערדיענט, און אַז ער קען ניט פֿערדיענען? וואָס טהוט מען אַז דער מאַן ווערט קראַנק אָדער ער שטאַרבט, וואָס זאָל אַזאַ פֿרוי טהון ווען זי בלייבט מיט קינדער און אפילו אַליין? ניט אַלע האָבען פֿינף און פֿירציג טויזענד רובל נדן ווי מיר? אויך דאַרף איך דיר זאָגען אַז אויף אידא'ן איז זיך ניט דאָ וואָס צו וואונדערען, זי זאָגט אַז זי וויל ניט לעבען פֿאַר זיך, זי וויל איהר גאַנצע צייט און קרעפֿטען אַוועקגעבען פֿאַר אָרימע, נויטבעדערפֿטיגע. אידא זאָגט אַז די בעסטע פֿערגעניגען וועט זיין פֿאַר איהר אין לעבען, ווען זי וועט קענען נוטצען בריינגען די אַלע נויטבעדערפֿטיגע, וועלכע געפֿינען זיך אַזוי פֿיעל צווישען יודען, און אין די אַלע פֿערגעניגען וואָס דו זוכסט, פֿיהלט זי קיין טעם. איך קען דיר, סאַלטשע, אַזוי גוט ניט ערקלערען, נאָר ווען דו זאָלסט טאַקע מיט איהר רעדען, וואָלט זי דיר בעסער געענטפֿערט ווי איך און איך גלויב אַז זי וואָלט דיך איבערגערעדט און דו וואָלסט אויך אַזוי געוואָרען ווי זי. אויף מיר האָט זי געהאַט אַזאַ ווירקונג אַז איך אין לעבען נעם זיך פֿאָר אויך צו זיין אַזוי ווי אידא און ווי גוט וואָלט געוועזען, ווען דו וואָלסט אויך אַזוי געוועזען ווי זי, וויפֿיעל

נוטס וואָלטען מיר נעקענט ברייננען אונזערע אָרימע ברידער און שוועסטער אויף דער וועלט. ווער דען זאָל טהון נוט׳ס, אַז ניט מיר יוננע לייט, וואָס פֿאַרמאָגען נדן כמעט פֿופֿציג טויזענד רובל. סאַלטשע! זיי אַזוי ווי אידא וועל איך זיין דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט, דו זעהסט אַז איך קען ניט אָבנאַרען און האָב דיר אַלעס אָפֿען אַרויסגעזאָגט; איך האָב ניט געוואָלט אָבנאַרען מיין כלה, מיט וועלכער איך דאַרף די וועלט אָבלעבען.

הירשעל האָט גערעדט מיט האַרץ, אין זיין ווייס געזיכט האָט זיך די פאַרב געוויזען, זיינע שוואַרצע אויגען האָבען אָנגעהויבען צו גלאַנצען, סאַלטשע האָט זיך מיט פֿערגעניגען פֿערקוקט אויף הירשלען, וועלכער האָט איצט אַזוי שען אויסגעזעהן און שען גערעדט. סאַלטשע האָט דאָס ערשטע מאָל בעמערקט ווי זי האָט אַ שענעם חתן, אין איהר האַרצען האָט זיך עפּיס ווי אַ ריס געטהון. זי האָט גענומען זיין שוואַרצען קוטשעראווען קאָפּ אין איהרע הענד און געשפּילט זיך מיט זיינע געגרייזעלטע האָר.

— איך וועל זיין אַזוי ווי דו ווילסט, הירשעל, עס איז מיר קיין מאָל ניט געוועזען אַזוי גוט ווי איצטער, איך בין קיין מאָל ניט געוועזען אַזוי גליקליך ווי איצטער, איך האָב קיין מאָל און פֿון קיינעם ניט געהערט אַזוינע ווערטער ווי פֿון דיר.

— איהר זענט, קינדער, דאָ? — איז פּלוצים אַריין צו זיי אין צימער סאַלטשעס פֿאָטער — און איך זוך אייך, נאָך איהם זענען אויך אָנגעקומען הירשעלס עלטערען.

— איך האָב אייך, קינדער, צו דערצעהלען פֿרעהליכע נייעס האָט ווייסענזילבער מיט אַ שיינענדיג געזיכט זיך געווענדעט צום יונגען פּאָר פֿאָלק — איהר זענט חתן כלה געוואָרען אין אַ מולדינער שעה, שטעלט אייך פֿאָר אַז איך האָב היינט פֿערקויפֿט אַ פּלאַץ, אויף וועלכען מען האָט מיר פֿערדיענסט אַנידערגעלעגט אויף דער האַנד אייער אַ האַלבען נדן, איך רעכען אַז דאָס איז אייער מזל און דער־פֿאַר האָב איך אייך געקויפֿט אַ מתנה — אָט די נאַרישקייטען, און רעדענדיג אַזוי האָט ער זיך מיט זיי צוקושט און דערלאַנגט צוויי שענע לעדערנע פּודעליך מיט גאָלדענע געפּרעסטע פֿיגורען, אין די פּודעליך

האָבען זיך געפֿונען אַ בראָש פֿול בעזעצט מיט בריליאַנטען פֿאַר סאלטשען און זאפאנקעס אויך בעזעצט מיט ברילאַנטען פֿאַר הירשלען.

אַלע האָבען חתן כלה געוואונשעוועט מיט די נייע אונערוואַרטעטע מתנות און האָבען הער וויסענזילבער געוואונשעוועט, אַז ער זאָל אין זיינע איבריגע פלעטצער נאָך מעהר געלד פֿערדיענען.—

## IX.

## די שבת-צונאַכטסען.

דער ווינטער מיט זיינע גרויסע פֿרעסט, שנייען און שלעכטען וועטער האָט זיך שוין לאַנג אָנגעהויבען אין פעטערסבורג. נאָך דעם פרייען לעבען אויף די זומערוואָהנונגען איז איצט יעדער געוועזען פֿערנומען מיט זיין אַרבייט דעם גאַנצען טאָג און די אבענדען האָט מען פֿערבראַכט מיט די גרויסשטעדטישע פֿערגעניגען, אַלע טעהאטערען און קלובען האָבען געאַרבעט אויף אַלע כלים, שטענדיג פֿול אַין פּאַק מיט מענשען. עס האָבען זיך אויך אָנגעהויבען די „אבענדען", וואָס יעדער נאָך זיין שטאַנד האָט געמאַכט ביי זיך צו הויז פֿאַר גוטע פֿריינד און בעקאַנטע. ביי לעוו אסיפּאוויטש סאלאמאנאוו האָבען זיך אויך אָנגעהויבען זיינע ווינטערדיגע „שבת־צונאַכטסען", וואו מען פֿלעגט זיך צוזאַמענקומען און פֿערברענגען איין מאָל אין דער וואָך. נור לעוו אסיפּאוויטשען איז געוועזען אומעטיג ווי אויף זיין זומערוואָהנונג, ווי פֿאַר אַ יאָהרען ווינטער, ווי שטענדיג. דאָס איינציגע נייע פֿערגניגען האָט ער נור איצט געהאַט, ווען אידא פֿלעגט קומען אויף די אבענדען. ער פֿלעגט אויפֿלעבען, ווען ער פֿלעגט מיט איהר רעדען, אָבער זי פֿלעגט ניט יעדען שבת־צונאַכטס קומען. דאַן פֿלעגט לעוו אסיפּאוויטש ניט וויסען וואו אַהין צו טהון זיך דעם גאַנצען אבענד, זיינע געסט פֿלעגען רעשען, רעדען, דערצעהלען, לאַכען, זיך ווערטלען און פֿרעהליך פֿערברייגגען, נור ער אַליין פֿלעגט זיך ארומדרעהען ווי איינער, וואָס געפֿינט זיך צווישען פֿרעמדע מענשען, און ווי באַלד נור אידא פֿלעגט זיך ווייזען אויף דעם אבענד פלעגט ער זיך איבערבייטען, האָבען פֿון וואָס צו רעדען און ניט בעמערקען ווי די צייט געהט גיך אוועק.

היינטיגען שבת־צונאַכטס איז אידא אויך געוועזען.

— פֿאַר וואָס קומט איהר צו אונז אַזוי זעלטען, האָט ער אידען געפֿרעגט, שוין זשע זענט איהר אַזוי פֿערנומען אָדער עס איז אייך אפשר ניט אנגענעהם צו פֿערברייגגען ביי אונז אין הויז? איהר דאַרפֿט, דאַכט זיך, פֿיהלען און וויסען אַז איהר זענט ביי מיר ווי איין אייגען קינד, ווען איך זעה אייך, זעה איך מיינע יונגע יאָהרען, די

בעסטע גליקליכע יאָהרען פֿון מיין גאַנץ לעבען, פֿאַרוואָס זשע קומט איהר אַזוי זעלטען ?

— פֿאַר וואָס פֿרעגט איהר ? גאַנץ פּראָסט, איך בין פֿערנומען, איך האָב קיין צייט ניט, איך בין אין דער היים אין לאַווראַווע אויך ניט געוואוהנט צו זיין אויף אבענדען, מיר איז אודאי אנגענעהם צו זיין ביי אייך אין הויז, אָבער איך קען זיך אַזוינע פֿערגעניגען אָפֿט ניט ערלויבען, איך בין ניט געקומען קיין פּעטערבורג צו זיין אויף בעלער און געהן אין טהעאטערן — אַמאָל יאָ, אָבער ניט אַזוי אָפט ווי איהר פֿערלאַנגט.

— פֿאַר וואָס ניט אָפֿט, איהר זענט אַ פֿריילייַן אין די בעסטע יאָהרען, פֿאַר וואָס זאָלט איהר ניט אָפֿט גוט פֿערברייינגען די צייט ? אַנדערע אויף אייער אָרט זוכען נור ווי די צייט גוט צו פֿערברייינגען.

— אַנדערע, אָבער ניט איך... איהר ווייסט אַז איך בין ניט געקומען אין דער גרויסער שטאָדט צו טאַנצען און הוליען, אין דעם אַלעמען געפֿין איך גאָר ניט אַזוי פֿיעל פֿערגעניגען ווי איהר מיינט. מיינע בעסטע יאָהרען, ווי איהר רופֿט זיי אָן, וויל איך טאַקע פֿערברייינגען בעסער און נוצליכער, און איך פֿערשטעה גלאַט ניט, וואָס איז מיט אייך דאָ אין דער גרויסער שטאָדט אַזוי די שמחה, וואָס יעדער אָבענד איז ביי אייך ווי אויף אַ חתונה, איז ניט טהעאטער, איז צו הויז אָדער ביי יענעם צו גאַסט, יעדען טאג נור מען זוכט און מען קלעהרט, ווי אַזוי די צייט גוט פֿערברענגען, און וואָס הער איך יעדעס מאָל, ווען איך בין אויף אייערע אבענדען ? די דערצעהלען וואָס פֿאַר אַ גליק זיי האָט געטראָפֿען, זיי האָבען בעקומען גוטע בילעטען און טהעאַטער, די האָבען אַ אויסגעצייכענטען מיטאָג געגעסען, די האָבען גלאַט אַזוי גוט און פֿרעהליך פֿערבראַכט, די האָבען געשפּיעלט אין קאָרטען, די האָבען דעם גאַנצען אָבענד געטאַנצט, דאָס הער איך איבערהויפּט פֿון מענער, פֿון ווייבער הער איך רעדען וועגען מאָדעס, און פֿון פֿריילייַן און יונגע לייט הער איך וועגען ליעבעס, דער יונגער מאַן איז שען, די פֿריילייַן איז אַ גרויסע שענהייט אָדער אַ גרויסע מאַ;סקייט, די איז פֿול מיט גראַציע און קען זיך קליידען און אויף דער היינגט דאָס קלייד. איך פֿרעג אייך וואָס פֿאַר אַ אינטערעס האָט פֿאַר מיר הערען דאָס אַלעס, גלויבט מיר אַז מיך נודעט אַזאַ געזעל־

שאפּט, אין די אלע פּערגניגען און די אלע גוט פּערברענגישען פּיהל איך קיין טעם.

— ניין, אידא, איהר האָט ניט רעכט, איהר משפּט צופּיעל די מענשען! אַזוי איז די וועלט, אַזוי איז דאָס לעבען און איהר וועט קיינעם ניט איבערמאַכען. וואָס זאָל מען טהון אַז מען האָט צייט און מען האָט געלד, משוגע קען מען דאָך ווערען, ווען מען זאָל ניט זוכען ווי פּערברייננגען גוט די צייט, ווי יעדער האָט ליעב.

— איך וויל גאָר ניט איבערמאַכען און קען ניט איבערמאַכען, איך וויל נור לעבען ווי איך וויל און קיינער קען מיר ניט נייטען איך זאָל לעבען ווי זיי. איהר זאָגט: וואָס זאָלען זיי טהון מיט זייער לעדיגע צייט, ווען זיי האָבען געלד און דאַרפֿען ניט זאָרגען פֿאַר לעבענס־מיטעל? זאָלען זיי זאָרגען פֿאַר די, וועלכע האָבען דאָס ניט. עס וואָלט זיי דאַן ניט געסטאיעט קיין צייט, עס וואָלט זיי ניט געוועזען לאַנגוויילינג.

— אידא! איהר רעדט ווי אַ קינד, איהר וועט עלטער ווערען, וועט איהר קליגער ווערען, איהר וועט אַנדערש פֿערשטעהן די וועלט און וועט לעבען גלייך מיט אַלע און זוכען די זעלבע פּערגעניגען ווי זיי, איהר וועט בעקומען ליעב דאָס לעבען און וועט לויפֿען נאָך יעדען ברעקעלע פּערגעניגען, וואָס מען קען נור בעקומען אין לעבען. מען קען ניט אייביג זאָרגען פֿאַר יענעם. אַז איך בין געוועזען אין אייערע יאָהרען, האָב איך אויך גערעדט און געמיינט אַזוי ווי איהר, אַזוינע שענע געדאַנקען פּאסען פֿאַר אייערע יאָהרען, פֿאַר יעדען יונגען מענשען, איך בין אויך אַזוי געוועזען.

— איך בין אויך אַזוי געוועזען, איך הער דאָס שוין פֿון אייך ניט דאָס ערשטע מאָל, נאָר איך וועל זיך קיין מאָל ניט בייטען, איך וועל שטענדיג זיין אַזוי ווי איך בין איצטער און הלואי וואָלט איהר און אַלע אַנדערע אייערע חברים זיך ניט איבערגעביטען, איך פֿרעג אייך, צוליעב וואָס האָט איהר זיך מיט אייערע חברים אין דער יוגענד געקריעגט מיט די עלטערן, געגעט זיך מיט אייערע ווייבער. וואָס טאַטע מאַמע האָבען געגעבען, געלערענט מיט טויט שרעקעניש די השכלה־ספרים, געראַנגעלט זיך מיט דער פֿינסטערניש, מיט דעם פֿאַנאַטיזם און אַנטלאָפֿען אין דער ליכטיגער וועלט אַריין, צו ליעב וואָס האָט איהר עס געטהון? שוין זשע נור דערפֿאַר, אַז אייך אַליין זאָל זיין

גוט און דערנאָך ניט וויסען וואָס צו טהון מיט דער לעדיגער צייט פון גוטסקייט ? אויב איהר האָט עס נור געטהון אַז אייך אַליין זאָל זיין גוט, האָט ניט געלוינט די גאַנצע געשיכטע, אייערע אַלע מלחמות וואָס איהר פלעגט פיהרען מיט אייערע עלטערן, מיט דער משפחה און מיט דער גאַנצער שטאָדט, באַלד ווען קיינער פון אייערע אומגליקליכע פינסטערע ברידער האָט פון אייך קיין נוטצען ניט, האָט איהר געקענט אויך בלייבען אין דער „פינסטערניש". די „ליכטיגקייט", צו וועלכער איהר האָט געצויגען, האָט קיינעם קיין נוטצען געבראַכט. איהר האָט מיר איין מאָל געזאָגט, אַז איהר פיהלט זיך אומגליקליך דערפאַר, ווייל אייער פרוי און קינדער זענען ניט אַזוי ווי איהר האָט געוואָלט, זיי זענען אייך פרעמד, איהר האָט גערעכענט [איין אַנדער פרוי, אַנדערע קינדער האָבען, נור איהר אליין, פרעג איך, זענט דען בעסער פון זיי ? וואָס האָבען אייערע ברידער, וועלכע איהר האָט איבערגעלאָזט אין דער פינסטערניש, געהאַט פון אייער ליכטיגקייט צו וועלכער איהר זענט געלאָפען ? אייך איז געראטען אין לעבען, אייער בילדונג, אייערע פעהיגקייטען האָבען אייך געבראַכט רייכטום, איהר האָט פאַבריקען, אַ סך געשעפטען, עס ארבייטען ביי אייך טויזענדער מענשען, עפּיס אַ סך יודען אַרבייטען אין אייערע פאַבריקען און אייערע געשעפטען ? ווען איהר און נאָך אַזוינע געוועזענע משכילים זאָלען אַזוי טראַכטען וועגען זייער פאָלק ווי אין דער יוגענד, וואָלט זיך גאָר אונז אַזוי שלעכט ניט געלעבט, ניט אַזוי אומגליקליך געוועזען און איהר זעלבסט וואָלט כלל דערפון ניט אָרימער געוואָרען. נאָר... איהר האָט אַלע אין אונז פערגעסען און אנטלויפט פון אונז, איהר מיידעט אונז אויס, איהר דערמאַנט זיך נאָך אַמאָל אן אונז, ווייל אייך איז ליעב זיך דערמאַנען אן אייערע יונגע יאָהרען, ווען איהר זענט געוועזען געזונד און שטאַרק, ווען איהר האָט געגעסען מיט אַפעטיט, געשלאָפען געשמאַק. פון אייערע קינדער וועלכע איהר האָט אַזוי ערצויגען, איז שוין גאָר קיין רעדע ניט, זיי וועלען זיך שוין אָן זייער אָרים פאָלק קיין מאָל ניט דערמאַנען, ווייל זיי האָבען זיך ניט אָן וואָס צו דערמאַנען. די שטאַרקערע און פעהיגערע מענשען געהן אוועק פון אונז און די שוואַכערע בלייבען : ניין, מיר יונגוואַרג, וואָס ציהען זיך איצט צו דער „ליכטיגקייט", וועלען זיך ניט בייטען, מיר וועלען זיך קיין מאָל ניט בייטען, מיר וועלען לעבען פאַר אונזער

פּאָלק, מיר וועלען אונזערע שוואַכערע קיין מאָל ניט פֿערגעסען, מיר ווועלען בעסער זיין פֿון אייך, פֿון אייערע אַמאָליגע משכילים. מיר זוכען אין לעבען אַנדערע ציעלען ווי פֿערגעניגען.

— מיט וואָס זשע וועט איהר בעסער זיין פֿון אונז? האָט סאלאמאנאוו געפֿרעגט.

— מיט דעם בעסער, וואָס מיר ווועלען ניט אַוועק ווייט פֿון אונזער פֿאָלק, ווי איהר האט געטהון, מיר ווועלען אונזער לעבען מְקָרֵב זיין פֿאַר אונזערע אומגליקליכע ברידער און שוועסטער, מיר ווועלען זיך ניט שעמען צו לעבען מיט זיי צוזאַמען. איהר האָט אַלץ געטהון נור צוליעב זיך, אַנטלאָפֿען אין דער גרויסער וועלט, זיך דערווייטערט פֿון אייערע ברידער, געטהון אַלץ אז מען זאָל אין אייך ניט דערקענען אַ סימן פֿון יוד. מיט אַלעם יודישען האָט איהר זיך געשעמט און אלעס נאָכגעטהון, נאָכגעקרימט זיך פֿרעמדע. אין אייער לעבען, אין אייער אויפֿפֿיהרונג, אין אייער ערציהען קינדער,— אַלעס, אַלעס האט איהר געטהון נור ניט יודיש. איצט ווען איהר זענט שוין אַלט, ווען איהר האָט זיך איבערציינט אַז די פֿרעמדע, צו וועלכע איהר זענט געלאָפֿען, זענען אַנטלויפֿען פֿון אייך און האָבען אייך פֿיינט, האָט איהר אָנגעהויבען חרטה האָבען. אייך האָט זיך אָנגעהויבען בייכקען צוריק קיין לאווראווע, אייער האַרץ ציהט צוריק צו אייערע אָרימע ברידער, צווישען וועלכע איהר האָט אַמאָל געלעבט, עס האט אייך אָנגעהויבען צוריק שמעקען דאָס יודישע עסען, עס האט אייך אָנגעהויבען געפֿעלען דאָס יודישע לעבען, איהר וואָלט אַלעס געוואָלט חאַפּען צוריק, אייך איז שווער צווישען פֿרעמדע, אפילו צווישען אייערע אייגענע ווייב און קינדער. נאר צו שפּעט, קיינעם קענט איהר איצטער קיין נוטצען בריינגען. וואו זענט איהר געוועזען ביי אייערע בעסטע יאָהרען, ווען איהר האָט באמת מיט אייערע פֿעהיגקייטען און יונגע קרעפֿטען געקענט בריינגען נוטצען? פֿון אייערע קינדער קען מען אודאי ניט ערוואַרטען קיין נוטצען פֿאַר זייער פֿאָלק, זיי ווייסען אפילו ניט ווער זייער פֿאָלק איז, זיין געשיכטע און זיין לעבען; מיר, יונגוואַרג, וואס קומען אַרויס פֿון פֿאָלק, ווועלען זיין בעסער פֿון אייך, לעוו אסיפּאוויטש, מיט אייערע אַמאָליגע חברים. מיר ווועלען זיין בעסער דורך דעם, וואָס מיר ווועלען זיך ניט שעמען מיט אונזער פֿאָלק, מיר ווועלען זיך ניט נאָכקרימען פֿרעמדע, מיר ווועלען אָפֿען לעבען מיט אונזער אייגען לעבען,

מיר וועלען אונזערע קינדער ערציהען אזוי אז זיי זאָלען קענען זייער פֿאָלק, זייער געשיכטע, זיי זאָלען ליעב האָבען דאָס פֿאָלק, פֿון וועלכען זיי קומען אַרויס, זיי זאָלען זייערע פֿעהינקייטען פֿערנוטצען פֿאַר איי־נענע, פֿאַר אונזערע שוואַכערע. דענטסמאָל ווען צווישען יודען וועט אויפֿשטעהן אַזא דור, אַז אונזערע בעסערע פֿעהיגערע מענשען וועלען פֿון אונז ניט אַוועק און אַרבייטען פֿאַר דעם כלל, וועט דאָס יודישע פֿאָלק ניט זיין אַזוי אומגליקליך, עס וועלען זיך דאן ניט געפֿינען אַזוי פֿיעל קאַליקעס ווי איצט ביי יודען.

טהייל פֿון די שבת־צונאַכט׳ס געסט האָבען מיט אַ שמייכעל געהערט „ווי אידא האָט געפֿאַנטאַזיערט“, אַזוי פֿלעגען זיי זיך שטענדיג אויסדריקען וועגען אידאס רעדען.

אָסיפּ באַריסאַוויטש, דאָס יונגע דאָקטור׳ל, האט ווי יעדעס מאָל איצט אויך זיך אָנגערופֿען מיט אַ געלעכטער: „עט, פּוסטע פֿאַנטאַ־זיעס!“ סאלאַמאַנאַוו האָט געשוויגען, נור ארקאַדיע מארקאָוויטש האָט געקוואָלען פֿון איהרע רייד, איהר געגלויבט אַלעס אויף דעם וואָרט און זיכער געוועזען אַז אידא ווייסט וואָס זי רעדט.

— לאַך ניט און רוף עס ניט אָן קיין פֿאַנטאַזיעס, האט ער זיך געווענדעט צו זיין חבר, דעם יונגען דאָקטאָר, ווייסען מיר דען וואס עס טהוט זיך מיט יודען אין דער פּראָווינץ? האָט אונז דען אַמאָל אינטערעסירט דאָס יודישע לעבען? מיר פֿלעגען נור אַמאָל הערען דערצעהלען וועגען יודען אין די קליינע שטעדטליך פֿון דיין אַלטמאָ־דישער מאַמע און מיר פֿלעגען לאַכען!

— נו מיין מאַמע, זי וואָלט געוואָלט אז איך זאָל נאך איצט אויך ווי קינדערווייז לייענען קריאת־שמע, ווען איך לעג זיך שלאָפֿען. חאַ, חאַ, חאַ, זי וויל האָבען פֿון מיר עולם־הבא אויף יענער וועלט און אַז איך זאָל איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר קענען זאָגען קדיש, אויף דערויף מיינט זי דאַרף מען האָבען קינדער.

— אייער מוטער וואָלט געוואָלט, אַז איהר, הער דאָקטאָר, זאָלט טראָגען אַ לאַנגע קאַפּאָטע מיט פאות, האָט זיך סאפיע מאַר־קאָוונע, די בעל־הבית׳טע, געוואָרטעלט.

מאשא און אַנא האָבען שרעקליך געלאַכט פֿון דעם ווערטיל.

גרישא! האָט מאשא גערופֿען פֿון צווייטען צימער איהר ברודער וואָס איז גראַדע דעם אבענד צו הויז געוועזען, ווייל זיין חודש געלה,

וָאס ער האָט יענע וואָך גענומען ביים פּאָטער, האט ער שוין אויס־
געבראַכט—גרישא, האָט זי ניט אויפגעהערט צו רופען און לאַכען —
דער דאָקטאָר קריינין וועט אָנטהון א קאפּאָטע מיט פאות!

גרישא האָט זיך געהאַלטען ביי די זייטען פון גרויס געלעכטער.

דער דאָקטאָר איז אַזוי צופרידען געוועזען, וואס זיין דערצעהלען פון זיין מוטער האט אַזוי פרעהליך געמאכט דעם עולם, אז ער האָט ווייטער אָנגעהויבען דערצעהלען וואס ער האָט קינדווייז אויסגעליטען פון זיין פרומער מוטער.

— איך געדענק, ווען איך בין נאָך געגאַנגען אין גימנאַזיע, איין מאָל אבענד איז צו מיר צוגעגאנגען די מאמע מיט א ווייסען האָהן, מיט וועלכען זי האָט געדרעהט איבער מיין קאָפּ, און מיך געצוואונגען, איך זאָל איהר נאָכזאָגען וואָרט ביי וואָרט, וואָס זי האט עפּיס גע־דאווענט, אין דעם איז צו מיר געקומען נאָך א בוך מיין חבר וואסיא טשאריקאוו, דו געדענקסט איהם, ארקאדיע,— ער דיענט היינט אין א דעפּארטאמענט,— און זעהט ווי מיין מאמע דרעהט מיך מיט א ווײַ־סען האָהן.

א גרויס לאַכען האָט זיך געהערט איבער דער גאַנצער זאַל, גרישא האָט געשריען „בראווא", סאפיא מארקאוונא האָט קוים דעם אָטהעם געהאפּט, זאָגענדיג אז זי וועט עס ניט אויסהאַלטען פון געלעכ־טער, אנאַ האָט געפּאַטשט מיט די הענד און זיך געהאַלטען ביי די זייטען, און מאשא האָט געקוויטשעט ניט מיט איהר קול. אלע האָבען געקוקט אויף אידאן און עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען אז מען לאַכט פון איהר. אידא איז בלאַס געוואָרען!

— הערט ווייטער, האָט דער דאָקטאָר ווייטער געדרש'ט, אזוי ווי איצט געדענק איך עס, איין מאָל האָט מיך די מאמע אויפגעוועקט גאַנץ פריה, מיר געהייסען זיך וואשען און דערלאַנגט מיר א גרינעם בעזעם מיט א גרויסער לימענע, איך זאָל שאָקלען און איהר נאָכזאָגען וואָרט ביי וואָרט וואָס זי האט געדאווענט.

— אודאי, איין אתרוג מיט א לולב, האָט געטראָפען איינער פון די געסט מיט געגלעטע וואַנצען.

— הערט זשע ווייטער, האָט דער דאָקטאָר דערצעהלט, ווען איך האב זיך אזוי געשאָקעלט, איז פלוצים ארויסגעפאַלען פון מיינע הענד די לימענע, אונזער הונד האָט דאָס מיט די צייהען אויפגעחאפּט

און אָנגעהויבען לויפֿען איבער דער שטוב. די מאַמע און עפּיס אַ יוד וואָס האט דאס אַלעס געבראַכט זענען דעם הונד נאָכגעלאָפֿען, און איך מיט דעם גרינעם בעזעם האב איהם געשלאָגען, ער זאָל די לימענע אָבלאָזען, ביז איך האָב דעם בעזעם צובראָכען.

אַ נייעם געלעכטער האט מען אויסגעשאָסען. און סאפיא, גרישא, מאשא און איבערהויפּט אַנאַ האָבען ווידער אַקוק געטהון אויף אידען, וועלכע איז נאך בלאסער געוואָרען, טרעהרען האָבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען.

פלוצים אין דעם גרויסען געלעכטער און פֿרעהליכע קולות אין דער בעלייכטער זאל האט אידא ניט מיט איהר: קול זיך איסטעריש צוויינט און זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון חליפען. דער עולם האט זיך דערשראָקען, זי האט עפּיס געוואָלט רעדען און ניט געקענט, מען האט איהר דערלאַנגט וואסער, דער דאָקטאָר איז צוגעלאָפֿען זי מונטערען, נאר זי האט איהם אָהן ווערטער אָוועקגעשטויסען פון זיך, דערנאָך ווען זי האט געטהון עטליכע זיפּ וואַסער און איז געקומען צו זיך האט זי זיך געווענדעט צו סאלאמאנאווען.

— איך בין דאָס לעצטע מאָל אין אייער הויז, זייט געזונד! און האט אָנגעהויבען אַוועקגעהן צו דער טיהר, סאלאמאנאוו מיט זיין פֿאַמיליע האָבען זי אָנגעהויבען בעטען בלייבען, די געסט האָבען זיך אָנגעהויבען אַריינמישען זי איבעררעדען, „פֿאַר וואָס" און „פֿאַר ווען" זי האט זיך אַזוי בעליידיגט.

— לאָזט מיך אָב, איך וויל אייך קיינעם ניט קענען, איך וועל אייך קיינעם מעהר ניט זעהן. זי האט זיך אויסגעריסען פון זייערע הענד און איז אַרויס פון זאַל.

ארקאדיע באריסאוויטש האָט אויף גיך געהאַפּט זיין פּאלטא מיט דעם הוט און איז איהר נאָכגעלאָפֿען שוין אויף די טרעפּ.

אידא האָט זיך שוין מעהר ניט אומגעקעהרט אין זאַל, ארקאדיע איז אויך פֿערפֿאַלען געוואָרען דעם גאַנצען היינטיגען שבת־צונאַכטס, די ערשטע מינוטען זענען אַלע געזעסען געדריקט פון דעם געפֿיהל וואָס מען האָט עפּיס ווי עמיצען אומזיסט בעליידיגט. די גאַנצע פֿריהערדיגע פֿרעהליכקייט איז אַוועק, נאר צוביסליך וויז האָט דער עולם אָנגעהויבען קומען צו זיך.

— אָט דאָס איז אַ משוגענע! האָט אָנגעהויבען סאפיא מארקאוונא.

— איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז זי איז משוגע, האָט אַנאַ זיך אויך אָנגערופֿען.

— זי איז קראַנק, מען דאַרף זי היילען, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, עס איז דאָ פֿיעל אַזוינע סוביעקטען, וואָס ווערען קראַנק אויף אַ געוויסע אידעע.—

— אַזוינע קריינק קען ניט אויסהיילען קיין דאָקטאָר מיט רעצעפּטען, האָט סאָפיא מארקאוונא זיך אָנגערופֿען, אַזוינע קען מען נור אויסהיילען מיט היפּנאָטיזם.

— צו דיר, צו אייך, צו אונז אַלע דאַרף מען האָבען היפּנאָטיזם, האָט לעוו אסיפּאוויטש געשריען מיט האַריץ, מיר זענען אַלע קראַנק אָבער ניט אידא, אונז דאַרף מען היילען, ווייל מיר זענען די אמת'ע קאַליקעס, פון וועלכע אידא רעדט, איך פֿרעג אייך דאָ אַלע— וואָס זענען מיר: יודען, קריסטען, טערקען צי קיטאיצעם? צי קענען מיר זיך אָנרופֿען האָטש מיט איינעם פֿון די אַלע נעמען? וואָס זשע זענען מיר? מענשען וואָס האָבען קיין נאמען, אָט דאָס זענען מיר, מיר קענען נור אָבלאַכען פון יענעם און פון זיך.

— פון אַזוינע נאַרישקייטען ווי כפרות שלאָגען און שאָקלען מיט דעם לולב מעג מען לאַכען, האָט זיך אָנגערופֿען דער אַלטער באריס קריינין, שוין לאַנג צייט אַז ביי יודען זאָלען אויפֿהערען די אַלע נאַרישקייטען, גענוג זיין אַזיאטען.

— אין דיר, ברוך'ל, ליגט נאָך דער אַלטער אַפּיקורס, האָט סאלאמאנאוו געענטפֿערט זיין חבר פון דער יוגענד, שוין אוים מאָדע געוואָרען די אַלע אַמאָליגע אַפּיקורסישע חכמה'ליך ווי אָבלייקענען און אָבלאַכען, אום מיט דעם צו ווייזען אַז מען שטעהט העכער פון פּראָסטען פֿאָלק. נאר זאָל זיין ווי דו זאָגסט „נאַרישקייטען”. איך פֿרעג דיך וואָס היטען מיר און אונזערע קינדער אָב אויסער די נאַרישקייטען? נאָר ניט! מיר האָבען קיין אמונה, קיין האָפֿענונג קיין אידעאַלען, מיר האָבען גאָר ניט! הערסט ברוך'ל—גאָר ניטט!... און מיר זענען ביי גאָר ניט געבליבען...

דעם איבריגען עולם האָט ווינציג אינטערעסירט דאָס געשפּרעך פון די עלטערע לייט און האָבען זיך פֿערקליבען אין א בעזונדער ווינקעל וואו מען האָט דערצעהלט פֿערשיעדענע אַנעקדאָטען.

— שוין אויס מאָדע צו זיין איין אַפּיקורס און פון אַלעס אָבלאַכען, ווי מיר מיט אונזערע חברים אין דער יוגענד פּלעגען טהון — האט סאַלאמאַנאוו ניט אויפגעהערט צו רעדען — געדענקסט, ברוך׳ל, ווי מיר פּלעגען לאַכען ווי אונזערע עלטערען פיהרען זיך, פון אונזער רב פּלעגען מיר שפּעטען ווי פון א שטאָדט משוגענעם, אַלע יודישע דינים און מנהגים האָבען מיר פון זיך באַלד אַראָבגעוואָרפען און געשפּעט פון די, וואָס האָבען זיך אין זיי געהאַלטען, — דאָס האָט אַליך געהייסען אַפּיקורסיש און אַפּיקורסיש איז דאן געוועזען זעהר אין דער מאָדע. אפילו אונזערע אַמאָליגע מְחַבְּרִים־אַפּיקורסים האָבען אין זייערע ביכער קיין אַנדערע זאַכען ניט געפונען צו שרייבען אין פּראָזע און אין שירים ווי האַפּען א יודישען מנהג אָדער א דין און לאַכען און שפּעטען. די הויפּטהעלדען האָבען געמוזט זיין א דייטש מיט א חסיד, דער דייטש האָט געמוזט שפּיעלען די ראָלע פון א אַפּיקורס, וואָס לייקענט אָב אַלעס, און דער חסיד אַלס פרומער יוד וואָס היט אָב אַלע יודישע דינים און מנהגים. געדענקסט, ווי מיר פּלעגען אַמאָל אָנקוועלען פון די ביכער לעזען, ווי דער אַפּיקורס פּלעגט זיך אזוי קונציג אויסטענה׳ען מיט דעם נאַרישען יודען — דעם חסיד און פערשטעהט זיך, אַז דער דייטש האָט סוף כל סוף געמוזט מנצח זיין דעם חסיד, דער אפיקורס פּלעגט בלייבען דער חכם און דער חסיד דער נאַר. מיר האָבען דערפון געקוואָלען, און אַליך פערגעסען און נור די ביכליך געלעזען, ווי גרויסאַרטיג און קינציג עס פּלעגען די אַמאָליגע מחברים אָבלאַכען אין זייערע ביכער פון די כפרות שלאָגען, הושענות קלאָפּען, אתרוג בענטשען, חנוכה־ליכטליך, משלוח־מנות, אַרבע־כוסות, מרור, זאָגען קינות, תשעה־באב, פון זאָגען סליחות און פון פיעל אַנדערע יודישע מנהגים, און מיר, קינדער, יונגע לייט, פּלעגען די אַלע ביכער איינשלינגען, זיך גענוג אָנלאַכען פון אַליך, פון דעם וואָס איז געוועזען גוט און שלעכט. איצט, ברוך׳ל, זענען די אַלע אפיקורסישע חכמה׳ליך אפילו ביי די מחברים אין די ביכער אויך אויס מאָדע געוואָרען, די מחברים נעמען היינט אויך כפרות, הושענות, דעם אתרוג, חנוכה־ליכטליך און די איבריגע זיבעצען יודישע זאַכען פאַר טעמעס צו שרייבען אין זייערע ביכער, נאר זיי לאַכען און שפּעטען שוין ניט ווי אַמאָל, זיי ווייזען אויך איצט אויף די שלעכטע זייטען, אָבער זיי בעהאַנדלען זיי ערנסט און פלאַנצען איין אין די לעזער נאָך מעהר ליעב־

שאַפֿט און ווארעמקייט צום יודישען פֿאָלק און אין דיר, ברוך׳ל, ליגט נאָך דער אַלטער אפיקורס, דו רעדסט און שפעטסט ווי אַמאָל. פֿע! שוין אויס מאָדע, ברוך׳ל, וואַרף שוין אויך אַרויס פֿון זיך דעם אַפּיקורס...

באָרים קריינין האָט זיינע אויערען ניט געגלויבט, שוין זשע רעדט אַזוי דער געוועזענער לייבעלע, דער גרעסטער לאַוראָווער אפיקורס?

— דו האַסט זיך איבערגעביטען, האָט קריינין געזאָגט סאָלאַמאָ־נאָווען, איך האָב קיין מאָל ניט געגלויבט אַז דו זאָלסט רעדען אַזוינע ווערטער.

— ניט איך האָב זיך איבערגעביטען, נאָר די צייט האָט זיך גע־ביטען, און מיר זענען געבליבען שטעהן אויף איין אָרט, מיר זענען גע־בליבען פֿון אונטען.

— שוין זשע טהוט דיר באַנג, וואָס דו ביזט ניט געבליבען אין דעם בלאָטיגען לאַוראָוואַ און לעבסט ניט אַזאַ פֿינסטער לעבען, ווי דיין טאַטע האָט געלעבט און ווי אַלע לאַוראָווער יודען לעבען.

— פֿאַר מיין אייגען נֶפֶש׳ל איז אַודאַי בעסער, וואָס איך בין אַוועק פֿון לאַוראָוואַ, וואָס איך לעב דאָ אין דער גרויסער שטאָדט איין אַנדער לעבען. מיר איז בעסער, איך עס בעסער, איך וואָהן שענער און זינדיג מעהר, נאָר פֿאַר דעם כְּלַל, פֿון וועלכען מיר פֿלעגען אַזוי פֿיעל דאַן רעדען און פֿאַר וועלכען מיר האָבען מִלְחָמָה געפֿיהרט מיט דער גאַנצער שטאָדט, וואָלט דען ניט גלייכער געוועזען, מיר זאָלען בלייבען לאַוראָווער יודען גלייך מיט אַלע? אפשר וואָלטען מיר דאַן מעהר נוטצען געבראַכט דעם כלל. מיט אונזער איבעראַנדערשען זיך האָבען מיר דערווייל אונזערע ״פֿאַנאַטישע ברידער, וועלכע לעבען אין דער פֿינסטער־ניש״ קיין נוטצען געבראַכט. אפילו אונזערע אייגענע קינדער האָבען מיר ניט געמאַכט פֿאַר אַזוינע מענשען, ווי מיר האָבען דאַן געוואָלט און זיך פֿאָרגעשטעלט.

— וואָס הייסט ניט געמאַכט, איך בין מיט מיינע קינדער צופֿרי־דען, איך האָב זיי געלאָזט לערנען און איצט זענען מיינע עלטערע צוויי זיהן דאָקטוירים, מיין טאָכטער וועל איך אויך מִסְתָּמָא געבען אַ דאָקטאָר פֿאַר אַ מאַן.

— איך בין אָבער מיט דיינע און מיינע קינדער ניט צופֿריעדען. אמת דיינע קינדער זענען דאָקטוירים, אָבער זיי זענען קיין יודען ניט, זיי ווייסען פֿון קיין יודישקייט, זיי קענען ניט פֿיהלען קיין צָרות רַבִּים,

ווער שמועסט נאָך עפּיס נוטצען ברייננען זייער פֿאָלק קענען זיי געוויס ניט, — פֿאַר וואָס דו ווילסט האָבען מיר געמאַכט אונזערע קינדער, אָבער ניט פֿאַר קיין יודען. אונזערע קינדער וועט זיין אין לעבען אפשר בעסער ווי די קינדער פֿון אונזערע חברים, וואָס מיר האָבען איבערגעלאָזט אין לאַווראָווא זיי וועלען ניט טראָגען די שווערע יודישע צרות, דעם יודישען ביטערען גלות ווי אַלע אַנדערע יודען, זיי וועט זיך אפשר לעבען גליקליכער און גרינגער אויף דער וועלט, אָבער וועמען האָבען מיר געבראַכט נוטצען? די אַלע, וואָס ווילען ניט זיין קיין יודען, לעבט זיך אודאי בעסער און גרינגער אויף דער וועלט. איך פֿרעג דיך, ברוך, צי האָבען מיר חאָטש מיט אונזער הַיִיזָרָה חאָטש אויסגעפֿיהרט, איין זאַך חַיִים געוועזען, איין וואָרט פֿון די פֿיעל ווערטער, וואָס מיר פֿלעגען רעדען אין דער יוגענד אין נאָמען פֿון דער השכלה? מיר האָבען אָבגענאַרט אונזער פֿאָלק און אונזערע אייגענע עלטערן, איצט קומט אויס אַז זיי זענען גערעכט געוועזען, וואָס זיי פֿלעגען אונז אַזוי זאָגען או פלאָגען, פֿאַר וואָס מיר האָבען זיך געוואָלט בילדען. ווי טרויריג איז עס, אַז מיר מוזען מודה זיין, אַז זיי, וואָס זענען געבליבען מיט זייער פֿאַנאַטיזם אין דער פֿינסטערניש זענען גערעכט קעגען אונז, וואָס מיר האָבען זיך מיט דערזעלבער פֿינסטערניש געראַנגעלט, קעגען אונז, וואָס מיר האָבען זיך געצויגען אין דער ליכטיגקייט...

באָריס קריינין האָט אַלץ ניט אין גאַנצען פֿערשטאַנען. סאַלאָמאָנאָווס ווערטער האָבען זיך ביי איהם אויסגעמישט אין קאָפּ, ער האָט ניט געהאַט און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערען, ער האָט נור געפֿיהלט אַז סאַלאָמאָנאָוו איז גערעכט, און אַז ער, קריינין, איז אין עפּיס שולדיג, עפּיס ליגט איהם אויף דעם געוויסען. אין זיין מוח איז אויפגעקומען זיין גאַנץ לעבען, זיין אייביג ראַנגלען זיך פֿאַר השכלה, פֿריהער מיט זיינע עלטערן און שווער און שוויגער, דערנאָך שוין אין דער גרויסער ליכטיגער וועלט מיט זיין אַלט מאָדישער פֿרוי שׂרה ביילע, מיט וועלכער ער ראַנגעלט זיך עד היום. יעדעס שטיקעלע פֿרייהייט, ווי אַ פּאַפּיראָס רויכנען אים שבת, האַלטען שבת אָפֿען דעם מאַגאַזין און דעסטגלייכען קומט איהם אָן ניט גרינג איבער שׂרה ביילען, וועלכע פּראָטעסטירט קעגען דעם אַלעמען מיט אַלע איהרע שוואַכע כּחות, און ער, באָריס קריינין, הערט זיך ניט אויף צו קריגען מיט איהר פֿאַר אַזוינע זאַכען,

פינקט ווי אַמאָל אין לאַווראָווא מיט שווער און שווינער, מיט זיינע עלטערן און מיט דער גאַנצער שטאָדט.

איבער דער געשיכטע וואָס איז היינטיגען שבת צונאַכטס אַזוי ניט ערוואַרטעט פאָרגעקומען מיט אידאַן, האָט מען זיך היינטיגען אַבענד אַביסיל פערגעסען. מען איז זיך צונויפגעגאַנגען שפּעטער ווי אַלע שבת־צונאַכטסען.

טרויעריג און אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ איז דער אַלטער קריינין געגאַנגען צו הויז, מיט איהם איז אויך געגאַנגען זיין זוהן, דער יונגער דאָקטאָר און זיין טאָכטער אַנאַ. דער אלטער קריינין האָט זיך דערמאַנט ווי זיין אָסיפּ האָט דעם היינטיגען אַבענד אַזוי פיעל געשפּעט פון יודישע מִנְהָגִים, אַז אידאַ האָט זיך בעליידיגט און אַנטלאָפען פון זייער געזעלשאַפט, איהם האָט פערדראָסען וואָס זיין זוהן איז געוועזען די אורזאַכע דערפון, און ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען, ער זאָל דאָס איהם ניט אַרויסזאָגען.

— אָסיפּ! ווי שעמסט דו זיך ניט אַזוי צו לאַכען און שפּעטען אין אַ געזעלשאַפט פון דיין מוטער און פון יודישע מנהגים. וואָס יודען היטען אָב זייט הונדערטער יאָהרען, דו ביזט זיך אַליין אויך אַ יוד.

אסיפּען, וואָס האָט זיך געפיהלט זעהר גוט פון היינטיגען אָבענד, וואו ער האָט אַזוי פיעל גערעדט און אלעמען הַנָאָה געטהון מיט זיינע חָכְמוֹת, האָבען זיין טאַטענס ווערטער אָבגעגאָסען ווי מיט קאַלט וואַסער.

אַנאַ, וואָס איז געוועזען דעם היינטיגען אָבענד זעהר צופרידען, וואָס מען האָט אויסגעלאַכט אידאַן, וועלכע האָט געמוזט אַנטלויפען פון זאָל אַזוי דאָס זי וועט שוין מעהר אין זייער געזעלשאַפט ניט קומען, האָט זעהר פערדראָסען אויף איהר טאַטען, וואָס ער נעמט זיך אָן פאַר אידאַן.

— זי האָט, ווער עס זאָל זיך פאַר איהר אָננעהמען, דו, פּאַפּאַ, דאַרפסט זיך פאַר איהר ניט אָננעהמען, האָט אַנאַ מיט פערדרוס זיך אָנגערופען — דו האָסט געזעהן, אסיפּ, ווי אַרקאַדיע איז ווי אַ רוח איהר נאָכגעלאָפען אויף די טרעפּ און שוין טאַקע אויך מעהר ניט געקומען אויף דעם אַבענד. חאַ, חאַ, אַ ברענענדיגע ליעבע! האָט אַנאַ געזאָגט מיט אַ ביטער געלעכטער.

— אָבער עס איז פאָרט ניט שען פון אסיפּען אַזוי זיך אויפפיהרען, האָט דער אַלטער קריינין ווידער אָנגעהויבען.

— וואָס איז ניט שען ? האָט אסיפ מיט כּעס געענטפערט, איך בין שוין ניט קיין קינד, וואָס דו דאַרפסט מיך לערנען ווי אויפצופיהרען זיך אין אַ געזעלשאַפט.

— אָבער עס איז פאָרט ניט שען פאַר אַ יודישען דאָקטאָר אַזוי זיך אויפצופיהרען.

— דו געהסט שוין נאָך דער מאַמען... וואָס בין איך פאַר אַ יודישער דאָקטאָר ? איך בין אַ דאָקטאָר, אָבער ניט קיין יודישער. פּראַקטיקע האָב איך ביי קיין איינציגען יודען, וואָס קער איך זיך אָן מיט יודען? איך בין ניט שולדיג אַז וואָס מיין טאַטע איז אַ יוד, איך וואָלט געקענט מאַכען די בעסטע קאַריערע, ווען מיינע עלטערן זאָלען ניט זיין קיין יודען. נאָך איצט וואָלט איך געקענט מאַכען די בעסטע קאַריערע, ווען איך זאָל נור וועלען . . . וויפיעל מאָל האָט מען מיר שוין פאָרגעלעגט... נאר איך וויל עס פאָרט ניט טהון איבער דיר... דיך וואָלט מען נאָך איבערגערעדט, נאר די מאַמע שטעהט מיר אין וועג... איך טהו עס ניט, חאָטש דאָס מעהר פון מיינע חברים האָבען דאָס שוין לאַנג געטהון און זענען גליקליך... דאַרפסט דו מיך נאָך אויסרעדען, וואָס איך פיהר זיך שלעכט אויף... וואָס ווילסט דו איך זאָל נאָך איצט אויך שאָקלען מיט דעם גרינעם בעזעם, ווי די מאַמע האָט דאָס מיט מיר געטהון, ווען איך בין אַ גימנאַזיסט געוועזען, און נאָך אַזוינע נאַרישקייטען, וועלכע זי פלעגט מיך צווינגען צו טהון... שוין צייט אַז ביי יודען זאָלען אויפהערען אַלע פוסטע נאַרישקייטען, וואָס עס איז פראָסט אַ בִזָיוֹן און צום לאַכען, ווען מען הערט דאָס דערצעהלען.

אַנאַ האָט זיך דערמאַנט די סצענעמיט דעם גרינעם בעזעם וואָס אסיפ האָט דערצעהלט און האָט זיך פלוצים פרעהליך צולאַכט.

—דו אויך ? האָט איהר פאָטער מיט פערדרוס זיך אָנגערופען, דו ווייסט נאָך ניט ווער דיין מאַן וועט זיין, אפשר וועט ער ניט לאַכען פון אַזוינע זאַכען.

– איך, האַ, האַ, אפשר וועט ער גאָר קיין יוד ניט זיין, האָט אַנאַ פרעהליך געענטפערט מיט אַ גנעלעכטער דערמאַנענדיג זיך דערביי אַז דעם איינציגען יודישען יונגענמאַן, וואָס איז איהר געפעלען, אַרקאַדיע מאַרקאָוויטשען, האָט זי שוין פערלאָרען אַ דאַנק אידאַן. אַרקאַדיע האָט איהר איין מאָל גאַנץ אָפען געזאָגט אַז אויב ער וועט ניט חתונה האָבען מיט אידאַן וועט ער אויף אייביג פערבלייבען אַ בָחור.

דער אַלטער קריינין האָט פֿערשטאַנען זיינע קינדערס ווערטער מיט אָנצוהערענישען, ער האָט גוט געוואוסט אַז עס איז פון זיין זייט נאַריש, וואָס ער רעדט מיט זיי וועגען יודישקייט, ער האָט זיי זעלבסט אַזוי ערצויגען, אַזוי געלערענט און אויב זיי האָבען אין גאַנצען ויך ניט אָבגעזאָגט פֿון דעם נאָמען יוד, איז נור צו פֿערדאַנקען דער אַלטער מאַמען, דער האַלב קראַנקער שׂרה ביילען, וועלכע האַלט איהרע זיהן איין מיט אַלע לעצטע קרעפֿטען, זיי זאָלען חאָטש אויף איהר קבֿר דעם ערשטען קדיש קענען זאָגען.

— און דערנאָך... דערנאָך, ווען שׂרה ביילע וועט פֿערלירען איהרע אַלע כּחות, נאָך איהר טוידט אַז עס וועט שוין ניט זיין, ווער עס זאָל מלחמה האַלטען פֿאַר דאָס ביסעלע יודישקייט וואָס האַלט זיך נאָך אין זיין הויז, דערנאָך... וועלען איהם די קינדער צו ליעב זייערע קאַריערעס אווועקוואַרפֿען, איהם רופֿען צו זיך... אָדער ער וועט בלייבען אַליין... וואָס קען זיי אָבהאַלטען, וואָס קערען זיי זיך באֱמֶת אָן מיט יודען? און ווער איז שולדיג אין דעם אַלעמען? איך! איך! סאַלאַמאָנאָוו איז גע־רעכט, אידאַ האָט אונז אָנגערופֿען קאַליקעס, קען דען נאָך זיין גרעסערע קאַליקעס, ווי איך מיט מיין הויזגעזינד זענען? צובראָכענע סקאַליטשעטע מענשען אָהן איין גאַנצען אֵבר.

און דער אַלטער קריינין האָט נאָך נידריגער אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, געהענדיג שפּעט אין דער נאַכט צוזאַמען מיט זיינע קינדער.

# X.

## צווישען נייע פֿריינד.

אידאַ וואָהנט שוין לאַנג ניט ביי קריינינען אין הויז. נאָך זומער, ווען זי האָט פֿערבראַכט אויף דער דאַטשע ביי סאַלאָמאָנאווען צווישען איהרע בעקאַנטע, האָט זי בעמערקט ווי אַנאַ האָט זיך צו איהר איבער־געביטען. אין אָנהויב האָט זי ניט פֿערשטאַנען פֿאַר וואָס, זי האָט געזוכט איין אורזאכע און האָט זי באַלד געפֿונען. אַנאַ אַליין האָט איהר געזאָגט, אז זינט אידאַ איז געקומען, האָט זי אָנגעוואָרען אַלע איהרע האָפֿענונגען אויף ארקאַדיע מאַרקאָוויטשען, וועלכען זי האָט ליעב געהאַט פֿון קינדווייז אָן. אַרקאַדיע האָט איהר אַליין דערצעהלט אַז ער קען אָהן אידאַן ניט לעבען. אידאַ האָט זיך פֿערענטפֿערט, אַז זי פֿיהלט זיך אין דעם כלל ניט שולדיג, ניט ווענען אַזוינע זאַכען איז זי געקומען קיין פעטערסבורג, זי איז געקומען לערנען, אַרבייטען. אָבער אידאַ האָט שוין מעהר ניט געקאָנט זיין אנאַ'ס אַ חַבֶרְתָּה און איז איבערגעפֿאָהרען אין אַ פֿרעמד הויז אויף דעם פֿינפֿטען שטאָק, וואו עס ווערען פֿערדונגען קליינע ביליגע צימערליך פֿאַר פֿריילײַן קורסיסטקעס, וועלכע לערנען אין פֿערשיעדענע שולען.

איהר פֿאָטערס פֿריינד קריינון און סאַלאַמאָנאוו זענען געוועזען דאַגעגען וואָס זי איז איבערגעפֿאָהרען אין אַ פֿרעמד הויז, יעדער האָט זי געבעטען איבערפֿאָהרען צו זיי. אַנאַ איז זעלבסט געקומען זי איבערבעטען אַז זי זאָל צוריק איבערפֿאָהרען צו זיי אין הויז. איהרע עלטערן האָבען איהר אויך געשריעבען אַז זי זאָל נור וואָהנען ביי זיינע פֿריינד, ביי קריינינען אָדער ביי סאַלאָמאָנאָווען, נוּר אידאַ האָט זיך אַזוי גוט געפֿיהלט אין דעם פֿרעמדען הויז צווישען די נייע חברתעס, אַז זי האָט פֿון נאָך אַמאָל איבערפֿאָהרען ניט געוואָלט וויסען און הערען. זי האט געשריבען איהרע עלטערן אַז זי איז שוין ניט קיין קינד און ווייסט אַליין ווי זי דאַרף זיך אויפֿפֿיהרען אין לעבען. זי וויל ניט זיין קיין [illegible]יסטיגע עסערין, זי וויל לעבען פֿון איהר אייגענער אַרבייט. די ערשטע צייט איז זי געוועזען אַ גאַסט און האָט ניט גע־קענט דאָס לעבען אין דער נייער שטאָדט, אָבער איצט איז זי שוין אַ פעטערסבורגער איינוואָהנערין. איהרע עלטערן האָבען ווילענדיג ניט

ווילענדיג געמוזט דערויף בעשטעהן, קענענדיג זייער ליעב קינד אַז זי ווייסט וואָס זי טהוט.

צווישען די נייע חברת'עס האָט זיך אַנאַ באמת געפונען זעהר גוט, זי האָט אין זיי געפונען איהר וועלט, איהר לעבען, זי האָט אין זיי געפונען דאָס, וואָס זי האָט שוין לאַנג געזוכט, — דיזעלבע אידעאַלען אין לעבען, צו וועלכע זי האָט זיך אַליין געצויגען. זי האָט איצט געזעהן אַז די איז ניט איינע, אַז עס איז נאָך דאָ אַ סך אַזוינע ווי זי, וואָס האָבען אַוועקגעוואָרפען זייער היים צוליעב דעם לערנען און קענען אַרבייטען.

צווישען איהרע חברת'עס— די קורסיסטקעס האָט זי געפונען פיעל יודישע פרייליין פון פערמעגליכע עלטערן, וועלכע האָבען זייערע טעכטער נערופען אַהיים, זיי צוגעזאָגט טויזענדער נדן, זיי זאָלען חתונה האָבען און ניט זיך וואַלגערען אין פרעמדע שטעדט צווישען פרעמדע מענשען, וואָהנען אויף דעם פינפטען שטאָק און עסען בילינע מיטאָגס. נאר די קינדער פלעגען ניט אויפהערען שרייבען זייערע עלטערן, אַז זייער גליק איז ניט אין דעם נדן, זיי ווילען פריהער ווערען אַליין מענשען, אַליין פאַר זיך קענען פערדיענען ברויט, זיי ווילען ניט אַז מען זאָל פאַר זיי בעצאָהלען די מאַנען מען זאָל זיי צונעהמען ביי די עלטערן.

די עלטערן האָבען ניט פערשטאַנען זייערע קינדער, די קינדער האָבען ניט געוואָלט פאָלגען די עלטערן. פון ליעבשאַפט צו די קינדער האָבען די עלטערן פון דעסטוועגען געשיקט געלד אויף צו לעבען, און די עלטערן וואָס האָבען גערעכענט, אַז ווען זיי וועלען ניט שיקען קיין געלד, וועלען זייערע קינדער מוזען אַהיים קימען, האָבען געהאַט אַ גרויסען טעות; מען איז זיך בעגאַנגען אָהן זייער געלד, מען האָט געלעבט פון בילינע שטונדען, געגעסען אַ מיטאָג איין מאָל אין דריי טעג, געלעבט נור מיט טהע און ברויט און מען האָט געלערנט, געאַרבעט, און פרעהליך און מונטער געוועזען.

ביי אַזאַ לאַגע האָבען זיך איבערגליקליך געפיהלט אָט די אַלע יודישע מיידליך פון דער יודישער טשערטאַ, וואו זיי האָבען זיך געפיהלט אָהן לופט אַז זיי ווערען דערשטיקט, און זיי זענען דערום אָהן רעכנונג, אָהן איבערלעגונג געגען ווילען פון זייערע עלטערן געלאָפען אין דער גרויסער שטאָדט לערנען.

אויף דעם פינפטען שטאָק אין א קליין צימעריל מיט א קליין פענסטעריל, דורך וועלכען מען זעהט א סך קוימענעס מיט א שטיקעלע הימעל, פלעגען זיך צוזאמענקומען עטליכע חברת'עס, דאָס מעהר האַלב הונגעריגע, האַלב זאַטע און ביי טהע מיט ברויט האָט מען געלאַכט און דערצעהלט פון זייער שולע—די אקושארסקע קורסען.

נעכטען זענען זיי געוועזען אין דעם אנאטאָמישען זאל, וואו דער פראָפעסאָר האט פאר זיי געהאַלטען א לעקציע און דערביי צושניטען א טויטען קערפער. זיי זענען שיער חלשות געבליבען פון דעם ניט גוטען ריח, נאר איצט ארט זיי שוין ניט, נאר קיין פליישיגען מיטאג קענען זיי פון דעגסמאָל אָן ניט עסען. אָבער ווי גוט האָט דער פראָ-פעסאָר ערקלערט, ער האט זיי געעפענט די אויגען — זיי וויסען איצטער ווי א מענש איז געבויט.

איינע האפט ארויס פון אונטער'ן בעט א קעסטיל מיט מענשען-ביינער און אויך א קאָפ, די וואָס זענען ניט לאנג ארייגעטרעטען אין דער שולע הויבען זיך אָן שרעקען, נאָר די עלטערע קורסיסטקעס לאַכען, די יונגערע מאַכען זיך האַרץ אז זיי האָבען קיין מורא ניט און נעהמען דעם קאָפ מיט די איבריגע ביינער אין די הענד.

— נו, טרעפט, וואו געפינט זיך דער און דער ביין, פרעגט איינע, און די צווייטע טרעפט און ווייזט אָן אויף זיך אָדער אויף א חברתה וואו אזא ביין געפינט זיך.

— אייערנעכטען בין איך געוועזען דעזשורנע, בעריהמט זיך איינע, איך האָב געהאַט פיער געווינערינען, איינע איז געשטאָרבען אויף מיינע הענד און ביי דריי האָב איך קינדער גענומען — אזוינע שענע געזונטע קינדערליך.

— איך האָב בעקומען פון מיין מוטער א בריעף, דערצעהלט איינע פון בערשיד, זי פרעגט מיך, צי עס איז אמת וואָס מען האָט איהר דערצעהלט, אז ביי מיר אין צימער געפינען זיך מענשען-ביינער מיט א קאָפ פון א מענשען און ווי אַזוי האָב איך קיין מורא ניט צו שלאָפען מיט די ביינער צוזאמען אין איין צימער.

אַלע שיסען אויס א געזונטען יונגען געלעכטער.

פיעל דערמאַנען זיך אין זייער ווייטע היים, און זיי ווערען בעלעבט פון שטאָליץ, מיט וועלכען זיי קוקען אויף זייערע איבער-געבליבענע אין דער היים שוועסטער, וואָס זיצען פערלעגט די הענד,

פוטצען זיך יעדען טאָג און וואַרטען ביז מען וועט ברענגען אַ חתן, וועלכער וועט זיך הייסען בעצאָהלען.

— איך וואָלט זיך געפיהלט זעהר אומגליקליך ווען איך זאָל געוועזען בלייבען אין דער היים.

— איך וואָלט פריהער געשטאָרבען, ווען דער צוועק פון מיין לעבען זאָל נור בעשטעהן אין דעם, צו וואַרטען אויף אַ חתן. עס וועט קומען אַ שדכן, די מאַמע וועט זיך מיר הייסען אויספוטצען אין דעם שענסטען קלייד, דערנאָך וועט קומען אַ פוסטער בחור, וועלכען איך קען ניט און וויים ניט און זעה דאָס ערשטע מאָל, און מיט אַזוינעם וועל איך דאַרפען די וועלט אָבלעבען, אייביג זיין אבהענגיג פון איהם, אויסשטעהן אַלע זיינע קאַפריזען, ווייל ער וועט מיך מְפַרְנֵס זיין. — איך וואָלט פריהער געשטאָרבען ווען איך זאָל געוועזען בלייבען אין דער היים, ניט פאָהרען לערנען.

און אַלע זענען גליקליך, אַלע זענען צופרידען, וואָס זיי גע־פינען זיך דאָ אין דער גרויסער שטאָדט און לערנען אַרבייטען.

אידא איז מקנא איהרע חברת׳עס, וואָס זענען שוין אַריינגעטרעטען אין דער שולע, זי גרייט זיך צום עקזאַמען, זי וואָלט אויך געוואָלט הערען דעם פראָפעסאָרס לעקציע, זי וואָלט אויך געוואָלט זיין דע־זשורנע אין קליניק פון די אקושארסקע קורסען, זי וויל אויך אַרבייטען און יענעם נוטצען ברענגען.

אידא גלויבט פעסט אין איהרע פעהיגקייטען אַז זי וועט דעם עקזאמען אויסהאַלטען און ווערען אין ניכסטען אַ קורסיסטקע. אויסער וואָס זי גרייט זיך צום עקזאמען, מוז זי נאָך לויפען אויף די בילינע שטונדען, פון די קליינע פערדינסטען לעבט זי אַזא לעבען ווי דאָס מעהר איהרע חברת׳עס.

אַזא זעלבסטשטענדיג לעבען פול מיט אַרבייט און האָפענונג גיט איהר צו מעהר לעבען, מעהר קרעפטען און זי פיהלט זיך גליקליך.

צוליעב איהרע עלטערן קומט זי אַמאָל צו קריינינען און צו סאלאמאנאווען אין הויז, נאר עס איהר שטענדיג דאָרטען אַליין פרעמד, אַלעס וואָס זי הערט דאָרט רעדען האָט פאַר איהר קיין אינטערעס, זי בעגעגענט זיך דאָרט מיט מענשען, מיט וועלכע זי קען ניט רעדען און פערשטעהען זיך ניט איינער דעם אַנדערען, נאר זי געהט צו איהר טאָ־טענס פריינד.

אנא לויפֿט אויך אַמאָל אַריין צו איהר אויף דעם פֿינפֿטען שטאָק זעהן וואָס זי מאַכט, שטענדיג אָנגעטהון אין זיידענס מיט דעם נייעס־טען מאדנע היטעלע, מיט דעם שענסטען זיידענעם זאנטיק און מיט קאָ־ליערענדיגע האַנדשקעליך, זי טרעפֿט אָפֿט ביי איהר אין צימערל איהרע חברת׳עס. אַנאַ דערצעהלט זיי פון אַלע נייעס וואָס מען האָט געשפּיעלט אין טהעאַטער, פון די אַבענדס, וואו זי האָט געטאַנצט, פון די נייעס־טע מאָדעס, אַלע שווייגען און הערען. אַזוי רעשט אַנאַ דאָרט אָב אַ האַלבע שעה און רעשענדיג אַנטלויפֿט זי זאָגענדיג דערביי, אַז מען זאָל איהר ענטשולדיגען, זי האָט קיין צייט ניט און בעט אידאן זי זאָל צו זיי קומען; קיינער האַלט זי ניט אויף און אַנאַ לויפֿט אַוועק און האָט נאָכדעם אויף דריי טעג צו דערצעהלען פון די משוגענע פּראָווינציאַל־נע פֿריילין, וואָס טראָגען היטעליך מיט קליידער פון פֿאַר דריי יאָהרע און לעבען ווי קאַטארזשניקעס.

אַמאָל פֿלעגט אַנאַ אַריינלויפֿען צו אידאן מיט אַ שמחה, אַז זין האָט אַ לאָזשע אין טהעאַטער און איהר פֿאָטער בעט אידאן זי זאָל אויך געהן, נאר אידא פֿלעגט זיך אָבזאָגען, אַז זי האָט ניט ליעב צו זיצען אין אַ לאָזשע, איהר איז פֿרעהליכער צו געהן אין טהעאַטער מיט איהרע חברת׳עס אויבען אויף דער גאַלעריע פֿאַר צוואַנציג־דרייסיג קאָפּיקעס אַ בילעט, דאָרט איז איהר פֿרעהליך, דאָרט האָט זי הנאה פֿון טהעאַטער, זי געפינט זיך דאָרט היימיש, מען קלאַפּט און מען רופֿט אַרויס די אַקטיארען און אין לאָזשע איז איהר סקוטשנע, מען דאַרף דאָרט זיצען ווי ביי יענעם צו גאַסט.

און אַנאַ האָט ווייטער אַ צייט צו דערצעהלען פֿון דער משוגענער פּראווינציאלקע.

פֿון דער צייט אָן, זינט אידא האָט אויף סאלאמאנאַוס שבת־צור־נאַכטסען זיך צוּווינט פֿון דעם יונגען דאָקטאָרס ווערטלען זיך, האָט זי אין גאַנצען אויפֿגעהערט צו קומען צו איהר פֿאָטערס פֿריינד. זי ווייסט אַליין ניט, זי קען זיך זעלבסט ניט אָבגעבען קיין חשבון פֿאַר וואָס זי האָט זיך פֿון דעם דאָקטאָרס חכמ׳נען אַזוי בעליידיגט און פלוצים אונ־ערוואַרטעט פֿאַר זיך זעלבסט, האָט זי אויסגעשאָסען מיט אַ געוויין און איז אַנטלאָפֿען, געזאָגט אַז זי איז אין דעם הויז דאָס לעצטע מאָל, זי וויל זיי אַלע מעהר ניט קענען.

אידא האט זיך דערנאך געשעמט פאר זיך אליין, וואס זי איז אזוי נאריש, אזוי קינדעריש ארויסגעשפרונגען אז אלע האבען פון איהר געלאכט, זי וואלט געקענט אויך אהן אזא ארויסשפרינגען אויפהערען געהן צו זיי.

אויף דעם צווייטען טאג, ווען סאלאמאנאוו מיט זיין פרוי זענען צו איהר געקומען זי אויסזידלען פאר וואס זי האט זיך אזוי אויפגעפיהרט און זי געבעטען זי זאל ווייטער אנהויבען צו זיי געהן, ווייל „וואס קעהרט זיך איהר אן, וואס דער נארישער דאקטאר ווערטעלט זיך,“ האט זיך אידא פערענטפערט:

— איך ווייס אליין ניט וואס מיט מיר איז דאן פארגעקומען, זיין שפעטען האט מיך אזוי בעליידיגט, עס האט מיך אזוי אנגעכאפט ביים הארץ, אז איך זאל זיך פון וועהטיג ניט געוועזען צווויינען, וואלט געוועזען מיט מיר פיעל ערגער — איך וואלט דעם דאקטאריל אזוינס געזאגט, אז ער וואלט אנטלאפען—, גלייכער אז איך בין אוועק.

פון דעסטוועגען איז זי שוין מעהר אויף קיין אווענדען ניט געגאנגען צו סאלאמאנאווען אדער צו קרייניגען אין הויז, זי פלעגט נור אמאל אריינלויפען וועגען פערשיעדענע זאכען, וואס איהר פאטער פלעגט זיך מיט זיי איבערשרייבען און פערלאנגען פון איהר זי זאל דארט זיין, נאר אין זייער געזעלשאפט האט זי מעהר ניט פערבראכט.

און אידא איז פון דעם געוועזען צופריעדען.

— וואס קעהר איך זיך אן מיט זיי, פלעגט זי זאגען, זיי האבען אנדערע אינטערעסען אין לעבען ווי איך, זיי לעבען אין איין אנדער וועלט און איך ווידער אין איין אנדערער.

פון דער צייט אן האט זיך אידא ערנסט גענומען צום לערנען. די צייט געהט ניט אזוי אוועק „פוסט ווי פריהער“, פלעגט אידא זאגען ארקאדיע מארקאוויטשען, דעם איינציגען פון איהרע פריהערדיגע בעקאנטע, וואס פלעגט אפט קומען צו איהר. זיי פלעגען ביי מיר צורעהמען די צייט אויף נארישקייטען, איך וועל זיי ניט איבערמאכען און זיך ברענג איך שאדען — פריהער פאר אלעמען דארף איך פון זיך זעלבסט מאכען א מענש און דערנאך קען איך דאסזעלבע פערלאנגען פון אנדערע — פערלאנגען פון יענעם און אליין גאר ניט טהון, דאס איז ניט גוט, נאר... איך וועל זיי ווייזען.— איך וועל זיי ווייזען ווי א מענש דארף לעבען אויף דער וועלט! האט זי געזאגט און א מאך גע־

טהון מיט דער האַנד אין דער לופטען, ווי איינער וואָס פיהלט, אַז ער איז שטאַרק און האָט אַסך קרעפטען.

— וואָס זשע וועט איהר ווייזען, וואָס וועט איהר טהון? איהר ווילט אָנקומען אין די קורסען, איהר ווילט זיין אַיין אַקושאַרקע, איהר ווייסט וואָס פאַר אַ שווערע אַרבייט דאָס איז, בעדיענען קראַנקע, ניט דערשלאָפען קיין נעכט, איהר וועט זיך קאַליע מאַכען אייערע שענע אויגען, איהר געזונד, אייער ברויכט דאָס אַלעס ניט, איהר וואָלט געקענט גליקליך מאַכען איין מענשען און וואָלט געלעבט גליקליך.

אידא האָט אַזוינע ווערטער גאַנץ אָפט געהערט פון אַרקאַדיען, וועלכער האָט זיך פון דער ערשטער בעקאַנטשאַפט מיט איהר ביי קריינינען אין הויז זיך איהר איבערגעגעבען מיט דעם גאַנצען לעבען אָהן שום רעכנונג, ער האָט זיך געפיהלט גליקליך ווען ער האָט זי געזעהן, מיט איהר גערעדט, האָטש ער האָט גוט געוואוסט אַז אידא טראַכט גאָר קיין מאָל ניט פאַר איהם אַ כלה צו ווערען, ער האָט געוואוסט אַז זי שעצט איהם נור ווי איין איבערגעגעבענעם פריינד. ער האָט זיך דערוואוסט אַז זי האָט ליעב איין אַנדערען פון איהר געבורטסשטאדט לאווראווע. דערנאָך ווען הירשעל האָט חתונה געהאַט, האָט ארקאדיע אָנגעהויבען מעהר האָפען, נאר באַלד האָט ער זיך דערוואוסט אַז עס איז אומזיסט. אידא האָט איהם גלייך אָפען דאָס אַרויסגעזאָגט. און פון דעסטוועגען האָט ארקאדיע ניט אויפגעהערט זיין איהר איבערגעבען מיט דעם גאַנצען לעבען.

— איך וויל ברענגען גליק ניט נור איין מענשען — איך וויל מיט מיין לעבען ברענגען גליק פיעל מענשען—שוואַכע נויטבעדערפטיגע וועלכע נייטיגען זיך אַז געזונדע שטאַרקערע זאָלען זיי העלפען — ווען איך האָב צוויי לעבענס וואָלט איך איינע אָוועקגעגעבען אייך און די צווייטע זיי, נאר איך ווי יעדער מענש האָב נור איין לעבען און דאָס איינציגע לעבען מיינס וויל איך אָוועקגעבען זיי — דעם סך אומגליקליכע.

— פון דעסטוועגען, ווען אייער הירשעל זאָל ניט געוועזען חתונה האָבען פאַר איין אַנדערע, וואָלט איהר „דעם גאַנצען סך" אָוועקגעוואָרפען צוליעב איהם — איהר וואָלט איהם אַוועקגעגעבען אייער לעבען. איך בין אומגליקליך נור דערפאַר וואָס איך בין ניט הירשעל.

— מען האָט אייך ריכטיג ניט איבערגעגעבען וועגען הירשלען. דאָס איז אמת. איך האָב איהם ליעב געהאַט פון קינדווייז אָן, ער אי

אין אונזער שטעדטיל געוועזען דאָס פֿיינסטע לייטישסטע יונגיל, אָבער דערזעלבער קאַליקע ווי פֿיעל אַנדערע ביי אונז. ווען איך האָב זיך דערוואוסט אַז הירשעל האָט חתונה געהאַט, איז דאָס ביי מיר געוועזען ווי איין אַלטער נייעס, איך האָב אַזא נייעס ערוואַרטעט פֿון טאָג אויף טאָג, וואָס דען זאָלען זיינע עלטערן טהון מיט אַזא יונגען מאַן? נור מיין מוטער האָט איצט גרויסע יסורים, וואָס איהר טאָכטער האָט אַזא גליק אָנגעוואָהרען, און איהר, אַרקאַדיע מארקאוויטש, האָט איצט אויך גרויסע יסורים, וואָס איך וויל אַוועקגעבען מיינע אויגען מיט מיין גאַנ׳ץ שענקייט קראַנקע— וואָס איך וויל ווערען איין אַקושארקע, בעת איך וואָלט געקענט זיין אייער פֿרוי. איהר וואָלט מיך פֿערזאָרגט מיט דעם שענסטען און בעסטען, מיט שענע צימער, מיט דיענסטען, איהר וואָלט אויף מיר קיין שטויב ניט געלאָזט פֿאַלען, איך וואָלט שטענדיג געגאַנגען אין זיידענס און געפּעסטעט זיך אויף ווייכע שטולען, נאַר איך פֿרעג אייך, וואָס וואָלט איך זעלבסט אַ גאַנצען טאָג געטהון? איך וואָלט געוועזען אַ ווירטהין, דאָס הייסט, איך וואָלט בעדאַרפֿט אַכטונג געבען, דער מיטאָג זאָל זיין אין דער צייט, די דיענסטען זאָלען עטליכע גרויפּען פֿון טאָפּ ניט אַרויסגנב׳ענען און נאָך אַזוינע בעל־הבית׳טע אַרבייטען פֿאַר אַ פֿרוי, כְּדַאַי ח׳לעבען אַוועקצוגעבען אויף אַזוינע זאַכען אַ גאַנ׳ץ לעבען, איך פֿיהל זיך פֿעהיג צו בעסערע אַרבייטען.

— מיר וואָלטען איינגעפֿיהרט ביי זיך אַבענדען, מען וואָלט געקומען צו אונז, מיר וואָלטען געגאַנגען צו יענע, אַמאָל אין טהעאַטער, אַזוי וואָלט די צייט אַוועקגעגאַנגען און מיר וואָלטען געלעבט אַ גליקליך לעבען.

— דאָס אַלעס, וואָס איהר האָט מיר דאָ אויסגערעכענט, געפֿעלט מיר ניט, אין אַזא לעבען געפֿון איך קיין גליק, קיין אינטערעס, איך וועל אייך ווייזען צו וואָס איך בין פֿעהיג און ווי אַ מענש דאַרף לעבען. איך וועל אייך ווייזען, האָט אידא ווידער ענערגיש אַ מאַך געטהון מיט איהר שען הענדטיל אין דער לופֿטען מיט אַזא ענערגיע, מיט אַזוי פֿיעל קראַפֿט, אַז ארקאדיען האָט זיך באמת אויסגעוויזען אַז זי קען די וועלט איבערקעהרען.

איצט האָט זי אויסגעזעהן אין זיינע אויגען נאָך שענער ווי אַלע מאָל, איצט האָט ער פֿערגעסען אין אַלע רעכנונגען ווי עס איז בעסער

איינצוריכטען דאָס לעבען, איצט האָט ער געפֿונען אַז ווי גוט צו לעבען אויף דער וועלט פֿאַרשטעהט אידא, איצט האָט ער געפֿיהלט אַז אויף דעם פֿינפֿטען שטאָק אין קליינעם צימעריל דורך דעם קליינעם פֿענסטעריל, וואו מען זעהט אַ שטיקיל הימעל מיט אַ סך קוימענעס, איז פֿיעל שענער ווי אין זיין גרויסע וואָהנונג מיט די רייכע פֿערפוצטע צימער, מיט אַ שענעם אויסזעהן אויף איינעם פֿון די שענסטע פעטערסבורגער פלעטצער.

וואָס קומט איהם אַרויס פֿון זיין רייכטהום, וואָס ער האָט פון זיין פֿאָטער בירושה בעקומען, פון די געשעפֿטען, וואָס זיין פֿאָטער האָט פון לאַנג איינגעפֿיהרט און וועלכע אַרבייטען שוין איצט אַליין און ברענגען איהם יעהרליך אַ גוטע הכנסה אויף צו לעבען רייך, וואָס קומט איהם אַרויס פון דעם אַלעמען, אַז ער פֿיהלט זיך אומעטום גע־דריקט, אַז ער ווייסט ניט וואָס צו טהון מיט זיין צייט, אַז ער קען זיך קיין רוהיג אָרט געפֿינען ? און דאָ אין דעם קליינעם צימעריל איז איהם אַזוי גוט, ער וואָלט זיך געפֿיהלט פֿאַר דעם גליקליכסטען מענשען, ער זאָל שוין דאָ בלייבען אויף אייביג, פֿערשפארען קוקען אויף דעם זייגער און צעהלען די מינוטען, ווען אידא האָט צייט און ווען זי דאַרף אוועקגעהן אויף די נאַרישע „שטונדען", אָדער זיצען איבער די „ביכליך" — זיך גרייטען צום עקזאמען און אויסהערען אַלע מאָל פון איהר: „ארקאדיע מארקאוויטש ! איהר שטערט מיר אין מיין אַרבייט, ביז מאָרגען האָב איך קיין צייט ניט, איך האָב פֿיעל אַרבייט", און ארקאדיע פֿלעגט אַוועקגעהן מיט אַ זיפֿץ, מיט דער האָפֿענונג אַז אויף מאָרגען וועט איהם אידא וויטער שיינקען עטליכע פֿרייע מינוטען.

און אַזוי איז יעדען טאָג.

— אידא ! האָט ארקאדיע אין אַזוינע שווערע מינוטען געזאָגט מיט האַרץ — אויב אייך געפֿעלט ניט, אויב איהר קענט זיך ניט פֿיהלען גליקליך אין אַזא לעבען, ווי איך האָב אייך פֿאָרגעלעגט, בין איך גרייט צו לעבען אַזא לעבען ווי איהר וועט פֿערלאַנגען, איינריכטען אונזער לעבען אַזוי ווי איהר פֿערשטעהט.

— איצט פֿערלאַנג איך גאָר ניט און פֿערשטעה נור איין זאַך אַז איך דאַרף לערנען און אַרבייטען.

— לערענט מיך, אידא, ווי אַזוי איך זאָל לעבען, כדי מיר זאָלען קענען לעבען צוזאַמען, איך בעשטעה פֿאָרויס אויף אַלעס, ווייל מיין

גליק איז נור איהר. ריכטעט איין אונזער לעבען ווי איהר ווילט אַז איהר זאָלט זיך פֿיהלען גליקליך.

ארקאדיעס ווארימע ווערטער, וואָס זענען געגאַנגען פֿון טיעפֿסטען האַרץ פֿול מיט ליעבע און איבערגעבענהייט צו אידאן, האָבען איהר גוט האַרץ גערירט ביז צו טרעהרען, וועלכע האָבען זיך געשטעלט אין איהרע גוטע בלויע אויגען און געשפּיגעלט זיך דאָרט און געבריליאַנטעוועט. איהר גאַנץ געזיכט האָט געשיינט מיט גוטסקייט און דאַנקבאַרקייט צו ארקאדיען פֿאַר זיין שטאַרקע איבערגעבענהייט און ווי ער איז גרייט זיין גאַנץ לעבען, זיין גאַנץ פֿערמעגען מקריב זיין פֿאַר איהר.

אידא האָט אויף זיינע לעצטע ווערטער גאָר ניט געענטפֿערט. זי איז געבליבען זיצען פֿערטראַכט, איהרע אויגען האָבען זיך אַלע מאָל אַראָבגעלאָזט, זיך אויפֿגעהויבען און געקוקט אויף דעם שטיקיל הימעל, וואָס מען האָט געזעהן דורך דעם פֿענסטעריל.

ארקאדיע האָט פּלוצים דאָס ערשטע מאָל דערפֿיהלט ווי אידא איז צו איהם ניט פֿרעמד ווי ביז איצט, דאָס האָט ע ר אַרויסגערופֿען איהר פֿערטראַכטקייט, און זי טראַכט איצט פֿון איהם, נור פֿון איהם.

לענגער ווי אַלע מאָל איז ער היינט געזעסען ביי איהר אין צימעריל און געקוואלען פֿון איהרע אויגען, וועלכע האָבען איצט אויסגעזעהן שענער ווי אַלע מאָל, איהרע שענע בלאָנדע האָר, איהר יונגקייט און געזונדקייט, דאָס אַלעס האָט ער איצט בעמערקט מעהר ווי תמיד און איז היינטיגען טאָג אַוועקגעגאַנגען פֿון אידאן מיט די בעסטע האָפֿענונגען. ער האָט זיך זעלבסט איצט געפֿיהלט יונגער און שטאַרקער.

אין זיין קאָפּ האָט זיך איצט נור געדרעהט דער געדאַנקען, וואָס טהוט מען אַזוינס פֿאַר אידאן אַז זי זאָל זיך געפֿינען גליקליך; „זי איז ווערטה אַלעס, נאָך אַזוינע פֿרייליין'ס זענען ניטאָ, איך בין גליקליך וואָס איך ווייס זי ווי צו שעצען נאָך איהר ווערטה נאָך, מיינע בעקאַנטע זאָגען, אַז זי איז אַ פֿאַנטאַסטקע, טראָגט זיך אַרום מיט פּוסטע פּלענער, מיט איהרע פֿאַנטאַזיעס קען מען ניט לעבען, זי איז נאָך קינדעריש, נאַר קיינער האָט אָבער ניט געזאָגט אַז אַנדערע פֿרייליין זענען פֿיינער און שענער פֿון איהר. נאַר זאָלען אַלע זאָגען וואָס זיי ווילען, פֿאַר מיר איז זי אַלעס אין דער וועלט, מיין גאַנץ גליק, מיין גאַנץ לעבען".

מיט די געדאַנקען איז ארקאדיע היינט אַראָבגעגאַנגען פון פינפ־טען שטאָק. אידא האָט איהם גאָר ניט געזאָגט פאַר זיין אוועקגעהן, נאר ער האָט אין איהרע אויגען פיעל גוטס פאַר זיך געלעזען.

— איך האָב גוֹבר געווען דעם גרעסטען גבור, האָט ארקאדיע געטראַכט מיט שטאָלץ, דערמאַנענדיג זיך מיט וואָס פאַר אויגען האָט אידא היינט געקוקט אויף איהם.

*

ווען ארקאדיע איז היינט אַבענד געקומען צו זיך אין הויז, האָט ער ביי זיך אין קאַבינעט געפונען אנא'ן, זי איז געזעסען צוטראָגען און נערוונע געמישט זיין אַלבום מיט פאָטאָגראַפישע בילדער.

ארקאדיע האָט זיינע אויגען ניט געגלויבט, זעהענדיג זי אַליין בי, זיך אין צימער.

— איהר ביי מיר... אַליין... האָט ער דערשראָקען געזאָגט.

— יאָ אַליין... איהר האָט דאָס געוואָלט, בין איך געקומען... איך קען אייך מענער זעהר גוט. איהר האָט ניט געוואָלט ענטפערען אויף מיין בריעף...

— איהר, אנא, האָט קיין רעכט ניט געהאַט מיר שרייבען אַזוינע בריעף... איך האָב אייך קיין מאָל ניט געגעבען דערצו קיינע אורזאַ־כען... איך בין אַלע מיינע יאָהרען געקומען צו אייך אין הויז אלס שולפריינד פון אייער ברודער... איך האָב אייך קיין מאָל ניט גע־ליעבט... און איהר האָט פערלאַנגט אין אייער בריעף, איך זאָל בעטען פון אייך אייער האַנד, איך זאָל בעטען ביי אייערע עלטערען ער־לויבניש... מיט איין וואָרט איהר פערלאַנגט איהר זאָלט זיין מיין פרוי... נאר איך זאָג אייך נאָך אַמאָל, איהר האָט קיין רעכט ניט דאָס צו פערלאַנגען... איך האָב אייך ניט געענטפערט אויף אייער בריעף, ווייל איך האָב אייער גאַנץ שרייבען גערעכענט פאַר משוגע, פאַר נערוועז וואָס זענען אייך אויפגעקומען... בערוהיגט אייך און געהט צו הויז.

-- איהר טרייבט מיך.. ווייל איהר האָט מיך ניט ליעב, אַזוי זאָגט איהר, נאר איך האָב אייך ל׳עב, איהר הערט, ארקאדיע, איך האָב אייך ליעב, איך האָב ניט וואוהין צו געהן, איך וועל דאָ בלייבען און לעבען מיט אייך צוזאַמען.

— דאָס קען ניט זיין! האָט ארקאדיע דערשראָקען אויסגע-שריען.

— שוין זשע בין איך אין אייערע אויגען אַזוי מָאוּס, אַז איהר קענט אויף מיר ניט קוקען. איך ווייס וואָס פאַר אַ שוואַרצע קאַץ עס שטעהט צווישען אונז, דאָס איז אַלץ אידא, די נאַרישע פראַווינציאַלקע. איהר האָט עס אַליין געזאָגט אַז איהר האָט זי ליעב.

— איך האָב דאָס קיין מאָל פאַר קיין סוד ניט געהאַלטען, זי איז די ערשטע פריילין אין מיין לעבען, וועלכע איז מיר געפעלען און איך וואָלט זיך געשעצט גליקליך ווען זי זאָל מיין פרוי ווערען.

— נאר דאָס וועט קיין מאָל ניט זיין.

— פאַר וואָס ?

— איך וועל ניט דערלאָזען... איך האָב אייך ליעב... איהר ווייסט עס זעהר גוט... טרייבט מיך ניט פון אייער הויז... האָט אנא אָנגעהויבען היסטעריש צו וויינען.

ארקאַדיע האָט זי אָנגעהויבען בערוהיגען.

— אנא ! עס איז שוין צייט איהר זאָלט געהן אַהיים, עס איז שוין שפעט, איך וועל אייך אָבפיהרען צו הויז.

— איך דאַרף ניט, איך וועל ניט געהן, איך וועל דאָ בלייבען. איך וויל זעהן וואָס איהר וועט טהון מיט מיר, ווי אַזוי איהר וועט מיך אַרויסטרייבען, חאַ, חאַ, האָט זי זיך שטאַרק צולאַכט.

— איך וועל אייך ניט טרייבען, איך וועל אַוועקגעהן און אייך איבערלאָזען דאָ אַליין. איהר זענט קראַנק, אנא, איהר דאַרפט זיך היילען, ווי ערלויבט זיך אַ פריילין, אַ יודישע טאָכטער קומען צו אַ מאנספערזאָן אין קאַבינעט און ניט וועלען אַוועקגעהן.

— יודישע טאָכטער !.. האַ, חאַ,— די ווערטער האָט איהר זיך אויסגעלערנט פון דער פראַווינציאַלקע... שוין לאַנג אַז איהר האָט אָנגעהויבען רעדען אַזוי ? ווי לאַנג איז אַז איהר האָט געזאָלט התונה האָבען מיט אַ קריסטליך פריילין צוליעב אַ קאַריערע — און איצטער רעדט איהר פון אַ יודישער טאָכטער.

— דאָס איז געוועזען לאַנג, אָבער ניט איצטער...

— איבער אידען.

— עס קען זיין.

— און איך וועל ניט בלייבען קיין יודישע טאָכטער, מיין ברודער אסיפ אויך ניט, מיר קענען זיי אַלע ניט ליידען, מיר האָבען אַלץ גע-

ליטען צוליעב דער מאַמען, מעהר ווילען מיר ניט ליידען. מיין אסיפ ווערט אַ חתן פאַר אַ רייך קריסטליך מיידיל, איהר וועט זעהן ווי מיר ווילען ערשט אָנהויבען לעבען...

— ווער פרעגט אייך, ווער בעט אייך איהר זאָלט מיר אַלעס דערצעהלען, יעדער קען מיט זיך טהון וואָס ער וויל, איהר געהט צו הויז ווען ניט געה איך אַוועק, האָט ארקאדיע געזאָגט ערנסט.

— איהר טרייבט מיך ווידער ? וואַרט זשע אויס, איך וועל אייך ווייזען וואָס איך וועל אייך טהון, איהר וועט אין אַלעמען שולדיג זיין. וואַרט זשע אויס, איך וועל ווייזען, האָט אַנא געסטראַשעט מיט איין האַנד אין דער לופטען און פערקלאָפּט הינטער זיך די טיהר.

ארקאדיע האָט אַ גרינג זיפץ געטהון, ווען ער איז אַליין געבליבען.

— וואָס שרעקט זי מיך, וואָס קען זי מיר טהון ? מען דאַרף זאָגען אידען אַז זי זאָל זיך היטען פאַר איהר.

ארקאדיע האָט באַלד פערגעסען אין אַנא'ס אונערוואַרטעטען וויזיט, און פאַר זיינע אויגען האָט זיך פאָרגעשטעלט אידא, איהרע בלויע אויגען מיט שטעהענדיגע טרעהרען, וועלכע האָבען אַזוי גוט, אַזוי שען נעקוקט אויף איהם און ער האָט איהר קוקען געפיהלט טיעף, טיעף און האַרצען.

מיט אידא'ס גוטע שענע בלויע אויגען איז ארקאדיע היינטיגע נאַכט אַ גליקליכער איינשלאָפען געוואָרען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפען.

---

## XI.

### מיט צוויי יאָהר שפעטער.

פלעצער און הייזער אין וואַרשא זענען געפאַלען, און דער קרעדיט איז אויך געפאַלען. די ביינק האָבען אויפגעהערט אַרויסצוגעבען געלד און צו דיסקאָנטירען וועקסלען; עס איז ניט דאָ וואו צו לייהען אַ רובל, האָטש שטרעק זיך אויס, מען לאָזט פערפאַלען דאָס האַנדגעלד, וואָס מען האָט נעגעבען אויף פלעצער און אויף הייזער; די, וואָס האַלטען אין מיטען בויען, האָבען ניט מיט וואָס צו ענדיגען, די טערמינען פון וועקסלען לויפען אָן און עס איז ניט דאָ מיט וואָס צו צאָהלען, עס פעהלט ניט דער טאָג מען זאָל ניט הערען פון נייע באַנקראָטען, די נאטאריוסען האָבען קיין הענד ניט פון צו שרייבען די פראָטעסטען און די „סודעבנע פריסטאוועס" קענען זיך ניט צורייסען: אַזוי פיעל האָבען זיי איבערצושרייבען ביי די בעלי־חובות.

דער האַנדעל האָט זיך אין גאַנצען אָבגעשטעלט, סחורה אויף קרעדיט גיט מען ניט און פאַר מזומן איז ניט דאָ ווער עס זאָל קויפען. פון דער פראָווינץ קומען אָן יעדען טאָג פודענווייז פראָטעסטירטע, וועקסלען, און די סוחרים אין די גרויסע שטעדט מוזען זיך אויך „שטעלען".

אין אָדעס איז אַ צייט פון אַכט טאָג געוועזען באַנקראָטען אויף עטליכע מיליאָן, אין לאָדז איז שוין ניט דאָ ווער עס זאָל אָנזעצען, די קליינע פאַבריקליך האָבען זיך פערמאַכט, די גרויסע האָבען פערקלענערט די צאָהל פון די אַרבייטער, און ווער ווייסט וועמעס מאָרגען עס וועט זיין אפילו ביי די גרויסע. אין וואַרשא איז גאָר חושך, נעכטיגע גבירים, סוחרים זענען אויף מאָרגען אַנטלאָפען קיין אויסלאַנד, איבערגעלאָזט זייערע געשעפטען און הייזער אויף הפקר, טויזענדער מענשען, בוכהאַלטערס, פריקאשטשיקעס און אַרבייטער, וואָס האָבען נעכטען געהאַט פרנסה, זענען אויף מאָרגען געבליבען אָהן ברויט, - די סוחרים, וואָס זענען ניט אנטלאָפען און זיך נאָך געהאַלטען אויף די פיס, האָבען פערקלענערט די צאָהל פון זייערע „מענשען".

צעהנער־טויזענטער סוחרים, סוחרים׳ליך, קאָמיסיאָנערען, מעקלערס, און דרעהקעס זענען געבליבען אָהן ברויט, אָהן געשעפטען און

מיט פראָטעסטירטע וועקסלען איינער אויף דעם צווייטען; איינער דעם אַנדערען לאדט, נעכטען האָט בעריל פערקויפט געצלען די ביינקליך, מאָרגען האָט געצעל בערלען פערקויפט די ביינקליך, קיינעם קומט פון דעם לאדעניש ניט אַרויס, ווייל איינער ביים צווייטען האָט ניט וואָס צו נעמען און די לעצטע יודישע רובלען געהען אַוועק אויף לאָדענישען.

די פוילישע קאַנטאָרען, וואָס פערקויפען צו צוויי אָדער דריי קאָפּיקעס איין אייל פלאַץ, האָבען זיך שוין פערמאַכט, ווייל יודען האָבען שוין ניט פון וואַנען צו טראָגען אַהין געלד, די פוילישע פאמעשטשיקעס זענען געבליבען ביים געלד און יודען ביי זאמדיגער ערד, וואָס ברענגט קיין הכנסה. ביי טהייל פאמעשטשיקעס זענען פערפאַלען געוואָרען יודישע האַנדגעלדער און זיי זענען געבליבען אי ביים געלד אי ביי דער ערד.

די וואַרשאווער אַנטיסעמיטישע צייטונגען האָבען דערווייל שוין אויפגעהערט ווי פריהער צו שרייען אַז יודען נעמען אָב פוילען, זיי פערבויען די גאַסען מיט יודישע פאַלאַצען און אַלע יודען ווערען מיליאָנערען אויף פוילישער ערד. מיט דער גרעסטער פרייד זעהען זיי איצטער ווי מיט יודיש געלד האָט מען אין די לעצטע עטליכע יאָהר געמאַכט וואַרשא פאַר איינע פון די שענסטע אייראָפּעאישע שטעדט, אויף פיעל פון די פריהערדיגע גאַסען פון אַלטע איינגעבויגענע הילצערנע הייזליך, אָדער אויף זומפיגע בלאָטיגע פלעצער שטעהען איצט שענע מויערען, געבויט נאָך דער נייעסטער ארכיטעקטור.

נייע, גלייכע, שענע גאַסען, וואָס קענען בעשיינען יעדע גרויסע אייראָפּעאישע שטאָדט, זענען אין דער לעצטער צייט צוגעקומען אין וואַרשא און די וואַרשאווער זענען איצט שטאָלץ אויף זייער שענע שטאָדט.

דאָס אַלעס איז פון יודיש געלד, פון יודישע פראַצע, פון יודישען מוח, פעהיגקייט און קענטעניס.

און וואו זע״ען איצט די אַלע יודען, וואָס האָבען געבויט די פאַלאַצען, די שענע גאַסען? טהייל זענען פון צרות און פאַר די בעלי חובות אנטלאָפען קיין אויסלאַנד, טהייל זענען געבליבען טאקע אין וואַרשא און האָבען ניט דעם קאָפּ וואו אַנידערצולעגען, און נור אַ קליינער טהייל זענען געבליבען „סטראַזשעס“ ביי זייערע הייזער, אָבער

אויך ביז אין אַ געוויסער צייט, ווייל אויף זייערע הייזער קומט אין די ביינק מעהר וויפיעל זייערע הייזער טרעפען אָן.

און וואו איז אַהין געקומען דאָס יודישע געלד, יודישע אַרבייט?

דאָס אַלעס איז געבליבען ביי די, וואָס האָבען געהאַט זאַמדיגע ערד, אַלטע איינגעהויקערטע הייזליך און פוסטע זומפּיגע בלאָטיגע פּלעצער, וואָס האָבען קיין הכנסה געבראַכט און נאָך מעהר ביי די וואַרשאַווער ביינק.

אָט אין די ערטער איז אויך געבליבען הירשעלס גאַנצער נדן הירשעל איז נאָך אפילו אַ בעל חוב געוואָרען גלייך מיט אַלע אַנדערע וואָס האָבען געהאַנדעלט מיט הייזר, פּלעצער און דיסקאַנטאַ.

אָנגעהויבען האָט זיך עס אַזוי גוט און גרינג גלייך מיט אַלע אַנדערע גביר'שע יונגע לייט, וואָס האָבען אָנגעהויבען האַנדלען מיט הייזער און פּלעצער. אַדאַנק זיין שוועהר האָט ער געקויפט אַ הויז און האָט אין דעם ערשטען חודש פּערדיענט מִיַד לְיַד צעהן טויזענד רובל, דערנאָך האָט ער ווידער געקויפט אַ הויז מיט אַ פּלאַץ און ווידער פּערדיענט, דערנאָך האָט ער געקויפט עטליכע הייזער און פּלעצער אויף אַזוי פיעל געלד, אַז זיין קאַפּיטאַל מיט דעם געלד, וואָס ער פּלעגט בעקומען אויף די הייזער אין באַנק, איז ווינציג געוועזען, האַט ער אָנגעהויבען אונטערשרייבען וועקסעליך און דיסקאָנטירט פּרעמדע און אָנגעהויבען בויען הייזער. דערנאָך ווען די הייזער און פּלעצער זענען געפּאַלען און עס איז ניט געוועזען וועמען צו פּערקויפען מִיַד לְיַד, איז ניט געוועזען אפילו אויף דער הוצאה, האָטש בייס די הייזער; דערווייל זענען אויך אָנגעלאָפען די טערמינען פון די צאהלונגען און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז הירשעל איז דערונטער מיט הונדערט טויזענד רובל.

זיין שוועהר ר' שלמה אהרן ווייסענזילבער האָט זיך נאָך פריהער געשטעלט פאַר דעם איידעם מיט פיעל אַ גרעסערער סומע געלד און האָט געמוזט לויפען קיין אויסלאַנד, און הירשעל איז געבליבען אין וואַרשאַ ווי ער שטעהט אין געהט מיט זיין ווייב און קליין מיידעלע. פאַר זיינע בעלי חובות האָט ער קיין מורא ניט געהאַט, ווייל ער האָט גאָר ניט פּערמאָגט, די נשמה קענען די בעלי חובות ניט פּערקויפען,

נאר וואָס טהוט מען מיט זיך אַליין—מיט זיין ווייב און קינד, וועלכע ער דאַרף מְפַרְנֵס זיין.

— וואָס זאָל איך טהון ? ווי אַזוי זאָל איך מפרנס זיין מיין פֿאַמיליע ? — פֿלעגט הירשעל זיך אַליין פֿרעגן — אַז איך טויג צו גאָר ניט, קיין זאַך האָב איך זיך ניט אויסגעלערענט, אַז איך זאָל וויסען וואָס איך בין. מען האָט מיך חַתוּנָה געמאַכט, געלד געגעבען, מען האָט מיר פֿאָרגעלעגט געשעפֿטען, די געשעפֿטען האָבען זיך אויסגעלאָזט שלעכט, וואָס טהוט מען ווייטער, צו וואָס נעמט מען זיך?— זוכען אַ שטעלע?— וואָס קען איך, צו וואָס בין איך פֿעהיג ?

נאר קיינער, קיינער האָט הירשלען ניט געענטפֿערט אויף זיינע פֿראַגען, ער איז ניט געוועזען קיין איינציגער; טויזענדער געוועזענע סוחרים, קאָמיסיאָנערען, מעקלערס און אַזוי דרעהקעפּ, וואָס האָבען פֿערדיענט זייער פרנסה כל זמן עס האָט זיך גערעדעלט, האָבען זיך דערנאָך געפֿרעגט די אייגענע פֿראַגען וואָס הירשעל.

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ קורצע צייט און. אין ווארשא הערט מען נור אמאָל פֿון די פּאָר געצעהלטע יודען, וועלכע זענען פֿון דער צייט, ווען פלעצער און הייזער האָבען געפֿלאַמט, געבליבען ביי עטליכע רובל, און וואו זענען אָבער אַהינגעקומען די איבריגע טויזענדער ווייסענזילבערס מיט הירשעלס, וואָס האָבען אויך געהאַנדעלט מיט הייזער, פלעצער און דיסקאנטע?

אין זיי האָט מען פֿערגעסען, פֿון זיי הערט מען ניט ווי גלייך זיי זענען גאָר אויף דער וועלט ניט געבאָרען געוואָרען. טהייל זענען זיך צולויפֿען אין אַלע פֿיער עקען וועלט, טהייל זענען זיך צופֿאָהרען צו די נאָהענטע קרובים אין די קלענערע שטעדט, אָנגעוואָרפֿען אויף זיי ווייב און קינדער, זיי זאָלען ניט שטאַרבען פֿאַר הונגער אָדער אויספֿריערען פֿאַר קעלט אין דער גרויסער שטאָדט, וואו עס קאָסט אַלס אַזוי טייער, און טהייל וואַלגערען זיך עד היום ערגיץ אין הינטערגאסען אין די נאַסע שטיב-קעלערס, וואו זיי געהן אויס פֿאַר הונגער, און קיינער ווייסט פֿון זיי ניט. ענערגישערע פֿון זיי האָבען טאַקע אין דער גרויסער שטאָדט געעפֿענט „קאוויאַרניעס" אָדער מיטאַגס", וואו זיי פֿערקויפֿען אַ גלאָז קאַווע פֿאַר פֿינף קאפּיקעס, אַ גלאָז טהע מיט לימענע פֿאַר דריי קאפּיקעס און אַ מיטאַג פֿון פֿיער שפּייזען פֿאַר צוויי און צוואַנציג מיט אַ האַלבער קאפּיקע, נאר די קאָנ-

קורעניץ אין דעם איז אַזוי גרויס געוואָרען, אַז ניט אַלע ענערגישע מענשען האָבען ביי זייערע נייע פּרנסות געקענט בלייבען און זענען אויך גיך פערשוואונדען געוואָרען, און מען ווייסט ניט וואו זייער געביין איז אַהין געקומען.

אַפילו אין לאַוורעווע ווייסט מען ניט, וואו הירשעל מיט זיין ווייב און קינדער זענען פערפאַלען געוואָרען.

זיין פאָטער ר׳ קלמן לאַוויצער איז נאָך פאַר אַ יאָהרען פון גרויס צרות און בזיון געשטאָרבען. נאָך זיין טויט האָבען די בעלי חובות זיין הויז פערקויפט און זיין ווייב שרה פייגע איז מיט די קינדער אוועקגעפאָהרען צו איהר עלטערער אויסגעגעבענער טאָכטער. אין אָנהויב האָט זיך אין לאַוורעווע שטאַרק גערַעשְ׳ט פון ר׳ קלמן לאַוויצערס אומגליק און וואס עס האָט זיך פון איהם אויסגעלאָזט, אַלע אין לאַוורעווע און אַרום לאַוורעווע האָבען וועגען דעם גערעדט, נאר וואָס ווייטער אַ טאָג, אַ וואָך, אַ חודש האָט מען ווינציגער גערעדט, ביז מען האָט אין לאַוויצער מיט זיין פאַמיליע אין גאַנצען פערגעסען.

אין לאַוויצערס הויז געפינט זיך היינט אַ אָבטהיילונג פון אַ גרויס שטעדטינער באַנק, וואָס לייהט געלד אויף אַ קליינעם פּראָצענט הויזבעזיצער און די וואָס האָבען פלעצער און ווילען בויען הייזער.

לאַוורעווער יודען האָבען זיך שטאַרק אָנגעהאַפּט אין דער באַנק, ווער עס פערמאָגט עטליכע הונדערט רובל, לייהט ביי דער באַנק עטליכע טויזענד און בויט אַ הויז אַזוי, אַז לאַוורעווע ווערט אַ שענערע און גרעסערע שטאָדט, מען בויט דאָרט אַ סך הייזער צוויי און דריי שטאָקעדיגע.

אפילו חיים, אידאס עלטערער שוועסטערס מאַן, בויט אויך אין לאַוורעווע, אַדאנק דער באַנק, אַ דריי שטאָקעדיגעס הויז... און פיעל אַנדערע קאַליקעס, וואָס פלעגען זיך פריהער אַרומדרעהען אין לאַוורעווע פּיסטע פּאס אָהן שום געשעפטען, זענען איצט שטאַרק פערנומען מיט בויען אייגענע צוויי־דריי שטאָקעדיגע הייזער.

פלעצער אין לאַוורעווע ווערען איצט מיט יעדען טאָג טייערער, נעכטען האָט איינער געקויפט אַ פלאַטץ פאַר פופציהן הונדערט רובל אויף מאָרגען ניט מען צוויי טויזענד, לאַוורעווער

יודען פֿערדיענען מיד ליד פֿינפֿהונדערט און טויזענד רובל אויף אַ פלאַטץ.

אויף חיים'ן און נאָך אַנדערע געוועזענע אָרימע לייט זאָגט מען, אַז זיי האָבען אין פלעצער פֿערדיענט שען געלד און בכלל רעדט מען אז אין לאַווראַווע האָט זיך דער יודישער מסחר שטאַרק געהויבען.

נור ביי נחמן ליפשיץ, דער נאֶמָן און ביי בעריל וואַרעניק, דעם שוסטער איז קיין שום פֿערענדערונג אין זייער לעבען ניט פֿאָרגעקומען.

נחמן איז איצט אויך אַ לעהרער אין שטאָדט און שרייבט פֿאַר יענעם בריעף אויף פֿערשיעדענע שפראַכען און האָט זיך זיין שטיקיל פרנסה ווי פֿריהער, ער איז נאָך קראַנקער און גרויער געוואָרען און אַ דאַנק זיין ווייב פעסיע האַלט ער זיך נאָך אויף די פֿיס און טהוט זיין אַרבייט, ער הערט עד היום ניט אויף צו שרייען אויף זיך אַז ער איז אַ קאַליקע און קלוגט זיך אַליין, וואָס ער האָט אַזוי יונג חתונה געהאַט און ניט אַוועקגעפֿאָהרען מיט זיינע חברים פֿון דעם פֿינסטערען לאַוואָרווע אין דער ליכטיגער וועלט אַריין, ווייל ער וואָלט שוין איצטער געוועזען אַ בעוואוסטער דאָקטאָר, אַ אינזשינער אָדער אַ בערימטער אַדוואָקאַט.

פעסי הערט ניט אויף אָנצושרייען אויף איהם ער זאָל אויפֿהערען פלאפלען, ער וואָלט אין דער פֿרעמד ניט געקענט זיין אַ מינוט אָהן איהר, ווייל קיינער וואָלט אַזוי ווי זי ניט געקענט איבערטראָגען זיינע קאפריזען, נאר נחמן פֿאָלגט איהר ניט און רעדט ווייטער וועגען זיינע יונגע גליקליכע יאָהרען, ווען מען האָט זיך געצויגען פֿון דער פֿונסטערקייט און דער ליכטיגקייט.

## XII.

## אַ נאַכט.

שפּעט אין דער נאַכט, פּעטערסבורג שלאָפט שוין, אומעטום איז פינסטער און שטיל, נור אויף די הויפּטגאַסען, אין די בעלויכטע רעסטאראנען, טאַנצאבענדען, מאסקאראדען און קלובען רַעשט און לעבט נאָך. — אויף די הויפּטגאַסען, וואָס זענען בעלויכטען מיט עלעקטרישע לאַמטערנעס, פאַלט שטיקער שניי, עס שיט און שיט, עס ווייזט אויס אַז עס פאַלט ניט קיין שניי נאר ברילאַנטען, שליטענס לויפען מיט פרעהליכע פאַרשוינען, פאַר וועלכע עס האָט זיך שפּעט אין דער נאַכט ערשט אָנגעהויבען דאָס לעבען, אונטער די שליטענס סקריפּעט דער שניי, דער שניי פערשיט דאָס פנים און די אויגען, דאָס אַלעס רייצט נאָך מעהר די ביינאַכטיגע פאַרשוינען און זיי שרייען אין דער שפּעטיגער נאַכט:

— לעבען לעבען, וואָס מעהר לעבען!

אין די בעלייכטעטע הייזער הערען זיך פרעהליכע קולות און אַ קלינגעריי פון לויטערע גלעזער, אין וועלכע עס שפּיעלט פון פערשיעדענע מַשְׁקָאוֹת.

— לעבען, לעבען, וואָס מעהר לעבען! הערט זיך און פיהלט זיך אין דער לופט. אַלע איילען זיך לעבען אַריינהאַפּען, וואָס מעהר לעבען, — פונקט ווי אויף מאָרגען, ווען די נאַכט וועט זיך ענדיגען, ווען עס וועט אָנהויבען צו טאָגען, וועלען אָט די אַלע, וואָס לעבען איצט אין דער שפּעטער נאַכט, דאַרפען שטאַרבען.

עס איז דאָ אויף דער וועלט אַזוינע בעשעפענישען, וואָס אין דער ליכטיגקייט זענען זיי ווי געשטאָרבען און אין דער פינסטער לעבען זיי אויף.

— לעבען, נור געלעבט! שרייט גרישאַ אין רעסטאָראַן צווישען אַ קאָמפּאַניע קלאַפּענדיג מיט פיעלע גלעזער.

— נור געלעבט, נור געטאַנצט! זאָגט אַנאַ אויף אַ אָבענד איהר נייעם קאַוואַליער, מיט וועלכען זי טאַנצט אָהן אַ אויפהער.

און פיעל, פיעל אַזוינע פרעהליכע קולות הערט מען אין דער שפּעטער נאַכט.

וואָס איז מיט זיי די שמחה, וואָס הוליעט מען אַזוי ?
טהייל הוליען פֿון וואָהלטאָג און טהייל פֿון צרות.

די גרישעס הוליען די גאַנצע נאַכט, ווייל אין זייערע עלטערנס פֿאַבריקען און געשעפֿטען אַרבייטען אַ גאַנצען טאָג אַ סך מענשען. טהייל הוליען דערפֿאַר, ווייל צו קיין אַנדער זאַך אין לעבען זענען זיי ניט פעהיג, זיי קענען אין לעבען גאָר ניט שאַפֿען און האָבען ניט וואָס אָנצוּווערען און פֿיהל֗ען זיך נור דאַן גוט, ווען זיי פֿערשיכּר'ען זיך אין לעבען, זיי ווילען אַריינהאַפּען וואָס מעהר לעבען, כָּל זְמַן מען איז יונג און טאַנצען כל זמן עס טאַנצט זיך — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך אַ הויז איז אין דער שפּעטער נאַכט בעלויכטען — אַ גרויס הויז מיט אַ סך פענסטער. דאָ הערט מען אויך קולות, נאָר אַנדערע.

דאָ איז אַ הויז פֿאַר קראַנקע פֿרויען און געווינערינען.

אידאַ איז אויף דעם לעצטען קורס, היינטיגס יאָהר דאַרף זי ענדיגען און אין דער נאַכט איז זי „דעזשורנע", זי איז אָנגעטהון אין אַ ווייסען דאָקטאָרסקען קיטעל, ווייס פּאַסט איהר אַזוי שען צום געזיכט. מיט שטילע טריט געהט זי אַרום איבער דער „פּאלאטע" און הערט זיך צו צו יעדער קראַנקע, טהייל שלאָפֿען און טהייל ליגען מיט אָפֿענע דאַנקבאַרע אויגען צו דעם גוטען פֿרייליין, וואָס טהוט אַלעס, וואָס זיי פֿערלאַנגען נור און פֿערגרינגערט זייערע וועהטיגען.

עס איז שטיל, אידאַ זעצט זיך אויף אַ ביינקיל און הערט זיך צו, אָט הערט זיך אַ קרעכטץ, זי געהט צו אַ קראַנקער, זי גיט איהר עפּיס טרינקען, מאַכט צורעכט דער קראַנקערס געלעגער, זאָגט איהר אַ פּאָר גוטע ווערטער, און די קראַנקע בערוהיגט זיך. אידאַ קוקט אויף דעם זייגער, געהט צו אַ צווייטע קראַנקע, גיסט איהר איין די רפואות, זי מעסט די טעמפּעראַטור, און די קראַנקע מיט אַ רוהיגען שמייכעל אויף די ליפּען שלאָפֿט ווידער איין.

אידאַ זעצט זיך אויף איהר שטול און הערט זיך ווידער צו, מען הערט מעהר ניט ווי אָטהעמען און שטילע זיפֿצען פֿון די שלאָפֿענדיגע.

אין דער שטילקייט פֿון דער שפּעטער נאַכט דערמאָנט זיך אידאַ אין דער צייט, ווען זי איז פֿון לאַוראָווע אַוועקגעפֿאָהרען און וואָס זי האָט איבערגעליטען די לעצטע צוויי יאָהר, ביז זי איז געקומען צו איהר איצטיגען שטאַנד, צו דעם צוועק, נאָך וועלכען זי האָט זיך אַזוי שטאַרק

געצווינגען — זי איז איצט פֿערנומען, זי האָט אַ סך, אַ סך אַרבייט, זי וועט ניט לעבען אומזיסט אויף דער וועלט, מיט איהר אַרבייט אין איהר גאַנץ לעבען, וועט זי קענען ברייננגען אַ סך נוטצען אַנדערע, זי איז ניט קיין קאַליקע, קיין פוסטע־פּאַסניצע, זי איז איצט אין שטאַנד פֿיהרען איהר לעבען זעלבסטשטענדיג, ניט זיין אָבהענגיג פֿון יענעם.

דאָ איז איהר אויף דעם געדאַנק אויפֿגעקומען אַרקאַדיע מאַרקאָוויטש — ער איז זעהר אַ גוטער מענש, ער געפֿעלט מיר, ער האָט מיר די גאַנצע צוויי יאָהר ניט געשטערט לערנען און אַרבייטען און וואַרט אויף דער מינוט ווען איך וועל ענדיגען די קורסען. —

און דאָ האָט זיך אידאַ פלוצים בעגעגענט מיט אַ פּאָר אויגען פֿון אַ קראַנקע, וועלכע האָבען געקוקט אויף איהר. אין אַלע אברים און אויף דעם האַרץ איז איהר געוואָרען אַנגענעהם, וואַרעם פֿון די פּאָר אויגען, וואָס האָבען ניט אויפֿגעהערט קוקען אויף איהר.

— אַזוי פֿיעל, אַזוי פֿיעל דאַנקבאַרקייט געפֿינט זיך אין די אויגען — איז איהר אויפֿגעקומען אויף דעם געדאַנק, און זי האָט זיך דערמאָנט אָן פֿיעל פֿיעל אַזוינע אויגען, וואָס האָבען געקוקט אויף איהר אין די נעכט, וואָס זי האָט אין דעם הויז פֿערבראַכט אין די צוויי יאָהר.

— ווי נאַריש איז אַרקאַדיע, ער האָט מיר אין אָנהויב געוואָרענט, איך זאָל ניט אַריינטרעטען אין די קורסען, עס איז אַ שווערע אַרבייט, האָט ער געזאָגט, צו בעדיענען קראַנקע, ניט דערשלאָפֿען קיין נעכט, זיך קאַליע מאַכען מיינע „שענע אויגען", מיין געזונד, איך וואָלט בעסער געקענט גליקליך מאַכען איין מענשען.

אידאַ האָט זיך ווייטער בעגעגענט מיט אַ פּאָר נייע אויגען פֿון אַ קראַנקע.

— אָ ניין! מיט מיין געזונד, מיט מיינע „שענע אויגען" וועל איך בעסער גליקליך מאַכען ניט איינעם נאָר אַ סך, אַ סך מענשען... לעבען לעבען! וויל איך פֿאַר זיי...

און אידאַ האָט, ניט בעמערקענדיג, פֿאַר זיך זעלבסט אָנגעוויזען מיט איהר האַנד אויף די אַלע קראַנקע, וואָס זענען אויף זייערע בעטליך רוהיג געלעגען אין דער „פּאַלאַטע".

די קראַנקע זענען ווידער רוהיג געלעגען און ניט געשטערט אידעם געדאַנקען, זי האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל און געהענדיג אַזוי שטיל איבער דער „פאלאטא“ האָט זי דורך דעם פענסטער געזעהן ווי דער ווייסער שניי שיט און ווי בריליאַנטען...

ענדע.

# הודעה

## צעהען יודישע פאלקס-ליעדער

פערפאסט מיט די הארמאניה פון מוזיק בעגלייטונג טעקסט מיט געזאנג

פאן בעריהמטען דיכטער **אליקום צונזער.**

**אינהאלט:**

1) דיא קאנטראסטען (שני הפכים)·
2) דער אריסטאקראט·
3) דיא סאכע·
4) נאך דעם נייעסטען זשורנאל·
5) דער נייענצעהנטער יאהר הונדערט·
6) שיבת ציון·
7) בטוח אני באלה (בין אידשוין זיכער)·
8) רבי יעקב משלם·
9) דער חילוף·
10) קלוג, איידיל און שטיל·

פרייז 30 קאפ׳ פיר בוכהענדלער אונד ביבליאטהעקען געהעריגען ראבאט.

נאטען צו דיא צעהן יודישע פאלקס-ליעדער פון בעריהמטען אידישען דיכטער **אליקום צונזער** צום זינגען אונד פיאנא בעגלייטונג.

פרייז 1 רו״כ מיט פארטא, פיר בוכהאנדלער אונד ביבליאטהעקען ראבאט.

**עלעגיא לעוואנדע** טרויער געדיכט איבער דעם טויט פון ר׳ **יהודה ליב לעוואנדא.** טעקסט יודיש און רוססיש פאן **אליקום צונזער.**

פרייז 10 קאפ׳.

---

# חדשה

## שירי ציון!

## מבחר שירי ציון בשפת עבר.

אסיפת שירים ערבים לאומיים ממבחרי משוררי עמנו, יכיל הרבה שירים שונים נדפס בפורמאט קטן על ניר טוב ויפה ומהודר למאד.

**הספר הזה ראוי וטוב למנחה ולתשורה.**

מחיר הספר בכריכה קלה ויפה 30 קאפ׳. עם פארטא 35 קאפ׳ ובכריכה מהודרה 40 ק׳ עם פארטא 45 ק׳.

להשיגו בכל בתי מסחר הספרים וגם אצל המו״ל כפי הכתובת:

Книжный магазинъ, Исаака Функа Вильна.